STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09405

DEM TAYFELS KINDER

Stanislaw Przybyszewski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. פשיבישעווסקי

דעם
טייפעלס קינדער

איבערזעצט פון
פ. געליעכטער

ארויסגעגעבען פון
MAX JANKOWITZ
199 DIVISION STREET, NEW YORK, N. Y.
49

פאָררעדע.

סטאַניסלאַוו פשיבישעווסקי איז איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פאָרשטעהער פון דער מאָדערנער פוילישער ליטעראַטור. מען קען זיין ניט איינשטימיג מיט זיינע אידעען, מען קען קריטיקירען זיין ריכטונג אין דער ליטעראַטור, זיין טאַלאַנט איז אָבער צו גרויס, צו בעדייטענד, אַז מען זאָל איהם קענען איגנאָרירען.

פריה איז פשיבישעווסקי ארויסגעטרעטען אויפ'ן ליטעראַרישען פעלד. געבאָרען דעם 6טען מאַי, 1868, אין לאַיעווא, פּרייסיש־פוילען, ביי אַן אָרימען פוילישען דאָרפישען פאָלקס־שול לעהרער, איז דורכ־צומאַכען דעם וועג פון אָרימע אינטעליגענטען, וועלכער איז מיט דערנער, נויט און ליידען בעדעקט. דאָס עסטעטישע געפיהל און אויך דאָס געפיהל פון פראָטעסט האָבען זיך פריה אין איהם ענטוויקעלט. כדי צו בעפריעדיגען דאָס ערשטע, נעהמט ער זיך פאָר'ן שטודיום פון ארכיטעקטור און געשיכטע פון שעהנע קונסטען אין שאַרלאָטענ־בורגער פּאָליטעכניקום, וועלכע ער פערבייט אָבער באַלד אויף פילאָ־זאָפיע און פסיכאָלאָגיע אין בערלינער אוניווערזיטעט. כדי צו בע־פריעדיגען זיין בענקשאַפט נאָך פרייהייט און זיין שטרעבונג אויסצו־דריקען פראָטעסט נעגען די ארומיגע שלעכטסקייט און אונגערעכטיג־קייט וואַרפט זיך פשיבישעווסקי אריין אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. אין יאַהר 1891 ווערט ער דער רעדאַקטאָר פון דער „אַר־בייטער צייטונג“ אין בערלין און צייכענט זיך אויס אַלס טהעטיגער אַגיטאַטאָר צווישען די ארבייטער אין אויבערשלעזיען. אין דיזען ראָ־מאַן — „דעם טייפעל'ס קינדער“, וועלכער ווערט בעטראַכט אַלס אַ שטיק אויטאָביאָגראַפיע פון פשיבישעווסקי'ס נשמה־לעבען, פער־נעהמט אַ וויכטיגען פּלאַץ די שילדערונג וועגען דער ארבייטער בע־וועגונג, מיט וועלכער דער העלד, גאַרדאָן, איז פערבונדען.

אָבער די גאָרדאָנס־פשיבישעווסקי זיינען צופיעל אינדיווידואַ־ליסטיש אין יעדען היגזיכט, צו הויך שטעהט ביי זיי די איינענע

פערזאן, דער איינענער „איך". אז זיי זאלען קענען לאנג בעפריעדיגען זייער נשמה מיט זארג און טהעטיגקייט פאר'ן כלל. זייער פראטעסט, זייער בלוטיגער האס צו דער אונגערעכטיגקייט פון דער יעצטיגער געזעלשאפטליכער סיסטעם פון אונבעפריעדיגטע ליידענשאפטען, פון אינערליכע קעמפפע צווישען די שטרעבונגען פון זייער נשמה — פון דארט קומט זייער גרויסע אונצופריעדענהייט מיט דאס עקזיסטירענדע, פון דארט קומט זייער בענקעניש נאך עטוואס נייעס.

גארדאן, דער העלד פון ראמאן, דעם „טייפעל'ס קינדער" צרשטערט און פערניכטעט אלץ און אלעמען מיט דער גלייכגילטיגקייט און קאלטקייט פון א שטיין. און ער טהוט עס זאגאר ניט אוים פערזענליכע מאטיווען, זאנדערען אוים גרוים בענקשאפט נאך עטוואס נייעס, אוים דער ברענענדער ליידענשאפט צו פערניכטען דאס עקזיסטירענדע. גארדאן פערזעעט אונצופריעדענהייט איבעראל, און אום צו פערגרעסערען און פערשטארקען די אונצופריעדענהייט פלאנעוועט ער צו פערברענען די פאבריק, וואו די ארבייטער פון שטעדטיל זיינען בעשעפטיגט. ער פלאנעוועט אויך צו פערברענען דאס ראטה־הויז מיט אלע דאקומענטען און פערכאפען דאס געלד פון דער קאסע, כדי צו האבען מיטלען נאך מעהר צוצופלאקערען דעם געפיהל פון ליידענשאפטליכען פראטעסט. ווען זיין טייפלישער פלאן איז דורכגעפיהרט, ווען די גאנצע שטאדט איז פערניכטעט אין פלאמען, שמייכעלט גארדאן און מורמעלט צו זיך: „אזא ביסעלע פייער, אזא ביסעלע פייער". די ליידענשאפטען פון די גארדאנ'ס־פשיבישעווסקי ווערען קיינמאל ניט בעפריעדיגט. כאראקטעריסטיש איז וואס דער ראמאן ענדיגט זיך טאקע מיט גארדאן'ס פאלגענדע ווערטער:

„און מארגען וועל איך זיך בעפרייען פון מיין פערגאנגענהייט, אום צו נעהמען זיך פאר א נייעם טהאט, אום אנצופאנגען עטוואס נייעס".

די גארדאנ'ס פלאגט ניט דער געוויסען. ווען אויף דעם מזבח פון זייער ליידענשאפט ווערען געבראכט אונשולדיגע קרבנות, ווייל יעדער איינער פון זיי זאגט: „איך בין די וועלט, איך בין די מענשהייט".

אין יאהר 1891 איז פשיבישעווסקי נאך געווען דער רעדאקטאר פון דער „ארבייטער צייטונג". אין צוויי יאהר ארום ערשיינען זיינע ערשטע פאעטישע און וויסענשאפטליך־קריטישע ווערק, אין וועלכע ער טרעט ארוים מיט זיין נייער וועלט־אנשויאונג.

די נעכסטע פינף יאהר געהען אוועק פאר פשיביסשעווסקי'ן אין א פיבערישער שאפענדער טהעטיגקייט. עס בעווייזען זיך איינע נאך די אנדערע זיינע טהעארעטישע אבהאנדלונגען „וועגען די פסיכאלאגיע פון אינדיווידואום", ווענען ניעטשע, אלא בענסאן און אנדערע. אין יאהר 1897 ערשיינען זיינע צוויי גרויסע ראמאנען: „האמא סאפיענס" און דעם „טייעפעל'ס קינדער". פשיביסשעווסקי שאפט פיעל, שאפט גרויסע, פרעכטיגע ווערק, וועלכע א דאנק זייער גלענצענדע פאעטיש־ליטעראַרישע פארמען רופען ארויס אנערקענונג און בעוואונדערונג זאגאר ביי די, וועלכע קענען אהן שרעק און אבשיי נים דענקען ווע־גען זייער אינהאלט. זיין פוילישע אבשטאמונג שטערט איהם ניט צו ווערען איינער פון די יונגע אויפגעהענדע שטערענס אין דער דייט־טשער ליטעראטור.

דייטשע בילדונג האט ער געגאסען, צווישען דייטשען האט ער זיין גייסטיגע ענטוויקלונג בעקומען. ער איז צוגעשטאנען צו דעם קרייז פון די „יונגע" אין בערלין, וועלכע האבען זיך אוועקגעלאזען זוכען נייע פארמען און אויפגאבען פאר די קונסט. און נאר אין דער דייטשער שפראך שרייבט ער.

ווי שטארק עס איז ניט געווען דער גלויבען פון פשיביסשעווסקי'ן און זיינע חברים, אז „די קונסט איז א וויעדעראויפלעבונג פון דעם, וואס איז אייביג און אונאבהענגיג פון אלע ענדערונגען און צופעלע, אבגעזעהן פון צייט און ארט", דאך איז פשיביסשעווסקי'ן אליין באלד אויסגעקומען זיך צו איבערצייגען, אז די צייט, ארט און אומשטענ־דען שפיעלען א גרויסע ראלע אויך אין דעם שיקזאל און אויף דעם אינערליכען כאראקטער פון דער קונסט. אין פשיביסשעווסקי'ס לעבען איז אין יאהר 1898 א גרויסע ענדערונג פארגעקומען: פון בערלין פאהרט ער אריבער נאך קראקוי און פון איינעם פון די פיעלע יונג־דייטשען איז ער געווארען דער פיהרער פון די יונג־פוילען. דארט, אין קראקוי, און שפעטער אין ווארשא, האט די היימאטהס־לופט אויף פשיביסשעווסקי'ן א בלאז געטהאן און עס האט אין זיין נשמה נייע סטרונעס אויפגעוועקט, נייע שטימונגען ארויסגערופען, נייע ענערגיע ערוועקט.

די „יונג־פוילען" האבען שוין זייט איניגע יאהרען אליין זיך אוועקגעלאזט זוכען נייע וועגען אין דער קונסט. די „ריינע קונסט", די קונסט פון ריינער אונגעשטערטער שעהנקייט, פריי פון יעדען

געזעלשאַפטליכען אידעאַל, די קונסט אַלס העכסטער צוועק פאַר זיך אַליין, דאָס איז געווען דאָס נייע וואָרט. זיי האָבען אָבער ניט געהאַט די פעהיגקייט, זיי האָבען ניט געהאַט די כחות, זיי האָבען ניט געהאַט דעם גלויבען דיזעס וואָרט אין גרויסע טהאַטען צו פערווירקליכען. פּשיבישעווסקי איז געקומען צו די „יונג־פּוילען" אַלס איינער פון פרעמדע לענדער, אַלס איינער, וואָס האָט צווישען פרעמדע נאַציאָנען געלעבט און אין פרעמדע שפּראַכען זיינע געדאַנקען אויסגעדריקט. אָבער ער האָט זיך באַלד אומגעקעהרט צוריק צו זיין היים און האָט זיך געשטעלט אַן דער שפּיצע פון דער בעוועגונג פון דער פּוילישער יו־גענד. ער האָט געאַרבייט מיט אַזאַ געוואַלדיגער היץ, מיט אַזאַ וויל־דער ליידענשאַפט, אַז מען האָט געקענט אַנהויבען צווייפלען צו איז אין איהם דער זשעניע משוגע געוואָרען, אָדער די משוגעת איז געניאַל געוואָרען. ווערענדיג דער פיהרער פון דער מאָדערנער פּוילישער יו־גענד, איז פּשיבישעווסקי אַליין אַ פּוילישער שריפטשטעלער געוואָרען. ער האָט אויפגעהערט צו שרייבען אין דייטש. ער האָט גענומען איבער־זעצען זיינע אַלטע ווערק אין פּויליש און שאַפען אויך נייע, אַלץ אין דער זעלבער שפּראַך.

פּשיבישעווסקי געפינט זיך יעצט אין אַ בליהענדער אַלטער. דאָס לעצטע וואָרט זיינס האָט ער נאָך ניט געזאָגט. אין די גאָר לעצטע יאָהרען טראָגט זיין ליטעראַרישעס שאַפען אפילו שוין ניט מעהר דעם פיבערישען כאַראַקטער פון אַמאָל, אָבער פון צייט צו צייט מאַכט ער רייכער די ליטעראַטור מיט נייע, גרויסע מתנות. די עטליכע צוואַנציג יאָהר פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט שטעלען מיט זיך פאַר אַ בילד, אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָב זיין אייגענע געניאַלע אינדיווידואַליטעט.

ווי ביי וועניג אַנדערע שריפטשטעלער, קען מען אין זיינע ווערק שטודירען יענע גרונד שטרעבונגען פון דעם קינסטלער'ס נשמה, וועל־כע וויל בעלעבען מיט איהר אייגען בלוט די גאַנצע וועלט — די לע־בעדיגע אַזוי גוט ווי די טויטע. פּשיבישעווסקי שפּיעלט שטענדיג אויף די סטרונעס פון זיין אייגענער נשמה און דערפאַר איז געווען מעג־ליך, אַז ער זאָל די גאַנצע צייט, אין די לירישע שעפּפונג פון די יונגע יאָהרען, ווי אין די גרויסע ראָמאַנען און דראַמען פון די ווייטערדי־גע יאָהרען, בלייבען שטענדיג דער זעלבער. קיין ענטוויקלונגס־פּראָ־צעס, ווי דאָס איז געוועהנליך אַנגענומען צו רעדען ביי יונגע דיכטער,

איז ביי איהם נים צו בעמערקען. פון זיינע ערשטע שריט אין דער לי־טעראטור קען מען זעהן דעם פאלשטענדיג רייפען פשיבישעווסקי. און דאס קומט פון זיין טרייהייט צו זיך אליין, ווייל ער שפיעלט באמת שטענדיג אויף די סטרונעס פון זיין אייגענער נשמה.

מאנכע קריטיקער צייגען אן, אז פשיבישעווסקי׳ס דיכטונגען טראגען אן אויטאביאגראפישען כאראקטער און אז די לייט־מאטיווען ווידערהאלען זיך ביי איהם זעהר אפט. זיין דיכטערישער טאלאנט איז אבער צו גרויס, צו שעפפעריש איז זיין פאנטאזיע, און צו פיעל־זייטיג און רייך איז זיין אינדיווידואליטעט, ער זאל ארייננפאלען אין אפטע ווידערהאלונגען. ווי אין בעטהאווען׳ס א סימפאניע, אין וועלכער די פיעלע וואריאציעס פון דעם גרונד־מאטיוו זיינען נאר א קוואל פון אלץ פרישען עסטעטישען גענוס און פון אלץ נייער שעהנ־קייט, אזוי קומט אויך ביי פשיבישעווסקי׳ן ארויס אן אוצר פון שעהנ־קייט און פראכט פון די פיעלע וואריאציעס אויף דעם גרונד מאטיוו.

פשיבישעווסקי׳ס מוזע צייכענט זיך אוים מיט איהר גרענעצלא־זער רייכקייט און פיעלזייטיגקייט. זי בעהערשט אלע מעגליכע טענער און פארבען. אט איז זי מעלאדיש און בעצויבערענד. אט איז זי מע־לאנכאליש און בענקענד און אט ווערט זי צארנדיג און בעטויבענד. און ווי מיט די קלאנגען פון זיינע ווערטער, אזוי איז אויך מיט די פארבען פון זיינע בילדער: די פראכט און שעהנקייט פון זיינע ביל־דער זיינען איבערראשענד. דיזע רייכקייט אין טענער און אין פארבען קומען פון פשיבישעווסקי׳ס צוויי גרויסע פונדאמענטאלע אייגענשאפ־טען: פון זיין גרונדלאזער פאנטאזיע און פון זיין ברענענדער ליידענ־שאפטליכקייט.

פשיבישעווסקי איז נים נאר א קינסטלער, נאר אויך א קונסט־טהעארעטיקער און דענקער. מען כאראקטעריזירט געוועהנליך פשיבי־שעווסקי׳ס ריכטונג אין דער ליטעראטור אלס די סעקסואל־פסיכאלא־גישע. מען מוז צוגעבען, אז עס איז קוים דא נאך איין שריפטשטעלער, וועלכער זאל ארויסווייזען אזויפיעל געניאליטעט און טיעפקייט אין דער שילדערונג פון דעם נעשלעכטליכען געפיהל. אין זיינע לירישע ווערק, אין זיינע ראמאנען און דראמען איז די סוקסועלע פסיכאלאגיע. די צוגליעדערונג פון געשלעכטליכע ליידענשאפטען דורכגעפיהרט מיט א וואונדערבארער מייסטערקראפט. עס וואלט אבער געווען א טעות צו דענקען, אז פשיבישעווסקי בעשעפטיגט זיך מיט פארנאגראפיע,

אז ער זוכט צו רייצען די געשלעכטליכע געפיהלען. פשיבישעווסקי שטרעבט בלויז צו שילדערען די נשמה, די „נאקעטע" ריינע נשמה, אבגעריסען פון אלע ערשיינונגען פון ווירקליכען לעבען. ווי אזוי קען אבער די קונסט ארייגדרינגען אין דיזע טיעפעניששען פון דער נשמה? אויף דעם ענטפערט פשיבישעווסקי קלאר און שארף: „אין אנפאנג איז געווען דאס געשלעכט. דאס געשלעכט איז די אקס, ארום וועלכע עס דרעהען זיך אלע ערשיינונגען. דער פאקט איז, אז אין אונזערע צייטען דריקט זיך די נשמה אוים נאר אין די בעציהונגען צווישען די געשלעכטער".

דאס געשלעכטס-פראבלעם ווערט ביי פשיבישעווסקי'ן אויפגענומען ניט אין גראבען, פיזישען זין, ניט אלס פיזיאלאגישע בעדערפניש, זאנדערען פיעל טיעפער און פיעל איידעלער — עס ווערט אויפגענומען אלס פסיכאלאגישע טרייב-קראפט, אלס בענקעניש פון דער נשמה, יא, זאגאר אין ברייטערען זין, אלס דאס פונדאמענטאלע וועלט-פראבלעם.

פשיבישעווסקי באלאנגט צו יענער גרופע שריפטשטעלער און דיכטער, וועלכע גלויבען, אז דער פונדאמענטאלער פרינציפ פון דער נייער קונסט פון אלע ריכטונגען און שטרעמונגען בעשטעהט אין דעם בעגריף פון דער נשמה אלס די אינדיווידועלע קראפט; פון דער נשמה, וועלכע געהט פון דער אייביגקייט צו דער אייביגקייט; פון דער נשמה, וועלכע לויט דעם ווילען פון די אונבעקאנטע קרעפטען, לאזט זי זיך ארונטער אויף עדר ערד, קעהרט זיך ווידער אום אין שויס פון דער אייביגקייט און פערקערפערט זיך ווידער...

פשיבישעווסקי איז איינער פון די טאלאנטפולסטע פארשטעהער פון דער מאדערנער פוילישער ליטעראטור. מען קען זיין ניט איינשטימיג מיט זיינע אידעען, מען קען קריטיקירען זיין ריכטונג אין דער ליטעראטור, זיין טאלאנט איז אבער צו גרויס, צו בעדייטענד, אז מען זאל איהם קענען איגנארירען.

דער איבערזעצער.

1.

גארדאן האט זיך שטארק אנגעבויגען פאראויס און האט אבגע־מאסטען אסטאפ'ן מיט א שארפען, בעפעהלענדען בליק.

— דו מוזט דאס טהאן, אסטאפ; דו קענסט זיך ניט אבזאגען; האסטו עס איינמאל פערשפראכען, איז שוין צו שפעט זיך צוריקצו־ציהען.

אסטאפ האט איהם אנגעקוקט, אזוי ווי ער וואלט ניט פערשטא־נען, וואס מען רעדט צו איהם, האט זיך א וויילע פערטראכט און א זאג געטהאן:

— ניין, איך קען ניט! פערשטעהסט? איך קען ניט!

גארדאן האט זיך אנגעלעהנט אויפ'ן רוקען פון שטוהל.

— דו מוזט! — האט ער אין א ווײלע ארום געזאגט.

— איך וויל ניט! — האט אסטאפ געשריען נערוועז — איך וויל ניט! דו ביזט דאך א מענש! פערשטעהסטו דען ניט, אז עס האנדעלט זיך דא װעגען מיין פאטער? פערשטעהסטו דען ניט, אז אויב ער האט מיר געצייגט ווי אזוי די קאסע צו עפענען, איז ער שוין דורך דעם אליין מיינער א מיטהעלפער געווארען.

גארדאן האט א שמייכעל געטהאן.

— אויב קיין אנדער זאך שטערט ניט, אויסער דיין פאטער...

— וואס? ייאס ווילסטו דערמיט זאגען?

גארדאן האט ווייטער געשמייכעלט.

— א מאדנער מענש ביזטו. מאנכעס מאל ביזטו שארף ווי א מעסער, און נאכהער ווערסטו פלוצלינג סענטימענטאל, ווייך ווי א לע־מעלע. וואס איז ווירקליך א פאטער? איך ווער דערפון ניט נתפעל. דו דענקסט, וואהרשיינליך, וועגען א פאטער, אלס א מענשען, וואס האט דיך אויף דער וועלט געבראכט געגען זיין ווי אויך געגען דיין ווילען. הא, הא, הא... דו האסט דאך איהם ניט געבעטען וועגען דעם, וואס?

דאס לעבען איז דאך גאר ניט אזא גרויס גליק, הא? איבריגענס, האב איך ניט קיין חשק צו פיהרען מיט דיר א פילאזאפישען געשפרעך. דו מוזט עס טהאן און דו וועסט עס טהאן! עס איז ווירקליך לעבערליך... דיזע געשיכטע מיט'ן פאטער!... וואס טרינקסטו, טהעע צו וואסער מיט ראם?

אסטאפ האט זיך אוועקגעזעצט און אראבגעלאזט די אויגען צו דר'ערד.

זיי האבען לאנג געשוויגען.

נארדאן האט געראויכערט א פאפיראס און האט פון אסטאפ'ן זיי־נע אויגען ניט אראבגענומען.

— ניין, איך קען ניט! — אסטאפ איז פון ארט אויפגעשפרונגען און האט אנגעהויבען שפרייזען איבער'ן צימער. — איך קען ניט אונ־גליקליך מאכען זיך און דעם פאטער.

— אבער וועגען דעם וועט דאך קיינער זיך ניט דערוויסען. — נארדאן האט אנגעפאנגען זיין געדולד צו פערלירען — קיינער וועט ניט ערפאהרען, אז אין דיינע הענד זיינען די שליסעל געווען, און קיינעם וועט גאר ניט איינפאלען דער געדאנק, אז דער פאטער האט דיר געצייגט, ווי אזוי די קאסע צו עפענען... איך בין ניט אזא נאר; א חוץ דעם, נויטיג איך זיך אין דיר צופיעל, איך זאל דיך וועלען אונגליקליך מאכען צוליעב אזא קלייניגקייט... די קאסע וועט מען נאכהער צוברע־כען...

— גאט, ווי שארפזיניג דו ביזט! — אסטאפ האט געקוקט אויף איהם מיט שפאט, נאר אין דער זעלבער מינוט האט ער ווייטער אנגע־פאנגען ארומצוגעהן א פערטראכטער איבער'ן צימער.

— און נאכהער וועט קיינעם גאר ניט איינפאלען צו זוכען די קאסע? — אסטאפ איז געבליבען שטעהן פערוואונדערט. — און וואס וועסטו טהאן מיט איהר?

— דאס איז שוין מיין זאך: דו ווייסט, אז איך קען זיך אן עצה געבען.

נארדאן האט זיך אונגעדולדיג פון ארט אויפגעהויבען, נאר ער האט זיך באלד ווייטער אוועקגעזעצט.

אסטאפ האט זיך צולאכט מיט א בייז געלעכטער.

— און אויב איך וועל, ניט קוקענדיג אויף קיין זאך, דאָס פאָרט ניט טהאָן?

זיי האָבען איינער דעם צווייטען מיט פּעראַכטונג אָנגעקוקט.

— דו פרעגסט, וואָס עס וועט דאַמאָלס זיין?

— יאָ.

— נו, די רעזולטאַטען זיינען דיר אזוי גוט בעקאַנט, ווי מיר... אָט, טרינק נאָר טהעע; ניין, נעהם בעסער ראָם... עס איז דיר קאַלט? דו ציטערסט אזוי...

— יאָ, איך האָב זיך צוגעקיהלט. עס הערט דאָך גאָר ניט אויף צו רעגנענען.

אָסטאַפּ האָט געטרונקען מיט א פּיבערהאַפטער שנעלקייט און האָט זיך נאָכהער לאַנג דעם שטערען געריבען.

— דיין אויפרעגונג האָט מיך זעהר נייגעריג געמאַכט.

— מענליך, אז בלויז צוליעב דיר... — גאָרדאָן האָט א שמייכעל געטהאָן.

אָסטאַפּ האָט אויף איהם אן אומעדיגען בליק געוואָרפען, דאָך האָט ער גאָרניט געזאָגט און האָט זיך ווייטער אין זיינע געדאַנקען פערטיעפט.

— וואָס זאָל מען טהאָן מיט דעם הונד? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

גאָרדאָן האָט געקוקט אויף איהם מיט פערוואונדערונג.

— דער הונד? נו, עס פרעהט מיך זעהר, וואָס דו געדענקסט וועגען אזעלכע איינצעלהייטען... דעם הונד, נאַטירליך, וועט מען פערגיפט'ען. א שטיק ברויט מיט שמאַלץ, פערגיפטעט מיט נוקס וואָמיקאַ... הא?

— ווי עס זעהט אויס, האָסטו א זעלטענע ערפאַהרונג אין דעם — האָט אָסטאַפּ זיך בייז צולאַכט.

— און דו האָסט גאָר ניט געוואוסט וועגען דעם? ביזטו דען ניט אָפּט געשטאַנען אין געפאַהר ביי אונזערע אונטערנעהמונגען? אין אַלגעמיין וואונדערט מיך זעהר דיין גאַנצע בענעהמונג. ערשט מיט צוויי טעג צוריק ביזטו אין גאַנצען דערויף איינשטימיג געוועזן...

— האָסט, פּיעלייכט, מורא, אז איך וועל דעם פּלאַן פעררא־

טהען? — האט אסטאפ מיט אויפרעגונג געברומט.

— ניין, וועגען דעם האב איך ניט געדענקט. נאר מיר שיינט, אז דו ביזט קראנק. דיין מארך איז עפעס ניט אין גאנצען... א פרוי מאכט פון דיר א תל... א שוואכער מענש ביזטו...

גארדאן האט לאנג און ערנסט געקוקט אויף איהם.

— א שוואכער מענש ביזטו — האט ער איבערגע'חזר'ט.

אסטאפ האט זיך אבגעשטעלט און האט אויסערגעוועהנליך טרויעריג אויף גארדאן'ען א קוק געטהאן.

— ניין, הער... איך בין ווירקליך ניט שוואך, איך בין בלויז זעהר, זעהר מיעד.

— מיעד?

— יא, מיעד! און ביי אזא צושטאנד פון מיעדיגקייט כאפט אונז ארום א שרעק ביי יעדער טהאט. ביז יעצט האב איך זיך ניט געשראקען. אבער יעצט בין איך מיעד. און אט אין אזעלכע מאמענטען זוכט מען נור א תירוץ, אום זיך אויסצודרעהען פון טהעטיגקייט. איך ווייס דאך, אז דו האסט די גאנצע זאך גוט ארומגעטראכט... אך, אמת, די קאסע איז דאך פעראייניגט מיט דעם סיגנאל־גלאק...

— אין אזא פאל מוזטו איבערשניידען די דראטען.

— איך?

— יא, דו!

— זאל זיין אזוי... אבער וואס האב איך געוואלט זאגען? אהא, זעהסט, איך בין שרעקליך מיעד. און איך האב זיך געשטעלט די פראגע, ווארום טהוען מיר דאס? ווארום?

ער האט א קוק געטהאן אויף גארדאן'ען און א קרענקליכער שמייכעל האט אויף זיינע ליפען געשוועבט.

— ווארום? דו ווילסט אן ענטפער?

— ענטפער? הם, ניין. אבער די הויפט־אורזאכען פון א טהאט מוזען דאך עקזיסטירען, ניט אמת? האט ארער ליעבע?... יא, האט ארער ליעבע... אבער צו וועמען?

— לאמיר זאגען: צו זיך אליין.

— און אויב אימיצער האט זיין אייגענעם „איך" פערלארען?

— אין אזא פאל דארף מען עס טהאן, אום איהם ווייטער צו גע־פינען.

— און אויב יענעם מענש איז גאר ניט אינטערעסאנט זיין „איך" צו געפינען?

— אהן דיזען „איך" קען מען ניט עקזיסטירען. א מענש מוז אין אזא פאל אונטערגעהן. און אויב ער דארף שוין אונטערגעהן, איז דאך אלץ איינס, צי ער וועט אויספיהרען דיזע טהאט, צי ניט. מען קען איהם אויספיהרען צוליעב פערשיעדענע מאטיווען... דו ווייסט.

— איך וויים גאר ניט. איך וויים ניט, ווארום איך זאל דיזען טהאט אויספיהרען. עס איז דאך אלץ איינס, אויב איך וועל אפילו דעם טהאט ניט דורכפיהרען.

— פערשטעהט זיך.

— וועל איך עס טאקי ניט טהאן.

גארדאן האט מיט די אקסלען א קוועטש געטהאן.

— ווי דו פערשטעהסט! אויב עס איז דיר אלץ איינס, צי זיי וועסט אומקומען אין עטליכע טעג ארום אדער מיט עטליכע יאהר שפעטער...

אסטאפ האט לאנג געקוקט אויף גארדאן'ען, ווי ער וואלט ניט פערשטאנען, וואס יענער רעדט.

— דענקסטו ווירקליך, אז מען וועט מיך אברוימען, אויב איך וועל עס ניט ערפילען?

— יא.

אסטאפ האט דעם ענטפער ניט געהערט... ער האט געציטערט פון קעלט.

— האסט געמוזט אין גאנצען דורכגעווייקט ווערען? — האט גארדאן א פרעג געטהאן.

— ניין. קאך גאר גוט אויף דאס וואסער... ער האט זיך אין גאנצען צוזאמענגעדריקט...

— הער, גארדאן, דו ווייסט דאך, אז איך קען אלץ טהאן; נאר שוין א צייט, דאס איך בין עפעס ניט מיט אלעמען. פערשטעהסט זיך, אז אלעס, וואס איך האב פערשפראכען, וועל איך ערפילען. און דו, דענק איך, צווייפעלסט אין דעם ניט אפילו א מינוט... איך האב יעצט

ניט קיין גלויבען. נאר איך געה נאך דיר, ווייל דו האסט איהם יא... איך וויים אייגענטליך ניט, ווארום דו האסט אזא גרויסע בעדייטונג ביי מיר אין די אויגען, איך האב זיך קיינמאל ניט פערטראכט איבער דעם: נאר ווען דו ביזט דאמאלס, מיט צוועלף יאהר צוריק, אין קלאס אריינגעקומען, און מיר האבען זיך מיט דעם ערשטען אומעדיגען בליק אבגעמאסטען, האב איך באלד געפיהלט — יא, איך האב קלאר פערשטאנען: אט דיזער מענש איז דיין שיקזאל! דאס ביזטו אייגענטליך ניט געווארען... איך האב דאך נעהאט דיזעלבע געדאנקען און דיזעלבע טייפלישע נייגונגען... נור דיין מארך איז שטארקער...

ער איז שטיל געבליבען און האט אויף גארדאן'ען א קוק געטהאן. גארדאן איז געזעסען מיט אן אונבעוועגליכען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט און האט אויף אלץ מיט גלייכגילטיגקייט געקוקט.

— גאדאן, גלויבסטו אין דעם, וואס דו טהוסט?

— ווארום פרעגסטו דאס?

— איך וויל וויסען! איך וויל ניט, דו זאלסט מיך פיהרען פאר'ן נאז.

— אבער שריי ניט אזוי! א מאדנער אויפגערעגטער מענש דו ביזט... מען דארף קיינמאל ניט צווייפלען, אויב עס גלויבט זיך אדער ניט. דער גלויבען איז דא, און דאס איז גענוג. דעם גלויבען קען מען אין גאנצען ניט פערלירען. איך דענק ניט, אז מען קען דאס גאר פערלירען. אבער דער גאנצער וועזען, די גאנצע נשמה און אלע איהרע אינסטינקטיווען זיינען דורכגעזאפט מיט געוויסע איבערצייגונגען און יעדער נערוו איז צוזאמענגעוואקסען מיט א געוויסער לעהרע, אז עס פיהלט זיך א נויטווענדיגקייט עפעס צו טהאן, זאגאר אין חלום, ניט ווילענדיג, אויף להכעים דיין אייגענעם בעוואוסטזיין — אדער ניין... אין ערשטען פאל האבען מיר צו טהאן מיט גלויבען, אין צווייטען... נו, יא, דער צווייטער פאל עקזיסטירט גאר ניט. מיליאנען מענשען האבען טהעארעטיש פערלארען דעם גלויבען אין גוטעס, דאך פיהרען זיי אוים פיעל גוטע טהאטען, ווייל זיי האבען אן אינסטינקטיווען גלויבען, ווייל ג ו ט ע ס אליין איז א גלויבען. איבריגענס, בין איך גאר ניט אויפגעלייגט צו פילאזאפירען. און אויסער דעם, וויל איך דיך גאר ניט פיהרען פאר'ן נאז. איך וויל פערניכטען, ניט כדי שפעטער

אויף די חורבות צו בויען, נאר טאקע, אום צו פערניכטען. ווייל פערניכטונג איז מיין לעהרע, מיין גלויבען, מיין רעליגיאן. מעגליך, אז איך האב א טעות, מעגליך, אז אונבעוואוסטזיניג שטרעב איך גאר צו גוטעס, מעגליך, אז אין דעם אלעם פליעסט א געדאנק וועגען דער מענשהייט — אבער פאר מיר מאכט דאס ניט קיין אונטערשיעד. איך שטרעב בלויז צו פערניכטונג. איבריגענס, האב איך ניט דעם קלענסטען פערלאנג איבערצו'חזר'ען פאר דיר נאך אמאל דאס, וואס איך האב שוין טויזענד מאל געזאגט... דו זוכסט בלויז אן אויסרייד, א תירוץ, ווייל דו ביזט פערליעבט... און ליעבע איז טאקי אן אבסליוטע ווירקליכקייט... ליעבע שטרעבט צו גליק, לעבען, פערגניגען, צו אלעם, יואס דו האסט פעראכטעט ערשט מיט א האלב יאהר צוריק. איך שטרייך אונטער מיט א האלב יאהר צוריק... חע, חע, ווארום טאקי זאלסטו ניט זיין גליקליך? אבער מען דארף ניט זאגען קיין ליגען און זוכען די אורזאכע פון דיין יעצטיגען צושטאנד ערגעץ אנדערש... נאר דו ביזט אזוי בלייך... פיעלייכט וועסטו זיך איבערטהאן?

— ניין, א דאנק, איך געה באלד אוועק...

אסטאפ האט דעם קאפ אראבגעלאזט, נאכהער האט ער אויף גארדאן'ען מיט א תמ'עוואטען שמייכעל א קוק געטהאן.

— עס איז ניט אמת, הערסט... זי ליעב דאך מיך גאר ניט?

— ווער?

— העלא.

— ניין!

— ביזט זיכער אין דעם?

— שיינט מיר אזוי.

אסטאפ האט זיך הייזעריג צולאכט.

— איז זי נאך אלץ דיין געליעבטע?

גארדאן איז אונרוהיג געווארען, די אויגען האבען ביי איהם געפינקעלט.

— יא?

גארדאן האט ניט געענטפערט, נאר א לייכטער שמייכעל האט איבער זיין פנים דורכגעשוועבט.

— וואס לאכסטו? — האט אסטאפ א געשריי געטהאן.

— איך לאך ניט. ניין, ניין... אבער ווי מאָדנע עס איז, דאָס איז עהנליכע מאָמענטען שטעלען אלע מענשען דיזעלבע פראַגע אין דער זעלבער פאָרמע... יאָ, מיר איז בעקאַנט דיזער כעס, וועלכער שטרעבט מיט די ברוטאַלסטע געדאַנקען צו בעשמוצען די פרוי.

— אַזוי, אַזוי... דיר איז דאָס אויך בעקאַנט? חאָ, חאָ, חאָ... דו ביזט זעהר געניט אין דעם...

— עס איז ניטאָ אַזאַ שמערץ, וואָס איך זאָל ניט האָבען געליטען

— האָט גאָרדאָן געזאָגט שטיל און זעהר אומעטיג, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אליין.

אסטאָפ איז פּלוצלינג זעהר ערנסט געוואָרען.

— הער, גאָרדאָן, איך וועל טהאָן אלץ, וואָס דו וועסט וועלען. אָבער וועסטו מיר ענטפערען אויף אייניגע פראַגען?

— פרעג!

— אַז דאַמאָלס ווען זי איז געפאָהרען קיין לאָנדאָן צו אַ פריינ־דין, איז זי דאָך גאָר געווען ביי דיר, כאָטש עס האָבען זיך געטראָגען קלאַנגען, אַז דו ביזט קיין אמעריקאַ אוועקגעפאָהרען — איז דאָס ניט אמת?

— יאָ, זי איז געווען ביי מיר.

— האָסטו געוואָלט מיט איהר הייראַטהען?

— יאָ.

— וואָרום־זשע האָסטו ניט געהייראַטה?

— ווייל זי האָט פריהער געהערט צו אַן אַנדערען.

— און דו האָסט געהאַט גענוג מוטה זיך פון איהרע אָרעמס אַרויסצורייסען?

— יאָ.

— וואו האָסטו דיזע מאַכט גענומען?

— ביי זיך, ב יידעם גלויבען, וועלכער איז אונערקלערבאַר, אָבער וועלכער איז דאָך אַ פאַקט, אַן אַלגעמיינע מאַכט, וואָס קען אַלעס פערוווירקליכען, ניט זאָרגענדיג וועגען דיין אייגענעם פערשטאַנד.

אסטאָפ האָט געטרונקען אַהן אַן אויפהער, ער האָט געקוקט אויף גאָרדאָן'ען מיט אַ דורשטיגער נייגיעריגקייט, נאָכהער האָט ער דעם קאָפּ אויף דער ברוסט אַראָבגעלאָזט.

זיי האבען לאנג געשוויגען.

— דו האסט געבענקט נאך שעהנקייט — האט אם ענדע אסטאפ א זאג געטהאן, ווי ער וואלט זיך געגריבעלט אין זיינע אייגענע גע־דאנקען. איך פערשטעה דיך. איך האב אויך געבענקט נאך דיזען גליק, נאך דעם גליק פון צוזאמענשמעלצען צוויי הערצער. אבער דאס איז מעגליך נאר אין בעצוג צו א ריינער פרוי, וועלכע האט פריהער קיינמאל ניט געליעבט, וועלכע האט נאך קיינמאל צו קיינעם ניט בעלאנגט... אמת, הא?

— יא.

— ווארום?

— ווייל יענער ערשטער גליק איז אין דער זעלבער צייט דער איינציגער מאמענט, אין וועלכען די ליידענשאפט איז הערליך — הערליך. פערשטעהסט?

— דער איינציגער מאמענט?

— יא. א פרוי בעלאנגט שטענדיג צום ערשטען, בעוואוסטזיניג אדער אונבעוואוסטזיניג; דער פלאם פון דער ערשטער ליעבע שפיע־געלט זיך אב אין איהר הארץ; און האבען א פרוי, וועמעס הארץ בא־לאנגט צו א צווייטען — איז א שאנדע.

— א שאנדע? — אסטאפ האט געווארפען אויף איהם א בליק, פול מיט אונאויסדריקליכען שמערץ.

— יא — האט גארדאן געענטפערט מיט א ניט־קלינגענדער, היי־זעריגער שטימע.

— זי האסט דיך! — האט אסטאפ געזאגט, אזוי ווי ניט ווי־לענדיג און בעוואוסטלאז.

גארדאן האט א שמייכעל געטהאן.

— האסטו ביי זיך אין הארץ שוין געענדיגט מיט איהר? —האט אסטאפ נאך א לאנגען שטילשווייגען געפרעגט.

גארדאן האט ניט געענטפערט. ער האט אויסגעטרונקען דאס גלאז ביז צו לעצט. זיי האבען ווייטער געשוויגען.

— אבער וועסטו ניט קראנק ווערען, אסטאפ? דו ביזט אזוי בלייך. דאס לעצטע יאהר איז דיר וואהרשיינליך ניט זעהר גוט געגאנגען.

אסטאפ האט א ציטער געטהאן און האט איהם אונפערשטענדליך אנגעקוקט.

— דיין קינד'ס טוידט האט דיך געוויס זעהר אויפגערעגט?

אסטאפ'ס פנים איז מיט א טוידטער בלייכקייט בעדעקט געוואָרען, די הענד האבען ביי איהם געציטערט און די אויגען האבען זיך אוננאטירליך פארנאנדערגעשפרייט.

גארדאן האט פערוואונדערט אויף איהם א קוק געטהאן.

— דו האסט מורא — האט ער ארויסגעזאגט — איך האב שטענדיג בעמערקט, אז דו האסט עפעס מורא.

— האב איך דען מורא?

— יא — האט גארדאן א שמייכעל געטהאן.

— וואס לאכסטו?

— איך לאך ניט. איך האב ליעב מענשען, וועלכע האבען שטענדיג פאר עפעס מורא. דאס איז גוט, זעהר גוט.

— ווארום?

— ווייל אזעלכע מענשען... — גארדאן איז פלוצלינג שטיל געבליבען און האט א שמייכעל געטהאן.

זיי האבען זיך א ווײלע מיט שארפע בליקען אבגעמאסטען.

גארדאן האט די אויגען אראבגעלאזט.

— ווייל אזעלכע מענשען בעלאנגען צו מ י ר — האט גארדאן א זאג געטהאן.

— צו דיר?

— יא. צ ו מ י ר.

— ניין, איך בין ניט דיין מענש! איך וויל מיט דיר קיין מגע ומשא ניט האבען. איך וויל ניט דיין שפיעלצייג זיין.

אין די ווינקלען פון גארדאן'ס מויל האט עפעס לייכט א ציטער געטהאן.

— דו האסט מיך ניט פערשטאנען. ניט דאס האב איך געמיינט. איך דענק בלויז אַ, מיר זיינען אלע צוזאמענגעבונדען איינער מיט דעם צווייטען. מיר... יא, מיר, וועלכע האבען וואס צו בעדויערען, שמערצליך צו בעדויערען, וועלכע שרעקען זיך עפעס, אלץ איינס פאר וואס: פאר'ן זשאנדארם, צי פאר'ן געוויסען, פאר אונזערע איי־

גענע געפיהלען, צי פאר דער טורמע...

אסטאפ האט זיך אויפגעשטעלט.

— דו געהסט אוועק?

— יא.

— פיעלייכט ווערסטו אויטרינקען נאך א גלאז טהעע?

— ניין. איך וועל געהן אהיים. איך בין עפעס ניט געזונד. איבערינענס, וועל איך טהאן אלץ, וואס דו ווערסט פערלאנגען. די זאך איז בלויז וועגען מיין פאטער. דו ווייסט, פערשטעהט זיך, אז דער אמת פון א שטאדט־קאסיר איז זעהר א פעראנטוואָרטליכער.

— וועגען דעם דארפסטו ניט זארגען.

גארדאן האט זיך פערטראכט.

— אך, יא, — אויב דו וועסט זיך טרעפען מיט העלא'ן, זאג איהר, אז איך גריס זי.

— איך וועל דאס ערפילען — האט גארדאן געענטפערט און זיך צולאכט.

2.

גארדאן איז לאנג געזעסען פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

פון צייט צו צייט האט ער זיך אויפגעהויבען, געשפרייזט איר־בער'ן צימער, אנגעשפארט דעם שטערען אן דער קאלטער שויב, נאכ־הער האט ער זיך ווייטער אוועקגעזעצט און — האט אזוי איינגע־דרעמעלט.

פלוצלינג האט ער זיך אויפגעכאפט, ארויפגעווארפען אויף זיך דעם רעגען־מאנטעל און איז ארויס.

אין דרויסען האט א טיפע פינסטערניס געהערשט. עס האט גע־רעגענט. איהם האט זיך געדאכט, אז די טראפענס רעגען פאלען ווי אייז־שפילקעס אויף זיין געזיכט. פון דער ווייטענס האבען זיך געזעהן די בלישטשענדע פייערלעך פון דער פארשטאדט; ער האט א געוויסע צייט בעטראכט דעם טאנץ פון דיזע שטראהלען, וועלכע האבען זיך אויסגעמישט מיט דער אונענדליכער פינסטערניס. נאכהער האט ער ווידער ווי אן אלעם פערגעסען.

ווען ער איז אין שטאדט אריינגעקומען, האט ער געפיהלט, אז ער איז אין גאנצען דורכגעווייקט. ער האט ווי פון פיבער געציטערט. מען זאל כאטש א קארעטע קריגען! ער האט זיך אומגעקוקט און א שמייכעל געטהאן. פערשטעהט זיך, אז יעצט וועט ער אין ערגעץ קיין קא־רעטע נים בעקומען. און ער האט זיך ווייטער געלאזט געהן. ער איז פערביינגעגאנגען עטליכע גאסען, האט זיך פערקירעוועט עפעס אין א שמאל געסעל און איז ענדליך צוגעקומען צו א קליינטשיג הויז, וואס איז געשטאנען אבגעזונדערט פון אלע אנדערע, כמעט אויף אן אפען פעלד. און ער האט דארט אנגעקלאפט.

מען האט פאר איהם זעהר שנעל די טהיר געעפענט.

— גוטען אבענד, פאליא!

— שטיל! ער שלאפט...

ער האט דער מיידעל אין די אויגען אריינגעקוקט און האט איהר האנד אין זיינער פערהאלטען.

— אלץ ערגער און ערגער...

אין דער זעלבער מינוט האט דיער קראנקער זיך אין בעט אויפגעזעצט.

— אך! דאס זיינט איהר, הערר גארדאן! גאט, ווי לאנג איך האב אויף אייך געווארט...

גארדאן איז נעהענטער צום בעט צוגעגאנגען.

— ווי פיהלט איהר זיך?

— עס ווערט שוין, וואהרשיינליך, לאנג ניט דויערן... פאליא, ברענג אריין טהעע... איך רויכער יעצט ווייטער... עס איז דאך שוין אלץ איינס. דער אלטער מיזערסקי איז דא געוועזן איין מאל און האט מיך געזעהן רויכערען. מיר האט דאס פערשאפט פיעל פערגניגען, צו לאזען דעם רויך איהם גלייך אין פנים אריין. ער איז דאך עפעס א דאקטאר. ער דארף דאך מיר העלפען... חע, חע, ווייסט איהר, וואס ער האט מיר געזאגט? מיט א זיסען שמייכעל אויפ'ן געזיכט האט ער מיר א קלאפ געטהאן איבער'ן אקסעל און געזאגט, דאס איך בין א בראווער יונגערמאן, אן אמת'ער רוימער, וועלכער קען זאגאר שטארבען שעהן... חא, חא, שטארבען שעהן...

ער האט זיך פערהוסט.

— ערגער פון אלץ איז דאס, וואס עס דויערט אזוי לאנג. עס קען זיך נאך אזוי פערציהען ביי א האלב יאהר. ער האט געקוקט אויף גארדאן'ען מיט גרויסע, דערשראקענע אויגען, אזוי ווי ער וואלט א טרייסט געזוכט.

נאר גארדאן האט געשוויגען, ווי ער וואלט אין גאנצען וועגען עפעס אנדערש געקלערט.

— איז מיזערסקי היינט געוועזן ביי אייך?

— ניין, ער איז אוועקגעפאהרען.

— אוועקגעפאהרען? אויף ווי לאנג?

— אויף עטליכע טעג. פאליא איז געוועזן ביי איהם. זיין טאכטער האט זעהר פריינדליך זיך נאכגעפרעגט אויף מיר חע, חע... עס זיינען דא מענשען, וועלכע פיהלען מיר מיט... איך דארף דאס ניט.

צום טייפעל! איך דארף ניט קיין רחמנות. איהר זייט דער איינציגער, וועמען איך קען אויפנעהמען, ווייל ביי אייך אויפ'ן פנים איז ניטא אזא אויסדרוק פון מיטלייד, ווי ביי יענע אנדערע. איך האב זיי אלע פערטריבען.

דאס געזיכט פון דעם יונגען מאן האט זיך פערצויגען מיט א גריי־מאסע פון הילפלאזער משוגעת.

— איהר דארפט זיך ניט אויפרעגען, סטעפאן. איהר זייט צו־פיעל אויפגעבראכט... האט מיזערסקי'ס טאכטער טאקע זיך געפרעגט אויף אייך?

— יא.

גארדאן האט זיך צורודערט ארומגעקוקט איבער'ן צימער, אזוי ווי ער וואלט זיך ניט אינטערעסירט מיט דעם ענטפער.

— איהר דארפט אוועקפאהרען פון דאנען — האט ער פלוצלינג א זאג געטהאן. — די וועגד זיינען אין גאנצען נאס און מיט שימעל בעדעקט. דאס וועט אייך אוועק'הרג'ען.

— יעצט איז עס שוין אלץ איינס. זאל זיך דער שימעל וואקסען געזונדערהייט.

— אבער פאר אייער שוועסטער איז דאך דאס שעדליך.

דער קראנקער האט מיט פערראכטונג א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— אלץ איינס: פריהער אדער שפעטער.

ער האט זיך ווייטער אויפ'ן בעט אוועקגעלייגט און האט די אויגען צום סופיט געווענדעט.

— יעצט מוז איך ווייטער ליגען — האט ער אין א ווייל ארום א זאג געטהאן. — דיזע נאוועמבער־טעג קענען צו פערצווייפלונג ברענגען. חע, חע... עס איז זעהר אינטערעסאנט צו ליגען אזוי אין בעט און זיין פאלקאם זיכער, אז אין גיכען וועסטו מאכען נאהענטע בעקאנטשאפט מיט די ווערים.

ער האט זיך צולאכט און האט אויף גארדאן'ען א קוק געטהאן.

פאליא איז מיט דעם סאמאוואר אריינגעקומען.

— אבער, גארדאן, איהר זייט דאך אין גאנצען דורגענעצט.

טרינקט גיך הייסע טהעע... און גיט מיר אייער רעגען־מאנטעל, איך וועל איהם אויסטריקענען...

זי איז זעהר אויפגערעגט געווען.

— איהר קענט זיך נאך ערנסט צוקיהלען.

— אך, איך בין שוין צוגעוואוינט דערצו. איך בין איינמאל געשלאפען אויף אן אפענעם פעלד און דער רעגען האט געגאסען, אזוי ווי אלע כמארעס וואלטען זיך אבגעריסען...

ער האט א שמייכעל געטהאן, דאך האט ער אראבגענומען דעם מאנטעל און איהר דערלאנגט.

— און פיעלייכט וועט מאקע זיין בעסער איהם אויסצוטריקענען — האט ער געזאגט צורודערט.

ווען זי איז שוין ביי דער טהיר געווען, האט דער קראנקער זיך געווענדעט צו איהר:

— פערבלייב ביי זיך אין צימער, איך דארף זיך דורכרעדען מיט גארדאן'ען וועגען א זעהר וויכטיגען ענין, זאלסט אונז ניט שטערען.

— ניין, ניין!

— ארבייט איהר יעצט פיעל? — האט גארדאן געפרעגט.

— יא, איך ארבייט זעהר פיעל. און איך ארבייט מיט אונגעוועהנליכער שנעלקייט און בערעכענטקייט. אבער איהר ווייסט דאך שוין... וואהרשיינליך האט איהר דאך געהערט וועגען דעם, דאס איך זער אלץ מיט אזא בעשטימטער קלאהרקייט... חע, חע... די קלאהרקייט קומט שטענדיג דאמאלס, ווען מען דערנעהענטערט זיך שוין צום סוף...

— האט איהר שוין געענדיגט די בראשורע?

— איך וועל זי אייך געבען אין צוויי טעג ארום. אבער דערלאנגט מיר א גלאז טהעע... אזוי. דאנק אייך.

ער האט ארויסגעצויגען א פלאש פון אונטער דעם קישען.

— ווילט איהר אביסעל קאניאק?

— איהר טרינקט יעצט ווייטער? — האט גארדאן געפרעגט פערוואונדערט...

— יא. דאס גיט צו מוטה... חע, חע, עס איז שוין אלץ איינס... איך וויל טהאן עטוואס... יעצט וועט מיר שוין גאר ניט שאדען, גאר

נים. אך, עס איז עפעס אזא מאָרנער געפיהל, ווען דו ווייסט, אז דיר קען שוין גאָר נים שאַדען. נים אמת, האַ? אויב איינער, וואָס איז פעראורטהיילט צום טוידט, ווערט קראַנק אויפ'ן מאַגען, קען דאָך דאָס איהם גאָר נים שאַדען, נים אמת?

— ניין — האָט גאַרדאַן געזאָגט צורודערט.

סטעפּאַן האָט א ווײַלע אומעדיג געקוקט אויף איהם.

— הערט, איך האָב מיט אזא בענקשאַפט געוואַרט אויף אייך און איך בין אייך אזוי דאַנקבאַר, וואָס איהר זייט געקומען; אָבער איהר זייט יעצט נים ביי מיר, נאָר ערגעץ ווייט...

— ניין, איך בין ביי אייך... איך האָב אייך זעהר ליעב, וואַראַנסקי, זעהר ליעב...

ער האָט דאָס געזאָגט כמעט גלייכגילטיג.

וואַראַנסקי איז אונרוהיג געוואָרען.

— וואַרט, איך מוז זיך אויפהויבען, איך קען נאָר טראַכטען אין בעט, און איך מוז זיך מיט אייך דורכרעדען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט און האָט זיך אָנגעטהאָן מיט א פיבערהאַפטע שנעלקייט. גאַרדאַן האָט געהאָלפען וואַראַנסקי'ן און האָט איהם אונטערגערוקט א שטוהל.

— ניין, דאַנק אייך. איך וועל ארומגעהן איבער'ן צימער.

נאָר ער האָט זיך באַלד אוועקגעזעצט און האָט דורשטיג געטרונקען די גלאָז טהעע, געמישט העלפט מיט קאָניאַק. דאָס פּנים האָט ביי איהם געפלאַמט, און די אויגען האָבען געפינקעלט מיט א קרענקליכען בליאַסק.

גאַרדאַן האָט פערטראַכט געקוקט אויף איהם, אזוי ווי ער וואָלט איהם נים געזעהן.

דער קראַנקער האָט איהם פּלוצלינג פאַר דער האַנד אָנגעכאַפּט.

— הערט, פערשטעהט איהר, וואָס עס מיינט שטאַרבען? שטאַרבען אין מיינע יאָהרען? אין דעם צוואַנציגסטען יאָהר פון לעבען? פערשטעהט איהר אין אַלגעמיין, וואָס עס הייסט שטאַרבען? איך שלאָף נים גאַנצע נעכט, נאָר איך טראַכט; איך בעמיה זיך אריינטראַכטען... זעהט איהר איך בין שוין אין גאַנצען רוהיג. איך ווייס, אז איך מוז שטאַרבען. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס? וואָס הייסט שטאַר־

בען? זאגט מיר! איהר זייט פאר מיר דער גרעסטער אויטאָריטעט. איהר זייט מיין גאָט. זאגט מיר, וואס מיינט שטאַרבען?!

— איך ווייס ניט.

— איהר ווייסט ניט? איהר מוזט וויסען! איהר מוזט! איהר האָט שטענדיג גענטפערט אויף מיינע פראגען. וואָרום קענט איהר יעצט ניט ענטפערען. הע, הע... א מענש שטאַרבט! עפּעס האָט אימי־צער געזאגט, אז די נשמה שטאַרבט פריהער אָב. גרויסער גאָט, וואָס פאר אַן אונזין! די נשמה שטאַרבט! בלויז אידיאָטען גלויבען אין דעם! הע, הע... צו וואָס לעב איך אין אלגעמיין?... הע, הע... דער ציעל דאַרף עקזיסטירען בלויז אין מענשליכען בעוואוסטזיין... און איהר ווייסט ניט צו וואָס איך לעב? איך בעמיה זיך צו טראַכטען וועגען דעם. מיין קערפּער ווערט צופוילט! גוט! מיין נשמה... אַן אונשטערבליכער שטערען־קערפער...

ער האָט זיך פערהוסט און שווער געאָטהעמט.

גאַרדאַן האָט איהם אַנגענומען פאר'ן האַנד און האָט איהם גע־קוקט אין די אויגען אריין.

וואָראַנסקי האָט זיך באַלד בערוהיגט.

— גלויבט איהר אין גיהנום? — האָט גאַרדאַן געפרעגט.

— ניין!

— קענט איהר זיך פאַרשטעלען עפּעס אַזוינס ברוטאַלעס?

— ניין!

— גלויבט איהר אין אַלגעמיין, אַז מען קען פייניגען דעם קערפּער נאָכ'ן טויט?

— ניין!

—קען דען נאָכ'ן טויט זיין גרעסערע יסורים פון די, וועלכע מאַ־טערען אייך יעצט?

— ניין!

גאַרדאַן האָט נאָכגעלאָזט זיין האַנד און האָט אויף דר'ערד גע־קוקט.

— קען דען זיין נאָך גרעסערע יסורים? — האָט וואָראַנסקי גע־פרעגט אויפגערעגט.

— יא. נאָר איהר וועט זיי קיינמאָל ניט פיהלען. האָט איהר קיינ־

מאל ניט געליעבט קיין פרוי?

— מיין שוועסטער, פאליא, האב איך געליעבט.

— ווי א פרוי?

— ניין!

זיי האבען לאנג געשוויגען.

ווראנסקי האט זיך אויפגעהויבען.

— אך, דער פחד! דער שרעקליכער פחד! איך האב היינט געוואלט מאכען א סוף, און... און... ווי מאדנע דאס איז! דאס הארץ קלאפט, דער גאנצער קערפער ציטערט, א קאלטער שוויים קומט אויפ'ן שטערען ארויס, די האר אויף דעם קאפ שטעלען זיך קאפויר... אבער טרינקט שוין! טהוט עס מיר צוליעב! טרינקט מיט מיר. איך האב ניט ליעב אליין צו טרינקען.

— יא, איך וועל מיט פערגעניגען טרינקען.

— האט איהר ליעב צו טרינקען? חע, חע... הייסט עס, איהר האט ליעב צו טרינקען... הם... גארדאן! גלויבט איהר אין גאט?!

— ניין, ווייל דער טייפעל איז עלטער פון גאט.

— הייסט עס, אז דער טייפעל איז אייער גאט?

גארדאן האט שווייגענדיג א שמייכעל געטהאן.

ווראנסקי האט אויפמערקזאם זיך איינגעקוקט אין איהם.

— הערט, גארדאן, איך האב געהערט וועגען א געוויסער סעקטע, וואס גלויבט אין טייפעל...

גארדאן האט געשוויגען און זיך ווייטער פערקלערט.

— ניין, איך גלויב ניט אין טייפעל — האט ער אם ענדע א זאג געטהאן. — איבריגענס, קען איך זעהר גוט יענע סעקטע. עס איז דא צווישען זיי פיעלע נארישע מענשען, ווי איבעראל.

— אבער עס זיינען צווישען זיי גרויסע מענשען אויך פאראן? גרויסע! אזוי ווי איהר?

— פיעלייכט... אבער איך בין גאר ניט קיין גרויסער מענש... איהר בעטראכט מיך אלס א גרויסען מענש, ווייל איהר זיינט נאך יונג און קענט מענשען זעהר ווייניג...

— איז דאס אמת, אז דיזע סעקטע גלויבט אין דעם נעגענזאץ פון דער נאטור, ווי אין א סארט היילינטהום?

— דאס איז מעגליך.

— אבער איהר האט דאך פריהער געזאגט, דאס איהר קענט גוט דיזע סעקטע.

— איך קען בלויז זייערע גרונד־פרינציפען, און דיזע געפעלען מיר זעהר. איהר פערשטעהט? איך רייד פון א ריין עסטעטישען שטאנדפונקט. עס איז דאך דא פיעל אמת אין דעם געדאנק, דאס מיר אלע זיינען דעם טייפעל'ס קינדער. אלע, וואס ווערען געפייניגט פון פערצווייפלונג און פיהלען א געהיימען שרעק, אלע די, וועמעס געווי־סען איז ניט ריין... און עס איז אויך דא פיעל אמת אין דעם, אז דאס גאנצע לעבען איז דעם טייפעל'ס קעניגרייך: א גיהנום... נאכ'ן טוידט וועלען מיר פיעלייכט האבען עפעס אז נארישעס און באנאלעס, ווי א גן עדן... איך דענק, איבערהויפט, אז אלע, אין וואס מענשען גלויבען איז ניט אמת — אין געגענטהייל...

— אפשר איז יעדער איינער געזיבערט צו האבען דעם גן עדן נאכ'ן טוידט?

— יעדער איינער, וואס איז דא אין דעם טייפעל'ס לאפעס ארייג־געפאלען...

— מאכט ניט חוזק! — האט ווראנסקי אויסגעשריען. — איהר דארפט ניט חוזק מאכען! איהר פערשטעהט? איך האב אזוי גע־בענקט נאך אייך און איהר שפאסט גאר יעצט איבער מיינע ליידען. איבער מיין שרעק!

— איך שפאס ניט! איך זאג עס גאנץ ערנסט.

דיזע ווערטער האט גארדאן ארויסגערעדט זעהר רוהיג.

— אבער דאס אלעס איז דאך מיסטיש, עסטעטיש. און איך וויל ניט קיין עסטעטיק! איך דארף שטארבען! איך וויל פאקטען! איהר האט פערניכטעט מיין גלויבען. איהר האט ביי מיר צוגענומען אלע, וואס וואלט מיך געקענט יעצט טרייסטען, איך בין געווארען דער כהן־גדול פון אטהעאיזם. איך האב איהם פערטראגען אין שולע אריין, האב איהם פערפלאנצט אין די הערצער פון אלע מיינע חברים, האב געשפּי־גען אויף אלעס, וואס איז הייליג, האב פערניכטעט און צושטערט, ווייל איהר זייט מיין גאט געווען, ווייל איך האב אין איין געגלויבט; און

יעצט, ווען עס כאפט מיך ארום די שרעק פון טוידט, שפייזט איהר מיך מיט עסטעטיק, דו...

ער האט פלוצלינג א קוק געטהאן אויף גארדאן'ען און האט זיך דערפיהלט שטארק פערשעהמט. ער איז אבגעקיהלט געווארען.

— ניין, גארדאן — האט ער נאכדעם שטיל ארויסגעזאגט. — דאס איז, וואהרשיינליך, בלויז שרעק; אבער איך וועל זיך ניט אבזאגען פון מיינע איבערצייגונגען.

גארדאן האט אויפמערקזאם אויף איהם א קוק געטהאן.

— לייגט זיך אוועק, סטעפאן; איהר האט פיבער. איהר רעדט אהן א צוזאמענהאנג. די בורזשואזיע האט א גאט! גאט איז בלויז א מיטעל צו רעגולירען דעם בעגריעף פון „מיין" און „דיין" און צו פערהיטען פערברעכענס. איך האב אין אייך בלויז פערניכטעט די שמאלע, קליינבירגערליכע רעליגיאן, פאר וועלכע עס שרעקען זיך גנבים און פערברעכער. איך האב אבער קיינמאל ניט צושטערט אין אייך דעם גאט, אין וועלכען איך גלויב...

— וועלכען גאט?

— זיך אליין.

— הייסט עס, אז איך אליין בין א גאט?

— דערווייל ניט. אזוי לאנג ווי איהר רעכענט זיך נאך מיט דעם גאט פון קליינע בעלי הבתים און מיט דעם גאט פון רייכע פראצענטניקעס, וועט איהר אליין קיין גאט ניט קענען ווערען.

ער איז שטיל געבליבען. ווראנסקי האט זיך פערשעהמט און אראבגעלאזט די אויגען צו דר'ערד, נור זיין אונרוהיגקייט איז שרעקליך געוואקסען. ער האט געטרונקען. די הענד האבען ביי איהם געציטערט, און די טהעע האט זיך פערגאסען.

— אה, איהר זייט א שרעקליכער מענש. איך האב פאר אייך מורא. איך האב פאר אייך שטענדיג מורא געהאט. איהר האט געזאגט, אז מיר זיינען אלע דעם טייפעל'ס קינדער... איהר זייט דער טייפעל און איך בין אייער קינד. איהר זייט א גיהנום. יעצט וועל איך אייך שוין ניט געהארכזאם זיין. איך טראג אליין א גיהנום אין זיך. יעצט בין איך אליין א טייפעל... חא, חא, חא!... ניין, ניין, ניין! איהר זייט א מלאך און איך בין בלויז דער ארימער יעקב, וואס וויל ארויס־

קריגען דעם שרעקליכען סוד ביים גרויסען, אלמעכטיגען... אך, ווי איך פעראכט אייך און ווי איך ליעב אייך! איהר אליין האט אין מיר פעראכטונג איינגעפלאנצט... איך ווער פון איהר דערשטיקט, איך שטארב פון דיזער פעראכטונג...

ער איז פון ארט אויפגעשפרונגען.

— נאר איינס פערלאנג איך נאך: לאזט מיך דערלעבען ביז דער גרויסער פערניכטונג, ביז דעם גרויסען גליק; לאזט מיך האבען דעם געפיהל, אז אלעס ארום מיר ווערט צושטערט צוזאמען מיט מיר!

— אם ענדע האט איהר מיך פערשטאנען! — האט גארדאן זעהר שטיל א זאג געטהאן.

— איך וויל ניט קיין גליק, איך האס גליק, נאר איך שטרעב נאך נקמה, ווייל איך בין אזוי אונגליקליך!

ער האט זיך אנגעבויגען צו גארדאן'ען און האט זעהר שטיל געמורמעלט:

— איהר ווייסט, איהר ווייסט, וואס איך האב אויסגעטראכט?

ער האט געמורמעלט נאך שטילער:

— איך וועל אונטערצינדען דאס ראטה־הויז...

ער האט זיך בעגייסטערט אויפגעהויבען, נאר ער איז באלד צוריק אומגעפאלען און, אנבויגענדיג זיך שטארק פאראויס, האט ער זיך אנגעכאפט מיט די הענד פאר דער ברוסט, ווי עס וואלט איהם א הוסט געשטיקט.

— מיט וואס פאר א ציעל? — האט גארדאן ערנסט געפרעגט.

ווראנסקי איז צוטומעלט געווארען.

— צי האלט איהר מיך פאר א נאר? האט איהר דען ניט גע־רעדט וועגען אזא פלאן, האט איהר דען אליין ניט געזאגט, אז מיט דער הילף פון דעם געלד, וואס געפינט זיך אין ראטה־הויז, וואלט מען געקענט רעוואלוציאניזירען א גאנצע פראווינץ? האט איהר דען ניט געזאגט, אז מען וואלט געדארפט פערברענען דאס ראטההויז נאך דעם, ווי מען האט אויסגעליידיגט די קאסע? איהר האט דאך בלויז געזוכט א מענש, וועלכער זאל זיך דאס אונטערנעהמען, און אט בין איך גרייט פאר אייך: איך וויל אייך גליקליך מאכען, איך וויל אייך ציינען מיין איבערגעבענהייט, און איהר פרעגט מיך וועגען א ציעל!

עס איז איהם שווער געווען צו אטהעמען. ער האט אבגעשאפעט און איז אויפ'ן בעט אנידערגעפאלען.

נאר ער האט זיך באלד ווידער אויפגעהויבען, אין גאנצען רוהיג און קאלטבלוטיג.

— נאך דעם, ווי איהר האט עס מיר דערצעהלט — האט ווראנס־קי געזאגט צו גארדאן'ען — בין איך געווארען א גאנץ אנדערער מענש. האב וועגען קיין אנדער זאך ניט געטראכט, ווי נאר וועגען דאס און דעם טוידט. איצט פערגעס איך זאגאר וועגען דעם טוידט. איך האב אייך ליעב, איך וויל אייך געפעלען; איך וויל דורך א טהאט ארויסרופען אויפרעגונגען און בונטען... איך מוז דאך שטארבען; און צי איך וועל שטארבען דא אדער אין געפענגניס, איז עס דען ניט אלץ איינס... חא, חא, חא, מיין לעהרער, מיין רבי...

ער האט מיט האסטיגקייט געכאפט גארדאן'ס האנד און האט איהר א קוש געטהאן.

גארדאן האט ארויסגעריסען פון איהם די האנד.

— איהר זיינט משוגע.

— איך וועל נאך מעהר טהאן — האט ווראנסקי גערעדט אין דער שטיל, לאכענדיג, ווי איינער, וואס האט פערלארען זיין פער־שטאנד — איך וועל זיך נוקם זיין פאר זיך, יע, נוקם זיין זיך!

ער האט זיך שטארק צוהוסט, אבער ער האט פונדעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו רעדען עטוואס אונפערשטענדליכעס. אין זיין עקסטאז האט ער פערגעסען אן זיינע וועהטאגען.

— איך וועל אן אלעמען נקמה נעהמען! מיין טאטע האט פופ־ציג יאהר געארבייט, ווי אן אקס אין דער סאכע, און האט מיר אי־בערגעלאזען בלויז דיזע לאך, וואס איז פערפעסטעט פון מיקראבען. איהר ווייסט דאך יענעם איין יאהר אין אוניווערסיטעט! אך, ווען איהר וואלט מיר דאמאלס ניט געהאלפען! איך וואלט דאך דאן גע־פגר'ט, ווי א הונד הינטער'ן פארקאן... דער הונגער האט מיך גע־פייניגט! גאט, ווי איך האב עס געליטען! איינמאל — הערט, עס איז שרעקליך, האב איך שוין גאר ניט געגעסען גאנצע דריי טעג, און אט נעפינענדיג אין אבטרעט א שטיקעל ברויט, האב איך עס אויפגעגע־סען... איך האב שוין אויפגעהערט גאר צו זיין א מענש... און איצט

וועל איך זיך אברעכענען. איך האב אימער געטראכט וועגען נקמה, זאגאר דאן שוין, ווען דא האט אנגעהויבען זיך צובושעווען דער הונגער־טיפוס! חא, חא, איהר גלויבט ניט? אט וועט איהר זעהען, איך בין אייער אונטערהאן, אבער ביי מיר זיינען דא מיינע דיענער. א מאל האט דאס נארישע געזונדעל ניט געוואלט ווערען קיין גאט, און איצט וועל איך ווערען גאט. א ציטער פון לוסט און פרייד כאפט מיך ארום, ווען איך דענק, אז איך וועל ווערען אזא, ווי איהר... איהר זעהט, אז דארט איז א גרויסע זומער־הויז.... איהר אייגענטהימער איז אוועקגעפאהרען, און מיין קאזין דיענט דארט, אלס וועכטער. אך, אין צעהן טעג ארום נאך דעם, ווי די לבנה וועט שטעהן א פולע אויפ'ן הימעל, וועט איהר עס דארט זעהען אן איללומינאציע! איך וועל פייערען אייער געבורט, איהר טייפעל, איהר פירשט פון דער פינסטערניס! זיי וועלען קריגען ליכט, פיעל ליכט! אזוי פיעל ליכט האט די שטאדט קיינמאל ניט געזעהען.

ער האט גערעדט שנעל און אין אבגעבראכענע פראזען.

— איהר מיינט, אז איך בין פון זינען אראב? ניין, ניין, איהר מיינט, אז איך וועל אונטערצינדען אהן א צוועק? דעם צוועק וועט איהר אויספיהרען. איך בין דער בלינדער ווערקצייג, און איהר זיינט דער קלוגער מייסטער... איך בין בלויז א כלי, און איהר זיינט איהר אינהאלט... איך וועל אונטערצינדען, אבער ניט פריהער, איידער איהר וועט אויסליידיגען די קאסע... חא, חא, חא! אבער פאר וואס זיינט איהר אזוי גלייכגילטיג?

ער איז געווען פשוט ווילד.

— איך האב געמיינט, אז איך וועל אייך דערמיט אזוי דערפרעהען, אז איהר וועט זיך פיהלען, ווי אויף דעם זיבעטען הימעל.

— האב איך אייך דערצעהלט וועגען באקטא? — האט פלוצלינג געפרעגט גארדאן, אויפהויבענדיג זיך פון זיין פלאץ — אויב עס וועט קומען צו אייך א מאן, וועלכער וועט זיך צוריהרען מיט'ן פינגער צו אייער ברוסט, טו ווייסט, אז דאס אין באטקא.

— איך שפיי אויף אייער באטקא? איך וויל איהם ניט אנקרקען! איך וויל אויספיהרען דעם פלאן נאר צוזאמען מיט אייך!

— איך האב וויכטיגערע זאכען צו טהאן. פערשטעהט איהר

עס, ווראנסקי? איך בעט אייך, צום ערשטען מאל אין לעבען בעט איך אייך, דאס מאל וועט איהר עס דורכפיהרען צוזאמען מיט באטקא.

ווראנסקי האט אזוי ווי פערגעסען אן אלץ, און האט געזאגט מיט א גאנץ שטילער שטימע:

— נאר איין זאך, איין זאך איז פאר מיר וויכטיג... געהט ניט אוועק. איך דארף אייך נאך זאגען עפעס זעהר וויכטיגעס.

גארדאן האט א קוק געטהאן אויפ'ן זייגער.

— עס איז האלב עלף. איך קען דא בלייבען נאך א האלבע שטונדע.

— בלייבט, בלייבט... איהר זיינט דאך מיין רעטער. איך און מיין שוועסטער זיינען דאך אייך אזוי פיעל שולדיג. אהן אייך וואלטען מיר שוין לאנג געווען געשטארבען פון הונגער. און איך אין מיין שוועסטער...

ער איז פלוצלינג שטיל געבליבען און געקוקט הילפלאז אויף גארדאן'ען.

— הערט, גארדאן — האט ער ענדליך ארויסגערעדט, אנטוהענ־דיג זיך א כח — פערשטעהט מיך, איך וויל אייך ניט בעליידיגען... אבער היינט ביי־נאכט איז מיר געקומען אויפ'ן זינען א שרעקליכער געדאנק, ועלכער, וועלכער... זאגט, איהר ווילט מיך אויסהערען, איהר קענט מיך פערשטעהן? דאס איז אן אמת'ע משוגעת, אבער איך קען פון איהר ניט פטור ווערען.

ער האט זיך אויפגעהויבען.

— גארדאן! מיין שוועסטער איז ניט אייער ליובאווניצע?

— איך האב מיך געריכט אויף דיזער פראגע — האט גארדאן ארויסגעזאגט גאנץ רוהיג.

— איהר האט זיך געריכט אויף איהר?

— נו, געוויס, דאס איז דאך א גאנץ נאטירליכע פראגע; איהר זיינט דאך אליין א מאן.

גארדאן האט לייכט א שמייכעל געטהאן, און איז ווידער אויפ־געשטאנען פון פלאץ.

— נו, איצט מוז איך שוין געהן, אבער איך וועל באלד ווידער

קומען צו אייך... איך האָב אייך זעהר ליעב...

— אך, מיט וואָס פאַר אַ קאַלט־בלוטיגען טאָן איהר זאָגט עס!

— איך האָב נאָך קיינמאָל און קיינעם דאָס ניט געזאָגט... יאָ, אייער קאָזין וועט איינוויליגען פאַרנאַנדערצוטהיילען און אויסצו־קלעפּען די פּראָקלאַמאַציעס?

— יאָ.

גאָרדאָן האָט אַנגעקלאַפּט אין די זייטיגע טהיר, און פּאַליאַ איז אַריינגעקומען.

— איך דאַרף שוין געהן.

— אָבער אייער מאַנטעל איז נאָך אין גאַנצען נאַס!

— נו, דאָס איז אַ קלייניגקייט.

פּאַליאַ איז ווידער אַרויס.

— פּאַליאַ ליעבט אייך — האָט וואָראָנסקי געמורמעלט — מיר דוכט זיך, אַז אַ גאַנצען נאָכמיטאָג איז זי געשטאַנען ביים פענסטער, און אויסגעקוקט אויף אייער קומען. מאַכט ניט אונגליקליך דיזעס קינד!

גאָרדאָן האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן, האָט אָבער גאָר ניט געענטפערט.

— פּאַליאַ איז צוריקגעקומען מיט'ן מאַנטעל.

— איצט לייכט מיר צו.

ווען זיי זיינען אַרונטער פון די טרעפּ, האָט זי האַסטיג געכאַפּט זיין האַנד און זיך שטאַרק צוגעדריקט צו איהם.

— דו ביסט מיין גאָט — האָט זי געזאָגט.

גאָרדאָן האָט אַ שמייכעל געטהאָן און איהר אַ קוש געטהאָן אין שטערען.

אונטען, ביי'ם טויער, האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

— דו קומסט איצט אָפּט צו דער מיזערסקאַיאַ? — האָט גאָר־דאָן געפרעגט.

— זי איז אַזוי פריינדליך צו מיר.

— הם...

ער האָט געוואָלט נאָך עטוואָס זאָגען, דאָך האָט ער זיך איבער־לעגט, האָט איהר אַרומגענומען און איז אַוועק שווייגענדיג.

3.

אויפ'ן גאס האט זיך גארדאן אבגעשטעלט, טיעף פערטראכט. דער רעגען איז נאך אלץ געגאנגען, אבער ער האט עס כמעט ניט געפיהלט.

מיט אמאל האט ער אנגעהויבען געהן, איז דורכגעגאנגען עטליכע גאסען, ביז ער איז צוגעקומען צום מארק. דא איז ער שטעהן געבלי־בען פאר'ן טויער פון א הויז, און האט זיך לאנג איינגעקוקט אין די הויז, וואס איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט.

אפשר ארויפגעהן? האט ער געטראכט. דער אלטער מיזערסקי איז איצט ניטא אין דער היים, די דיענער שלאפען אודאי...

ער האט נאך אלץ ניט בעשלאסען, נאר עטוואס האט איהם גע־שטופט ארויפצוגעהן: איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס טאר ניט אבגעלייגט ווערען. מען מוז אסטאפ'ן אברייסען פון איהר. אויב ניט, קען ער נאך ווערען א פריעדליכער בירגער...

ער האט זיך צולאכט מיט פעראכטונג, און אונרוהיג איז ער וויי־טער אוועק.

„זי שלאפט נאך ניט, אין די פענסטער איז נאך ליכטיג, הייסט עס, אז מען מעג פרובירען", האט ער געטראכט.

פאר'ן הויז האט ער זיך אבגעשטעלט, איז באלד אריין אין פאר־הויז און איז ווידער דארט לאנג געשטאנען, שטארק פערטראכט.

ענדליך, פארזיכטיג און שטיל, האט ער זיך אויפגעהויבען אויף די טרעפ.

נאך א לאנגען זוכען האט ער אנגעטאפט דאס קנעפעל פון גלאק, אבער דער פינגער האט אונענטשלאסען זיך אבגעשטעלט. „איז עס ווירקליך אזוי נויטיג?"

ער האט זיך ניט געקענט ענטפערען אויף דיזער פראגע, האט זיך צוגעדריקט צו דער וואנד און איז ווידער געשטאנען, פערזונקען אין געדאנקען, א היבשע ווייל.

„און אפשר וואָלט געווען גלייכער געהן צוריק?"

אַבער אין דיזער מינוט האָט דער פינגער געדריקט דאָס קנעפּעל פון גלאָק.

ער האָט זיך צוגעהערט. דאָס האַרץ האָט ביי איהם געקלאַפּט.

ענדליך האָט ער דערהערט אַ שאָרך, האָט געהערט, ווי מען האָט אַנגעצונדען די גאַז, און אין דערזעלבער מינוט האָט זיך געעפענט די טהיר.

פאַר איהם איז ה ע ל י א געשטאַנען.

זי האָט אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ גייסט פון יענער וועלט; דאַך האָט זי זיך באַלד בעהערשט, האָט אָבגעטראָטען אַן אַ זייט און, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, האָט זי איהם אריינגעלאָזען אין צימער.

— איך בין אויסגעווייקט דורך און דורך — האָט גאַרדאַן געזאָגט — מעג איך דאָ אויפהענגען מיין מאַנטעל?

זי האָט ניט געענטפערט קיין וואָרט.

— איך דאַרף זיך דורכרעדען מיט איך וועגען אַ זעהר וויכטיגער זאַך. ענטשולדיגט, וואָס איך בין געקומען אין אַזאַ אונפּאַסענדער צייט, אַבער עס האָט מיר אויסגעזעהן, אַז איך טאָר עס ניט אָבלייגען!

זי האָט נאָך אַלץ געשוויגען. זי האָט געעפענט די טהיר אין אַ צווייטען צימער, וואו זיי האָבען זיך ביידע אַוועקגעזעצט, און לאַנג געשוויגען.

גאַרדאַן האָט בעמערקט, דאָס העליא קוקט אויף איהם שטאַרק אונרוהיג, און אויף איהרע ליפּען איז פערקיהלט געוואָרען אַ צושראָקענער שמייכעל. ביסלעכווייז איז זי אַבער געקומען צו זיך, און איהר פּנים איז אויסגעקרימט געוואָרען פון האַס.

— דו האָסט מיך איבעררּאַשט. איך האָב ניט ערוואַרטעט צו זעהען דיך נאָך אַ מאָל. וואָס ווילסטו פון מיר?

גאַרדאַן האָט אַ שמייכעל געטהאָן, און האָט דאַן ווידער אַ קוק געטהאָן אויף איהר פול מיט ערנסט.

— דו ביסט פיעל שעהנער געוואָרען, פיעל שעהנער, ווי פריהער אַבער איך האָב דיך שוין ניט ליעב. ניין, איך ליעב דיך ניט מעהר — האָט ער ווידערהאָלט.

— נאר דאס האסטו מיר געוואלט זאגען ? אט וועגען דעם ביסטו עס געקומען ?

— אה, ניין נים וועגען דעם. און אפשר — איך ווייס נים... אפשר האב איך געזוכט נאר אן אויסרייד צו קומען צו דיר...

— אום צו פייניגען מיך?

— ניין, איך וויל עס נים טהאן. צו וואס זאל איך עס? דו האסט דאך מיר אבגעגעבען אלעס, וואס דו האסט געהאט !....

— דו זאגסט א ליגען! איך האב דיר גאר נים געגעבען. אט נע־ראדע דיר האב איך גאר נים געגעבען. איך האב גאר נים געגלויבט, אז דו ביסט אזוי נאריש און זאלסט זיך אליין איינרעדען, אז איך האב דיר עפּיס געגעבען.

— אפשר האב איך א טעות. אפשר האסטו מיר טאקי גאר נים געגעבען, ווייל דו האסט גאר נים געהאט.

— אט זעהסטו, איצט רעדסטו, ווי א קלוגער.

זי האט זיך צולאכט מיט אן אונאנגענעהמען געלעכטער.

ער האט אויף איהר געווארפען א טרויעריגען בליק.

— דאס, וואס דו האסט מיר געגעבען, איז אין דער ווירקליכ־קייט נים געווען קיין מתנה — האט ער ארויסגערעדט פּארטראכט— ווייל דאס האט דאך דיר גאר נים געקאסט: דו האסט נים געפיהלט קיין ליידען, דו האסט נים בעדארפט קעמפּפען און גובר זיין זיך...

זי איז בלייך געווארען, אבער זי האט גאר נים געענטפערט.

— א בייזע נשמה איז ביי דיר — האט ער ווייטער גערעדט, נאך א קורצען שווייגען, און האט אראבגעלאזען די אויגען — יא, דיין נשמה איז א בייזע און קען גאר נים געבען, ווייל זי האט גאר נים... דו האסט מיך, ווייל איך בין דער ערשטער, וועלכער עס האט דיך פער־שטאנען. אוך איך הויב אן דיך צו האסען, אבער נאר פון צייט צו צייט, און איך ליעב דיך שוין נים מעהר.

— דו ליידסט נאך אלץ אזוי ווי פריהער? — האט זי געפרעגט מיט א שמייכעל.

— ניין, איצט לייד איך גאר זעלטען. און אויך ליידעט נאר ביי מיר מיין עסטעטישער געפיהל.

— דער עסטעטישער?

— יא. די העכסטע שעהנקייט דערגרייכט די מיידעל אין דעם מאמענט, ווען עס ווערט אין איהר געבארען די פרוי. און איך האב געדורשט צו געבען דיר דיזע העכערע שעהנקייט. דער מאן ענטוויקעלט זיך שטענדיג; די פרוי אבער ענטוויקעלט זיך נאר אזוי לאנג, ווי זי איז א מיידעל. ווי זי ווערט פערוואנדעלט אין א פרוי, קומט פאר איהר דער שטילשטאנד. דאס איז דער איינציגער פאל אין דער גאנצער נאטור, ווען די ענטוויקלונג געהט איבער אין רוה; דער איינציגער פאל, ווען די אייביגקייט פון אומוואנדלונג דערגרייכט א סוף. און פאר מיר איז עס די העכסטע שעהנקייט.

— דו קענסט דאך איבעראל געפינען טויזענדע מיידלאך, און דו קענסט אין זיי אבשטעלען די ענטוויקלונג, דערגרייכען די העכסטע שעהנקייט, וועלכע, איבעריגענס, אבי־ווער קען דערגרייכען.

— די שעהנקייט עקזיסטירט נאר פאר דעם, וועמ עס האט איהר בעגריפען. דיין אבי־ווער בעגרייפט זי אבער נים. און דאן האסטו א טעות: וואס ביי איין פרוי איז די העכסטע שעהנקייט, קען עס ביי אנאנדער פרוי זיין שרעקליך אבשטויסענד.

— און דיזע איין פרוי פאר דיר בין איך געוועזן?

— יא, דו.

עס איז אנגעקומען א לאנגער שווייגען.

— איצט קענסטו געהן — האט זי ענדליך געזאגט שטיל און געהיימניספול — איצט האסטו אויף גאנצע מאנאטען פערוואונדעט מיין הארץ. געה־זשע אוועק, געה — איך בין אזוי מיעד!

זי האט אויף איהם געקוקט מיט א געבעט אין איהר בליק, און איז אנשווייגען געווארען.

— דו ביסט אימער אזוי טרויעריג? — האט זי פלוצלינג געפרעגט און זיך צוגעקוקט צו איהם.

ער האט נים דערהערט די פראגע.

— איך בין נים געקומען אהער, אום צו מוטשען דיך — האט ער געזאגט — ניין, איך בין געקומען, אום אבצופרישען מיינע איינענע ליידען. איצט איז מיר נויטיג פיעל צו ליידען, אום אויסצופיהרען דאס, וואס איך האב מיר פארגענומען.

— וואס האסטו פארגענומען? איז זי אויפגעשפרונגען העכסט אונרוהיג.

ער האט א קוק געטהאן אויף איהר מיט א שמייכעל.

— מאדנע, ווי אייער ווייבערשער מארך איז אזוי שמאל. אודאי איז דיין ערשטער געדאנק געווען, אז איך פלאנעווע זעלבסטמארד. ניט אמת? אח, ניין, זעלבסטמארד בעגעהען אלטע, קינדער און טראגעדיג־ווערענדע מיידלאך... דו האסט קיינמאל ניט געהאט קיין קינד? — האט ער געפרעגט פערטראכט — אמאל האב איך געוואלט האבען פון דיר א קינד... דאן, ליידער, איז עס שוין געווען צושפעט... אח, יא, וואס־זשע האב איך דיר געוואלט זאגען? יא, האב רחמנות אויף אס־טאפ'ן... דיין נשמה איז אזוי דורשטיג נאך נקמה... דו ווילסט איהם אונגליקליך מאכען, אפשר, אונבעוואוסט. דאס רייצט דיך, און דאס איז שוין גענוג פאר דיר. איך האב איהם געזאגט, אז דו האסט איהם ניט ליעב. מיר דוכט זיך, אז דו דארפסט עס איהם אליין זאגען. דאס וואלט געווען דאס בעסטע. זעהסטו דען ניט, ווי דו מוטשעסט איהם?

זי האט אזוי ווי ניט געהערט. ער האט אויף איהר געווארפען א דורכדרינגענדען בליק.

— דו האסט געהערט, וואס איך האב גערערט?

— ניין.

זאגען עס דיר נאך אמאל? — האט ער זיך אויפגעהויבען אין כעס.

— עס וועט ניט העלפען. איך וועל ניט הערען. קענסט רעדען, וויפיעל דו ווילסט; איך וועל דיך קיין איינציגע מינוט ניט הערען.

ער האט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר, האט גענומען איהר האנד. זי האט זי האסטיג ארויסגעריסען.

— ווארום רייסטו ארויס פון מיר דיין האנד? מיר זיינען דאך, חלילה, ניט קיין שונאים איינע די אנדערע... געדענקסטו יענע נאכט אין לאנדאן? איך האב דיר דאן אלעס ערקלערט אזוי אפענהערציג, פאר וואס דו קענסט ניט זיין מיין געליעבטע. איך האב דיר אנגעוויזען אויף דעם גאנצען שמוץ, אין וועלכען עס וואלט אונז אויסגעקומען צו לעבען. איך האב דיר דאן געזאגט, אז מיין נשמה איז ניט אין שטאנד־דיך אויפצולייזען און אויפצונעהמען אין זיך, וויל נאר יענע ליעבע

איז פאר מיר שעהן, וועלכע איז בכח אויפצולייזען די פרוי אין דער נשמה פון דעם מאן. איך בין אוועק פון דיר, אום צו ליידען צוליעב דיר. יא, און איך לייד נאך אלץ. אבער דיזער ליידען רינגעלט דיך ארום מיט א קרוין פון ליכט אין מיינע אויגען. איך בין אוועק פון דיר, אום נים צו ווערען גראב יעדעס מאל, ווען איך זאל זיך דערמאהנען אן יע־נעם ערשטען, וועלכער האט דיך געמאכט פאר א פרוי. מוז איך דען דאס אלעס ווידער אמאל דיר זאגען? דו ווייסט, אז איך האב דיך פערלאזען נאר דערפאר... דו האסט געפרעגט, צי איך בין שטענדיג אזוי טרויעריג. אבער איך האב ליעב די שעהנקייט, און איך לייד פון דעם, וואס איך האב נים געקאנט זיין פאר דיר דער ערשטער... ניין, דו ווייסט דאך עס אלעס, און דאן זיינען מיר דאך אזוי עהנליך איינער צום אנדערען. ווען איך האב דיך דערזעהען צום ערשטען מאל, האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך זעה זיך זעלבסט. פאר וואס זשע האסטו מיך?

זי האט לאנג געקוקט אויף איהם, אליין עס נים וויסענדיג.

— אך, ווי איך האס דיך, ווי איך האס דיך!

אהן אן אויפהער האט זי ווידערהאלט דיזע ווערטער און אין רציחה האט זי געקריצט מיט די ציין.

— דו העגקער, ווי דו האסט צופליקט מיין נשמה! מיט ניפט האסטו אנגעטרונקען יעדער אדער, יעדען טהייל פון מיין וועזען האסטו איבערזעטיגט מיט עקעל...

— הייסט עס, אז דו האסט מיך טאקי! איך האב עס נים גע־גלויבט, אבער איצט זעה איך.

גארדאן איז געווארען נאך טרויעריגער. זיין פנים איז געווארען טוידטליך בלאס.

— איצט מאכסטו חוזק פון מיר, איצט זאגסטו, אז איך האב גאר נים געקאנט דיר עטוואס געבען... גאט, גאט, ווי גראב דיין מארך איז, ווי גרויזאם דו ביסט!

זי האט צונויפגעדריקט איהרע פויסטען. איהר נשמה האט גע־פלאקערט מיט האס און פערצווייפלונג.

— דו וועסט מיך קיינמאל נים פערשטעהן — האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט און א קוק געטהאן אויפ׳ן זייגער — יא, געראדע דן

האסט מיך ניט פערשטאנען. און דו ווייסט אויך ניט, וואס דאס מיינט שעהנקייט. וואלסטו דען געוואלט בלייבען מיט מיר און וואנדערען און פאטשקען זיך אין עקעלהאפטער בלאטע? וואלט איך נעבליבען מיט דיר וואלט איך דיך געמוזט פערשמוצען. און דעפראר בין איך אוועק, און טראכט וועגען דיר, ווי וועגען מיין גרויסען און טרויעריגען שיקזאל. איך בין אוועק און זוך דיך פונקט, ווי א בלאנדזשענדען שטערען אין טומאן, וואס זאגט אז אויך אונגליק. אבער אפילו דיזער אונגליק איז שעהן. און איצט, איצט...

ער האט פלוצלינג זיך אונטערבראכען, האט זיך פארטראכט פאר אן אויגענבליק, און האט נאכהער לאנגזאם ארויסגערעדט:

— איך בין געקומען צו דיר מיט א ביטע: לאז אסטאפ'ן צורוה. שטויס איהם אב פון זיך. דו האסט איהם מסתמא אויסגעשטרעקט בלויז דיין קליין פינגער, און ער איז געווארען אזוי נאריש, און איהם האט זיך פערגלוסט די גאנצע האנד. ניט צוליעב איהם רעד איך, נאר צוליעב דיר. דו האסט דאך איהם ניט ליעב, איך בין זיכער אין דעם. און דאן איז עס דאך שרעקליך לעכערליך צו קריגען איין מאנספערזאן, אויס נקמה צו א צווייטען... זעהסטו, פריהער האב איך געטראכט וועגען דיר, ווי וועגען א געפאלענעם מלאך, וואס איז פול מיט א שטילער גרויסקייט, מיט א טרויעריגער שעהנקייט, און וועמעס הארץ איז פול מיט'ן טוידט. און איצט בין איך געקומען דיר זאגען: מאך זיך ניט וואכעדיג. מאך זיך ניט לעכערליך אין מיינע אויגען.

זי האט זיך היסטעריש צולאכט, און דאן האט זי אויסגעשריען:

— ליגנער!

— דו דארפסט אזוי ניט רעדען — האט ער אנגעצילעוועט אויף איהר אן אונבעוועגליכען בליק—איך וואלט געוואלט נאר נאך אמאל דיר זאגען אלעס. זעהסטו, צייטענווייז קען איך פערגעסען, אז דו ביסט שוין געווען אין די ארעמס פון א צווייטען, דאס דו האסט שוין מיט אנאנדערען פריהער איבערגעלעבט די מורא'דיגע געהיימניס פון דער געבורט פון א פרוי, אז...

עס האט איהם פערטשיקט אין האלז און ער האט, ווי עס האט אויסגעזעהען, שטארק געליטען.

— איך קען פערגעסען, דאס די העכסטע שעהנקייט, וועלכע איז

נאָר צונעגליך פאַר א מענשען, איז שוין פאַר דיר אויף אייביג פער־שוואונדען, ווען איך האָב דיך דערקענט; דאָס דער ציטער, דער פלאַטערען, אין וועלכער איין נשמה גיסט זיך איבער אין א צווייטער...

— ליגנער, ליגנער! — האָט זי געשריען, ציטערענדיג מיט דעם גאַנצען קערפער — אוועק גיה, לאָז מיך אָב, טייפעל!

ער האָט זיך אריינגעטיעפט מיט זיינע אויגען אין איהרע, און א שמייכעל האָט אויסגעקרימט איהר פּנים.

— איך קען פערגעסען — האָט ער געכאַפּט איהרע הענד, און זיי צונויפגעדריקט, ווי א וואַהנזיניגער — איך קען פערגעסען, דאָס אין מורא און שרעק פאַר יענער גרעסטער פון אלע סודות ביסטו גע־לעגען אין יענער נאכט אין זיינע ארעמס און האָסט איהם געליעבט פאַר זיין קראַפט, און געהאַסט פאַר...

זי האָט אויפגעשפּרונגען און דערלאַנגט איהם א פּאַטש אין פּנים מיט איהר גאַנצען כח.

ער האָט געקוקט אויף איהר צומישט. זיין פּנים האָט געציטערט.

זי איז אַבגעשפּרונגען פון שרעק.

זי איז אבגעשפּרונגען פון איהם, און אויפגעשווידערטע.

נאָרדאָן איז באַלד געקומען צו זיך, נאָר זיין שטימע האָט נאָך אביסעל געציטערט. ער האָט אָנגעהויבען רעדען נאָך שטילער און טרויעריגער, אַזוי ווי ער וואָלט איהר פערטרויט עפּעס א סוד:

— ..אָבער איך וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען, אז דו האָסט נאָך מיר געקענט ווערען די געליעבטע פון אַנאַנדערען. דאַן וועל איך זיין פול מיט דעם געפיהל פון עקעל צו דיר און פון שאַנדע. און דיזען געפיהל פון שאַנדע האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געשפּירט, אפילו איצט ניט, ווען דו האָסט מיר געגעבען א פּאַטש. און געראָדע איצט האָב איך ניט געשפּירט דעם געפיהל פון שאַנדע, ווייל איך האָב פער־שטאַנען, אַז דו קענסט ניט ווערען די געליעבטע פון א צווייטען... יאָ, די געליעבטע, ווייל א פרוי קען מען ווערען בלויז איין מאָל.

עס איז אָנגעקומען א לאַנגער שווייגען. נאָרדאָן האָט אונרוהיג א קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער. זיין פּנים איז געוואָרען כמעט גלייכגיל־טיג. אויפ'ן טיש איז געלעגען א מעסער פאַר צושניידען פּאַפּיר. ער

האט איהם גענומען אין האנד און אנגעהויבען צושטרייט שפיעלען זיך מיט איהם. האט דאן א קוק געטהאן אויף איהר, און ווידער זיך אונ־טערגעשפיעלט מיט'ן מעסער און האט ענדליך ארויסגערעדט מיט אן אייז־קאלטער רוהיגקייט:

— און איצט הער זיך צו. איך וויל דיר זאגען עטוואס זעהר וויכ־טיגעס. עס האנדעלט זיך דא וועגען פאליא ווראנסקי.

ער איז שטיל געווארען א ווייל(ע). האט א קוק געטהאן אויף איהר, און ווידער אנגעהויבען שפיעלען זיך מיט'ן מעסער.

— איך וויל חתונה האבען מיט פאליא'ן — האט ער פלוצלינג ארויסגערעדט מיט אזא טאן, אזוי ווי ער וואלט געזאגט עטוואס, וואס איז פאר איהם פון דער קלענסטער וויכטיגקייט.

זי האט אויף איהם געקוקט, אזוי ווי זי וואלט פערגליווערט גע־ווארען, און האט זיך נאכהער הויך צולאכט.

— דו וועסט עס ניט טהאן.

— איך וועל עס יא טהאן. זי איז דער איינציגער מענש, לעבען וועמען איך קען אן דיר פערגעסען.

— איך שווער, אז דו וועסט עס ניט טהאן.

— איך וועל עס יא טהאן, און אין א מאנאט ארום. זי איז שוין מיין פרוי.

ער האט אונטערגעשטריכען דאס ווארט „שוין“.

— דו זאגסט א ליגען!

— ניין, עס איז אמת.

פול מיט צארן איז זי צוגעגאנגען צו איהם.

— זיי זיך מודה, אז דו זאגסט א ליגען! זיי זיך גלייך מודה!

— ווילסט מיך ווידער פאטשען? — האט ער שטיל געשמייכעלט — פאטש מיך ניט. דו האסט עס דאך נאר געטהאן, ווייל דו פיהלסט אן עקעל צו זיך זעלבסט.

אן אויסגעמוטשעטע האט זי זיך א ווארף געטהאן אויפ'ן שטוהל.

— זעהסט, העליא, איך וואלט דיר אלעס גערן ערקלערט. אבער היינט האב איך פשוט קיין כח ניט דאס צו טהאן. און דאן איז עס דאך אלץ איינס. איך ווייס נאר דאס אויף וועלכען־עס־איז אופן האסטו זיך דערוואוסט וועגען מיינע פערהעלטניסע מיט פאליא'ן. איך

ווייס, אז דו ווילסט איהר מאכען פאר דיין חבר'טע, און איך ווייס, אז דו שטרענגסט זיך אן דערפאר מיט אלע דיינע כחות... אבער וואס לאכסטו? פון פערצוויפלונג אפשר?

— ניין, ניין, רייד ווייטער.

— דעם אמת געזאגט, האב איך ניט מעהר וואס צו זאגען. איך ווידערהאל נאר, אז אלע בעמיהונגען דיינע זיינען אומזיסט. פאליא'ן וועסטו פון מיר ניט אברייסען. טו מאטער זיך ניט אומזיסט. דו וועסט דערמיט נאר זיך אליין מאכען לעכערליך.

זי האט זיך נאך העכער צולאכט.

ער האט זיך ווידער געזעצט און נאך אלץ געהאלטען אין שפיעלען מיט'ן מעסער.

מיט אמאל האט זי אויפגעהערט צו לאכען.

— יעצט קענסטו געהן. דיין בעזוך האט געדויערט שוין אביסעל צו לאנג.

— דאס איז אמת. און א חוץ דעם, דארף איך שוין טאקי געהן. אויב דו ווילסט ווירקליך צובינדען צו זיך אסטאפ'ן, טו מענסטו עס וויסען, אז יעדעס מאל, וואס ער וועט א קוק טהאן אויף דיר...

ער האט פלוצלינג זיך אונטערבראכען.

איהר פנים האט זיך בעדעקט מיט א טוידטליכער בלאסקייט. איהר בליק האט געבלאנדזשעט ערגעץ־וואו צוועקלאז.

גארדאן האט אויסגעשטרעקט צו איהר זיין האנד.

העליא האט עס אזוי ווי ניט בעמערקט.

— דו ווילסט מיר ניט געבען די האנד. א שאד. איך פיהל ניט צו דיר קיין פיינדשאפט. מיר זיינען דאך אייגענטליך אזוי ענליך איינער צום אנדערען.

ביי'ן טהיר האט ער זיך אבגעשטעלט.

— מאדנע, וואס דו האסט ניט געטראכט וועגען דעם, אז איך האב דיך געקאנט קאמפראמעטירען מיט מיין בעזוך. אדער גלויבסטו, אפשר, דאס אין אזא מיאוס'ען וועטער האט מיך קיינער ניט בעמערקט?

ער איז ארויס אין פארצימער.

—איך האב טאקי געטראכט וועגען דעם, אז איך קען דיך קאמ־

פראַמעטירען. אבער אזוי ווי איך האָב געוואוסט, אז דיין פאַטער איז צוריקגעפאָהרען...

ער האָט פלוצלינג זיך פערוואונדערט, דאָס ער קען פלוידערען וועגען אזעלכע פוסטע זאכען. האָט ארויפגעוואָרפען אויף זיך דעם מאַנטעל, און א קוק געטהאַן איהר אין פנים.

— איך האָב דיך קיינמאָל ניט געזעהען אזוי בלאס... איך וועל מעהר קיינמאָל ניט קומען צו דיר... איך וויל מעהר קיינמאָל ניט רעדען מיט דיר. דאָס איז דאָס לעצטע מאָל. זיי געזונד, און געדענק, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

ער האָט געעפענט די טהיר און אָנגעהויבען זיך ארונטערלאָזען אויף די טרעפ. מיט אמאָל האָט ער איהר דערזעהען שטעהן אין טהיר.

— ווילסט אודאי מיר ווייזען, אז דו האָסט ניט מורא צו ווערען קאָמפּראָמעטירט — האָט ער שטיל געזאָגט.

— פערגעסט ניט ארויפצולייגען אויפ'ן פנים א קאַלטען קאָמפּרעס — האָט זי געמורמעלט פול מיט גיפט, און מיט א קלאַפּ האָט זי צוגעמאכט די טהיר.

4.

גאַרדאַן האָט זיך געפּיהלט אין גאַנצען צובראָכען. ער האָט זיך צוגעדריקט צום וואַנד, און האָט זיך פעסטער איינגעוויקעלט אין מאַנ־טעל. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער איז ניט אין שטאַנד צו מאַ־כען א טריט ווייטער. ער האָט אין גאַנצען געציטערט פון קעלט.

פערלאָזענדיג די שטאָדט, איז ער אוועק מיט'ן אָפענעם פעלד פאַרביי די עלעקטריש־בעלייכטעטע פאַבריקען.

אַן א זייט איז געשטאַנען א קליינע איינגאָרענדיגע הייזקע. גאַר־דאַן איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, און האָט עטליכע מאָל לייכט אַנ־געקלאַפּט. דאַן איז ער אריין אין פאַרהויז. פאַר איהם האָט זיך גע־עפענט א טהיר און ער איז אריין.

— א גוטער אבענד, האַרטמאַן, אויסער אייך איז דאָך קיינער ניטאָ? — האָט גאַרדאַן געפרעגט גאַנץ שטיל.

— ניין, קיינער ניט.

— אַלזאָ, איהר האָט ענדליך געקראָגען די שטעלע, אלס אינ־זשעניער?

— יאָ.

— דאָס איז פיין.

גאַרדאַן האָט אַרונטערגענומען דעם מאַנטעל. ער האָט געציטערט פון קעלט.

— א זעהר בעקוועמער וועטער פאַר אונז. אין אַן אַנדער צייט וואָלט איך ניט געקאָנט קומען צו אייך. ביי אייך איז דאָ מסתמא טהעע?

— אוודאי דאָ.

האַרטמאַן האָט פאַר איהם אָנגעגאָסען הייסען טהעע.

— איך האָב אויך געקויפט קאָניאַק פאַר אייך — האָט ער גע־זאָגט, מיט עטוואָס א דערשראָקענעם שמייכעל.

— און איהר אַליין טרינקט ניט? — גאַרדאַן האָט אויף איהם

געווארפען א דורכדרינגענדען בליק.

— קיינמאל ניט.

זיי האבען זיך אוועקגעזעצט. הארטמאן, ווי עס האט אויסגע־זעהען, האט זיך פערטיעפט אין זיינע געדאנקען.

— און רויכערט אויך ניט?

— איך? ניין, איך רויכער ניט.

— אבער אין לאנדאן, ווען איך האב אייך געזעהן דאס לעצטע מאל, האט איהר יא גערויכערט.

— איצט רויכער איך שוין ניט.

— פאר וואס?

— ווייל איך וויל ניט האבען קיינע בעדירפניסע, איך וויל פון קיין זאך ניט זיין אבהענגיג.

— איהר ווילט בעפרייען אייער ווילען פון אלערליי קייטען?

— יא.

ווידער האט געהערשט א לאנגע שטילקייט.

— און איהר האט אויך קיינמאל ניט געליעבט? — האט נאר־דאן איהם פלוצלינג געפרעגט.

— קיינמאל ניט — האט הארטמאן געענטפערט גלייכגילטיג.

— איהר פעראכטעט פרויען?

— איך קען זיי ניט פעראכטען, ווייל איך אנערקען ניט קיין אונטערשיעד צווישען די געשלעכטער, איך אנערקען און קען בלויז מענשען, און האב ליעב אלע מענשען.

הארטמאן האט לאנגזאם און פערטראכט געטרונקען טהעע. אזוי ווי עס האט אויסגעזעהן, האט ער ניט געשפירט דעם מינדעסטען וואונש אונטערצוהאלטען דעם געשפרעך. אבער פלוצלינג איז זיין פנים ווי לעבעדיג געווארען, און ער האט געווארפען אויף נאַרדאַן׳ען אן אומעטיגען בליק.

— איך האב מיך שוין בעפרייט פון זיך. און נאר א מענש, וואס האט זיך פריי געמאכט פון זיך זעלבסט, קען אויספיהרען דיזע זאך. מיט א יאהר צוריק האב איך געטוידטעט א קאץ, וועלכע האט אויפ־געגעסען די קליינע פויגעלעך אין נעסט. דאס איז געווען דאס לעצ־טע מאל, וואס איך האב זיך געפיהלט אונגליקליך, ווייל איך האב

בעגריפען, אז איך מוז זיך נאך רעכענען מיט זיך, אז איך האב זיך נאך ניט בעפרייט פון זיך, דאס איך בין נאך ניט צייטיג געווארען פאר די טהאט. אבער איצט בין איך שוין ניט אונגליקליך. אז אונגליקליכער איז ניט צייטיג פאר א טהאט. די טהאט מוז האבען איהרע ווארצלען אין מארך, און ניט אין געפיהל. איך פערטראכט די אנארכיסטען, ווייל ביי זיי שפראצט אלעס ארויס פון געפיהל. פאר מיר איז די טהאט ניט קיין טהאט, אויב איהר קוואל איז דער געפיהל פון רחמנות אדער נקמה. ניין, איך מוז פ ע ר ש ט ע ה ן. אז דאס אדער אנדערעס איז גוט, און אויב איך וועל עטוואס טהאן, איז נאר דערפאר, ווייל איך פ ע ר ש ט ע ה.

גארדאן איז געווען אזוי אויסגעמאטערט, אז ער האט זיך געדארפט אנשטרענגען, אום נאכצופאלגען הארטמאן'ס געדאנקען־גאנג. אבער די לעצטע פראזע זיינע האט איהם זעהר פעראינטערעסירט.

— איהר האט אויף קיין זאך אין אייער לעבען קיין חרטה ניט?

— יא. איך האב געקענט איינמאל זעהר לייכט דער'הרג'ען דעם אייגענטהימער פון א פלאנטאציע, וועלכער האט אונמענשליך בעהאנדעלט זיינע שקלאפען, און איך האב זיך ניט בענוצט מיט דיזער געלעגענהייט.

— און ווייטער טהוט איך פאר קיין זאך ניט באנג?

— ניין, פאר קיין זאך ניט.

— און איהר פיהלט אויך ניט קיין האס?

— ניין!

— ווארום זשע ווילט איהר דיזע טהאט בעגעהן?

— ווייל איך האב פערשטאנען, ווייל איך האב זיך איבערצייגט, אז דאס איז גוט.

זיי האבען לאנג געשוויגען. גארדאן האט געטרונקען איין גלאז טהעע נאך'ן אנדערען און האט אומעטיג געקוקט פאראויס. פלוצלינג האט ער אויף הארטמאנ'ען א שארפען בליק געווארפען.

— אייך איז אודאי שווער אויסצודריקען אייערע געדאנקען.

— ווארום?

— ווייל איהר שווייגט שטענדיג.

— שווייג איך דען? איך בעמערק דאס גאר ניט. מיינע געדאנקען

זיינען פאר מיר אזוי קלאהר, אז איך רעד מיט זיי.
— איהר דענקט, וואהרשיינליך, זעהר פיעל?
— איך דענק שטענדיג.
ער איז וויעדער אנשווינגען געווארען. נאר ער האט מיט אמאל זיי וויעדער אויפגעלעבט.
— איך האב געלעזען אייער ווערק: — „די קריטיק פון די עקזיסטירענדע עקאנאמישע אוטאפיעס“ — ווי איהר רופט דאס. עס האט מיך זעהר פעראינטערעסירט, כאטש איך בין ניט אין גאנצען מיט אייך איינפערשטאנען. מיר שטעהען, זא צו זאגען, אויף צוויי פערשיעדענע פאליוסען. איך גלויב אין די מאכט פון געדאנק, אין די מאכט פון א בעגרייפענדען פערנינפטיגען ווילען, וועלכע קען בעשאפען נייע עקאנאמישע סיסטעמען און זיי דורכפיהרען אין לעבען. איהר גלויבט ניט אין דעם?
ער האט אויף גארדאן'ען מיט א פראגענדען בליק געקוקט.
— ניין, איך גלויב ניט. — האט גארדאן בייז געענטפערט.
— הייסט עס, איהר בעהויפטעט, אז מיט דעם געדאנק אליין קען מען גאר ניט בעשאפען? — הארטמאן האט פון אויפרעגונג געדרעהט די וואנצעס.
גארדאן האט פלוצלינג בעמערקט, אז הארטמאן האט זעהר א שעהנע האנד. די פינגער זיינען לאנג און שפיציג און אזוי דין, אז זיי האבען אויסגעזעהן צו זיין גאר שוואך.
— איך האב דאס ניט געזאגט, — גארדאן האט גערעדט זעהר דייטליך, אזוי ווי ער וואלט געוואלט בעקעמפפען די לאנגוויילינקייט.
— איך האב געזאגט, אז דער מארך וועט אויף דעם גרונד פון פיעלפאכע עקספערימענטען זיין אין שטאנד צו מאכען בעוואוסט דאס אונבעוואוסטע און שאפען נייע — ניין, ניט קיין נייע, נאר בלויז מעהר קאמפליצירטע פערבינדונגען און פערהעלטניסע; אבער איך בעהויפט מיט זיכערהייט, אז דער מארך וועט פאר קיין פאל ניט קענען ארומכאפען די מילליאנען פערשיעדענארטיגע, קליינע אונבעדייטענדע אורזאכען. און דארום וועט ער ניט קענען פאראוים זאגען, וואס פאר א סיסטעם עס וועט זיין שפעטער, ווי דייטליך דאס זאל ניט ארומגעטראכט ווערען. צוגעבענדיג אפילו, אז ער וועט קענען רעגולירען די

אונבעגרענצטע, אינערליכע אומשטענדען און מיט דער הילף פון א גרינדליכער און פּאַרזיכטיגע סטאַטיסטיק בעשטימען פּאַראָוים, לאָמיר זאָגען, דעם געברויך פון דער בעפעלקערונג, וועט ער אבער דאָך ניט קענען אויסרעכענען און אבשאַצען די מענשליכע נשמה, דאָס הייסט, דאָס וואָס איז מעהר פון אלץ צופעליג און וואָס מען קען ניט פאָר־אויסזעהען. אז אונזערע בעגריפע זיינען א פּראָדוקט פון עקאָנאָמישע פערהעלטניסע — דאָס איז אַן אונזין; און עס איז נאָך א גרעסערער אונזין צו גלויבען, אז דיעזע בעגריפע וועלען זיך ענדערען צוזאַמען מיט דער ענדערונג פון די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע. און ווייל עס איז אונמעגליך צו בעשטימען דעם איינציגען פאַקטאָר פון אלע ערשיינונגען — די נשמה, דאַרום זעהט אויס אין מיינע אויגען יעדע נייע עקאָנאָמישע סיסטעם אלס אַן אוטאָפּיע, אלס א פינפ־טע ראָד, אלס א שטריק פון זאַמד.

— הייסט עס, לויט אייער מיינונג, אז די עקזיסטירענדע אָרד־נונג איז גוט, — האָט הארטמאַן געזאָגט אויפגערעגט.

— ניין, ניט גוט, אבער אונפערמיידליך.

— אבער מען האָט דאָך אונז אין משך פון מיליאָנען יאָהרען געלערענט, אז אלעס, וואָס איז אונפערמיידליך, מוז אויך גוט זיין. גאָרדאָן האָט א שמייכעל געטהאָן.

— דאָס האָט מען אונז ניט געלערענט. נאָר זאָל זיין אַזוי. לאָמיר צוגעבען, אז דאָס איז אמת. אבער אויך אין אַזא פאַל דאַרף מען די אָרדנונג צושטערען, שוין דערפאַר אליין, וואָס זי איז גוט. איך וויל זי צושטערען ווייל זי איז גוט, און איהר, — ווייל זי איז שלעכט. איהר ווילט צושטערען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, ווייל איהר האָט שוין גרייט א נייע סיסטעם. און איך וויל זי צושטערען, ווייל אויף די חורבות וועט אויפבליהען א נייע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, וועלכע וועט זיין אין גאַנצען אונאָבהענגיג פון מענשליכען ווילען, ניט אויסגערעכענט פּאַראָוים, אבער דאָך ניט ווייניגער אונפערמיידליך און בעגרינדעט. דער פּועל יוצא קומט אַרויס איינער און דערזעלבער. אויב מיר וועלען פערניכטען די עקזיסטירענדע אָרדנונג, בלייבט פאַר מיר גאָר ניט מעהר צו טהאָן, איהר אבער קענט זיך שאַפען אייער צוקונפט אויף דעם גרונד פון אייערע אידעען.

ג.

הארטמאן האט לאנג אנגעקוקט גארדאן'ען.

— וואָרום ווילט איהר צושטערען?

— ווייל איך האס.

— איהר האסט? — האט ער א שמייכעל געטהאן.

— יא, איך האס. און מיין האס איז היילינער פון אייער ליעבע. ווייל איהר פיהלט די ליעבע בלויז מיט'ן מארך. מיין האס איז עלטער און טיעפער, ווייל זי האט פריהער פון יעדע ליעבע עקזיסטירט. דער טייפעל איז עלטער פון דער וועלט, ווייל די וועלט איז דורך ליעבע בעשאפען געוואָרען.

— איהר זייט צו שארפזיניג, גארדאן, — האט הארטמאן געזאגט גאנץ לאנגזאם. — איך בין ניט אין שטאנד נאכצופאלגען אייערע געדאנקען, ווייל מיין מארך איז ניט גענוג אויסגעארבייט צו פערשטעהן אייערע פאראדאקסען. איבריגענס, גלויב איך גאר ניט דאס, וואס איהר רעדט. דאס זיינען בלויז פוסטע ווערטער, וואס דרייקען אוים אייער געדאנק, בלויז פונקען, מיט וועלכע עס שפריצט אייער מארך. אונטער דעם איז בעהאלטען אין גאנצען עפעס אנדערעס.

— איהר דענקט אזוי?

— איהר פערשטעלט און פארבעהאלט אייער אינערליכען „איך". איהר שיט מיט פאראדאקסען און שארפזיניגע ווערטער, אום ניט ארויסצואווייזען די טיעפסטע טהייל פון אייער נשמה. איהר זיינט אונבעגרייפליך. איהר זיינט אן אריסטאקראט, און אפשר דער לעצטער...

ער האט פלוצלונג אויפגעהערט צו ריידען און איז שטיל געבליבען.

— איך וויל ארבייטען מיט אייך צוזאמען, — האט ער פלוצלונג א זאג געטהאן נאך א ווײלע פון שטילשווייגען.

גארדאן'ס פנים האט א שטראהל געטהאן ווי פון א ליכטיגען בליץ, וועלכער איז באלד פערשוואונדען, און זיין פנים האט ווייטער בעקומען דעם געוועהנליכען גלייכגילטיגען אויסדרוק.

— דאס איז זעהר קלוג פון אייער זייט, — האט ער א זאג געטהאן כמעט קאלטבלוטיג.

— נעכטען האב איך נאך געצווייפעלט. אייערע שטרעבונגען

זיינען מיר פרעמד געווען. און אפילו יעצט פערשטעה איך זיי נאך ניט אין גאנצען. נאר איך גלויב אייך..

— איהר קענט דאך מיך אבער גאר ניט.

— ניין! איך קען אייך ניט. איך קען ניט אייערע געדאנקען, אבער איך קען אייער נשמה.

ביידע האבען פערשעהמט געשמייכעלט.

— אין לאנדאן האט איהר אמאל גערעדט וועגען די אלע ארוים־געשטויסענע און פערצווייפעלטע, וועגען די אלע קינדער פון מיי־פעל, ווי איהר האט זיי אנגערופען. עפעס איז דא אזוי פיעל צויבער אין דיעזען געדאנק, וועלכער חזר'ט זיך איבער אהן אן אויפהער פון פיעלע יאהרהונדערטע. אלע פעלקער און אלע עפאכען האבען גע־גלויבט אין דעם עלעמענט פון שלעכטעס, אבער איהר זיינט דאך דער פאטער פון שלעכטעס, און דאס טאקע איז גוט.

— איז דאס גוט?

— יא, עס איז גוט.

— האט איהר דאס ערשט היינט פערשטאנען?

— יא. מיט א קורצע ווייל צוריק איידער איהר זייט ארייננגע־קומען. איך האב פיעל געטראכט וועגען אייך... איצט בין איך שוין אין גאנצען ענטשלאסען... אבער איהר ציטערט דאך. טרינקט טהעע, איך וועל אייך צוגיסען קאניאק... יא... גענוג?

— זייט איהר אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי?

— ניין. איך האב קיינמאל קיין אנטהייל ניט גענומען אין קיין בעוועגונג. איך האב געוואוסט אויף דעם א י י נ צ י ג ע ן.

— און דיעזער איינציגער בין איך פאר אייך?

— יא, איהר.

זיי זיינען לאנג געזעסען און געשוויגען.

ווען הארטמאן האט ענדליך זיינע אויגען אויפגעהויבען, האט ער בעמערקט, אז גארדאן שלאפט.

ער האט זיך שטילערהייט אויפגעהויבען, האט געבראכט די קאלדרע פון בעט און איהם פארזיכטיג צוגעדעקט.

איבער גארדאן'ס שלאפעדיג פנים האט ווי געשוועבט אן אויס־

רדוק פון שרעקליכער שמערץ. עס האט זיך געראכט, אז ער האט קוים געאטהעמט.

הארטמאן האט אוועקגענומען פון איהם די אויגען. נאר אונווי־לענדיג האט ער זיך געמוזט איינקוקען אלע מאל אין זיין פנים. וואס איז געווען אזוי פול מיט פערצווייפלונג. אזוי איז ער אבגעזעסען ארום א שטונדע.

פלוצלינג האט נארדאן די אויגען געעפענט, גאנץ רוהיג, גלייך ער וואלט זיי נאר וואס פערמאכט.

— שוין צייט פאר מיר צו געהן, — האט ער געזאגט, און אוועקלעגענדיג די קאלדרע, האט ער זיך אויפגעהויבען.

— איך דאנק אייך. איהר זיינט פאר מיר דער איינציגער מענש. מארגען וועל איך ווידער קומען און מיר וועלען דאן בעטראכטען אלע איינצעלהייטען.

— פילייכט וועט איהר אויסטרינקען נאך א גלאז טהעע?

נארדאן האט אויפ'ן זיינער א קוק געטהאן.

— עס איז שוין נאך דריי, נאר איך וועל מיט פערגעניגען בלייבען און מיט אייך זיך דורכשמועסען.

ער האט זיך ווידער אוועקגעזעצט.

— האט איהר ליעב פילאזאפיע?

— איך האב ליעב צו דענקען.

הארטמאן איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער, האט פון צייט צו צייט געקוקט אויף נארדאן'ען און עס האט אויסגעזעהן, אז ער זוכט די פאסענדע ווערטער.

— וואס, אייגענטליך, שעצט איהר אין ניטשע? זיין פילאזא־פיע? — האט ער פלוצלינג געפרעגט.

— זיין פילאזאפיע? דאס גאר ניט. אבער ניטשע'ס קונסט שעץ איך זעהר הויך.

— און פון זיין פילאזאפיע האלט איהר גאר ניט? — האט הארט־מאן געפרעגט פערקלערט און זיך ווידער אוועקגעזעצט.

— יא, זיין פילאזאפיע הויבט מיך גאר ניט אן צו אינטערע־סירען: ווייל, וואס, אייגענטליך, האט ער דען געשאפען בעסערס אדער ערגערס אין פערגלייך מיט אירגענד וועלכע אנדערען בורזשואזע פי־

לאזאף? ניטשע. אלס פילאזאף, איז דאך אן אמת'ער בורזשוא. אין וואס איז איינענטליך די גאנצע מאדערנע פילאזאפיע? א קלעגליכע בורזשואזע מאראל, די איינציגע מאראל, וועלכע די בורזשואזיע אנער־קענט אין אלגעמיין, די מאראל, וועלכע שטעלט העכער פון אלעם די הייליגקייט און אונריהרבארקייט פון אייגענטהום. ווי אזוי, דענקט איהר, זיינען זיי געקומען צום שלום, אז דאס לעבען איז גאר ניט ווערטה? אלע בעווייזע, וועלכע די פילאזאפען ברענגען דיעזעס צו בעשטעטיגען, פיהרען דאך סוף כל סוף צו עקאנאמישע אורזאכען. אן אוטאפיסט, ווען ער קומט צו דעם געדאנק, וויל בעשאפען אנדערע לעבענס בעדינגונגען: אבער א בורזשואזער פילאזאף טאר צו אזעלכע שליסע ניט קומען, ווייל דאס אייגענטהום איז אונריהרבאר. וואו אל־זא איז דער אויסוועג? דער בעריהמטער פילאזאף, וועלכער טראגט אייער פאמיליען־נאמען, זוכט זיך די בעפרייאונג דורך זעלבסטמארד. און וואס מכח ניטשע? ער איז דאך אויך ארויסגעגאנגען פון דעם פעסימיסטישען בליק אויף'ן לעבען, אויך ער האט איינגעזעהן, אז דאס לעבען איז גאר ניט ווערטה: נאר ער האט ניט געוואלט צושטערען די גרענעץ צווישען „מיין און דיין", ער האט ניט געוואלט קומען צום באנאלען מיטעל פון בעפרייען זיך דורכ'ן טויט, און ער שרייט דערפאר אוים צו די מענשען: זייט אויבער־מענשען! אבער צו וואס דארפען מיר ווערען אויבער־מענשען? אום זיך אויפצוהויבען איבער דעם עלענד, וואס דאס אייגענטהום האט בעשאפען. האַ, האַ, האַ! עס איז נימא קיין שלעכטס, נים קיין גוטס, — נאר ניטשע רעדט וועגען אנארכיסטען, ווי וועגען הינד, וואס לויפען ארום איבער אלע אייראָ־פעאישע מערקטען... האַ, האַ!... זייט אויבער־מענשען — דאס הייסט, זייט איידעל און קלוג, ארבייט לויט דעם פערשטאנד, זארגט זיך ניט וועגען די בורזשואזע געזעלשאפטליכע ארדנונג, נאר ברעכט איהרע הייליגע געזעצען — נאטירליך בלויז אויפ'ן פאפיער — און פעראכ־טעט איהר... האַ, האַ, האַ... דער בורזשואזער געדאנק, וועלכער האט מורא פאר יעדע מעגליכקייט צו צושטערען די רעכט פון אייגענטהום, האט זיך נאך קיינמאל ניט אזוי גוט פערשטעלט. אין גרונד איז דאך דאס ניט קיין אנדערע זאך, ווי די קריסטליכע לעהרע: זארגט זיך נים וועגען עשירות, ווייל דאס וועט דער שטויב און שימעל אויפ־

— און איהר?

— איך וויל טרינקען די מאכט, זיך אנ׳שיכור׳ען מיט איהר. אין דער טהאט, די מאכט, אלס אן אייגענטהום־זאך, איז פאר מיר לעכער־ליך, ווי עס איז לעכערליך דער קלעגליכער און קליינער מאיאנטעק, אויף וועלכען איך זיץ, און וועלכער איז פול אין חובות. איך וויל זיין שטארק, אבער וויל ניט זיין דער בעזיצער פון מאכט. ווען נאפאלעאן וואלט צושטערט די וועלט צוליעב די צושטערונג, ווען ער וואלט פער־ניכטעט טהראנען, און זיי ניט אויפס־ניי אויפגעבויט, ווען ער וואלט צושטערט די עקזיסטירענדע ארדנונג און ניט פערביטען איהר אויף אן אנדערע, דאן וואלט ער פאר מיר געווען א גאט! ניין, ניט קיין גאט, ווייל אויך גאט עקזיסטירט נאר דערפאר, אום אבצוהיטען איי־גענטהום, אייגענטהום און לעבען... ער וואלט פאר מיר געווען דער טייפעל! דער גרעסטער! דער, וועלכער האט גארניט, ווער עס איז גלייכגילטיג צום לעבען — דער נויטיגט זיך ניט אין קיין גאט. גאט איז פאר איהם איבעריג. ער דארף דעם טייפעל, דעם גאט, וועלכער רעדט דורך טהאטען, וועלכער שטופט צו בענעהן טהאטען... יא, איך האס אויך נאפאלעאן׳ען.

עס איז אנגעקומען א לאנגער שווייגען.

ענדליך האט זיך הארטמאן אויפגעהויבען פון פלאץ.

— איצט געהט. איהר זיינט געווען גאנץ אפענהערציג. איך פיהל צו אייך ניט קיין טראפען סימפאטהיע. און איך פיהל ניט מיט אייך מיט, ווייל איהר זיינט ניט קיין מענש. א מענש, וועלכער איז דורך און דורך בלויז טהאט, איז ניט קיין מענש.

גארדאן האט געשמייכעלט מיט פעראכטונג.

— ווי צאהלרייך זיינען ביי אייך די בורזשואזע פאראורטהיילע, טהייערער הארטמאן. מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז אייער פער־שטאנד איז אביסעל בעסער דיסציפלינירט. אייך וועט נאך אויסקו־מען לאנג צו ארבייטען איבער איהם.

גארדאן איז געווארען פלוצלינג טרויעריג, זיין שטערען איז אונ־געוועהנליך פערוואלקענט געווארען, און זיינע אויגען האבען זיך בע־דעקט, ווי מיט א טומאן.

— איהר בוקט זיך נאך פאר אידעען, וועלכע די בורזשואזיע

עסען... חא, חא... מאנכע לויפען אין אינדיען און ווערען דורכגעדרינגען מיט דער תורה פון די בראמינער... אנדערע ווילען זיך ריין מאכען און אויסאיידלען מיט די מיטלען פון דער ריינער מענשהייט, און גאר אנדערע ווערען זאגאר איבער־מענשען.

גארדאן איז געווארען שרעקליך אין כאס.

— ווי לעבערליך דאס איז דיזע מורא, וועלכע האט פאר זיך בעשאפען פאר אן אומבייט, דעם איבער־מענשען. דאס איז די מורא. איהר הערט, די מורא פון דער בירגער־נשמה, דעם קליינעם בעל־הבית, וועלכער ציטערט פאר דעם דינאמיט פון דעם אנארכיסט. איך האס די אלע פאלשע בורזשואזע אידעאלאגען. איך האס זיי נאך מעהר, ווי נאפאלעאן.

ער האט פלוצלינג זיך אבגעשטעלט און, ווי צומישט, א בליק געטהאן אויף הארטמאן'ען. איהם האט זיך אבגעדוכט, אז ער האט שוין געזאגט צופיעל.

— איהר זאגט ארויס גאנץ לייכטזיניגע און איינזייטיגע גע־דאנקען — האט ענדליך געזאגט הארטמאן נאך א לאנגען שווייגען. איהר בעהאנדעלט נימשע פונקט ווי ער וואלט געווען א חדר־אינגעל.

— אפשר... איך בין ווירקליך איינזייטיג. איך בין א פאנאטי־קער... איהר זיינט גערעכט. סוף כל סוף איז עס דאך בלויז מיין זאך. דער איינציגער פילאזאף, וועמען איך אכט, דאס איז נאפאלעאן. דאס גליק האט פאר מיר גאר קיין אנציהונגס־קראפט, און איך זארג זיך נים וועגען דעם. די גאנצע מאראל, אלע אורזאכען און צוועקען האַ־בען פאר מיר קיין בעדייטונג נים. איך אנערקען און שעץ בלויז איין זאך, וועלכע איז שעהן, איהר פערשטעהט, שעהן, דאס איז די מאכט!

הארטמאן האט א קוק געטהאן אויף איהם בייז.

— איך האב געוואוסט, אז אייערע מאטיווען זיינען שלעכטע.

— וואס ארט עס אייך, צי זיי זיינען גוטע אדער שלעכטע? און א חוץ דעם איז נים שייך צו זאגען וועגען מאכט — גוט אדער שלעכט. זי איז נאר שעהן. נאפאלעאן אליין איז געווען א לעבערליכער אידעאלאג, איז געווען א גאנץ קליין מענשעל, ווייל ער האט געוואלט ערא‌בערען די מאכט, אום צו האבען פון איהר פערגניגען. פון מאכט האט ער געוואלט מאכען אן אייגענטהום־זאך.

האט אויסגעטראכט פאר די בעשיצונג פון אייגענטהום. די אידעע „מענשהייט" דערוואַרימט נאך אייער הארץ, אבער צי דען פערשטעהט איהר ניט, דאס דיזע אידעע איז נאַר אַן אַלגעמיינער נאָמען פאר די בעשיצונג פון קאָלעקטיווען אייגענטהום? איך האב דאך טאקע אויך די אנארכיסטען פיינד. זיי ווילען פערניכטען אייגענטהום, נאר זיי שעצען די מענשהיים; אבער די מענשהייט קען דאך אָהן אייגענטהום ניט עקזיסטירען. איך האלט זיך נאַר אויף אזוי פיעל פאר א טהייל פון דער מענשהייט, אויף וויפיעל איך האב מיט איהר געמיינשאפט־ליכעס: אייגענטהום. אויב ביי מיר איז דאָ אייגענטהום, איז ביי מיר אויך דאָ ליעבע צו דער מענשהיים, און איך קען ניט צושטערען...

מיט אמאָל האט ער זיך צולאכט.

— און אויב מען קען ניט צושטערען, טו וואס בין איך אנדערש, ווי אן אידעאָלאָג און בורזשוא? נו, צום ווידערזעהען. פעגרעסט ניט אייער בערשפּרעכען.

— איך פערגעס קיינמאָל ניט, וואס איך האב צוגעזאגט.

הארטמאַן האט אויף איהם בייז א קוק געטהאן און צוגעגעבען גאַנץ שטיל:

— איהר זיינט געווען זעהר אפענהערציג.

— איהר זיינט דער איינציגער מענש, וועלכער האט דאס אלעס געהערט פון מיר.

גארדאן האט צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד און א שמייכעל געטהאַן:

— און ווען אלעס וועט זיין פערניכטעט, וועל איך אוועקגעהן און איבערלאזען אייך דעם פּלאַץ, אום צו בויען.

5.

חעליא איז געשטאנען ביי'ם פענסטער און צוגעדריקט איהר הייסען שטערען צום שויב. דרויסען איז געגאנגען א רעגען. זי האט וועגען קיין זאך ניט געטראכט. זי האט זיך געפונען אין א צושטאנד פון אן אונזיניגער צערשטרייטקייט און גלייכגילטיגקייט, פון וועלכע זי האט זיך נאר פון צייט צו צייט בעפרייט.

אך, ווי דאס אלעס האט איהר דערעסען!

עס האט אנגעהויבען ווערען טונקעל.

זי האט אנגעצונדען דעם לאמפ, האט זיך ארונטערגעלאזען אויף א שטוהל און צוגעדעקט דעם פנים איהרען מיט די הענד.

אזוי איז זי אבגעזעסען גאנץ לאנג. מיט אמאל איז זי אויפגעשפרונגען. אימיצער האט אנגעקלאפט אין טהיר.

אריין איז אסטאפ. ער האט אויסגעזעהען צושראקען. אונרוהיג האט ער געקוקט ארום זיך און האט זיך אוועקגעזעצט, ניט אויסרעדענדיג קייןווארט.

העליא איז געשטאנען און געווארט.

ער האט מיט א מינע פון גרויס צער א קוק געטהאן אויף איהר און געזאגט:

— דו האסט מיך אודאי ניט ערווארט. מיר איז אזוי שווער געווען זיך ארויסצוקלייבען פון הויז. דער קאפ ווערט מיר איינפאך צושפאלטען פון וועהטאג. דו ווילסט מיר עפעס זאגען? גרויסער גאט, ווי פינסטער עס איז דיין אנבליק! וואס בעדייט עס? ביזטו קראנק?

— האט זי איהם געפרעגט.

— ניין, בלויז שיכור. איצט בין איך שטענדיג שיכור.

— אבער דו ווייסט דאך, ווענינסטענס, פערשטעהן, וואס איך וועל דיר זאגען?

— רייד, רייד!

— טו חער־זשע, איך וויל דיך קיינמאל מעהר ניט זעהען. איך

האב בעשלאסען צו צורייסען אונזערע פערהעלטניסע.

ער איז אויפגעשפרונגען און געקוקט אויף איהר מיט אן אונזי־ כיגען בליק.

— שלאג מיך נים איבער, ווארים אויב יא וועל איך אוועק־ געהן און דיר גארנים זאגען. און א חוץ דעם, זאגסטו ליגען. דו ביסט נים שיכור, גאר נים שיכור.

— ניין.

— הייסט עס, קראנק?

— ניין, ניין, רייד ווייטער.

זי איז געווארען נאך ערנסטער.

— דו לאכסט? דו מיינסט, אז איך רייד דאס אונטער דעם איינפלוס פון א מאמענטאנעם קאפריז? נים אמת. כ'האב קיינמאל נים גערעדט אזוי ערנסט. דאס בין איך ערשט איצט געווארען אזוי אפענהערציג.

זי האט זיך אונטערבראכען, אזוי ווי זי וואלט מעהר קיין כח נים געהאט צו רעדען.

— אך, ווי אפענהערציג איך בין עס איצט — האט זי נאכהער איבערגעזאגט גאנץ אונבעוואוסט פאר זיך זעלבסט, אז זי זאגט עס איבער.

באלד אבער איז זי געקומען צו זיך און האט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהם.

— איך האב דיך גענארט, אסטאפ. איך קען נים זיין דיינע. דיין ליעבע איז געווען אזוי געוואלדיג, דאס זי האט מיך אין גאנצען פער־ טומעלט. איך בין געווען אזוי גליקליך. דו ביסט דער ערשטער מענש, וואס ליעבט מיך, אבער איך האב דיך נים ליעב.

— דו ליעבסט מיך נים?

— ניין, איך האב געמיינט, אז לעבען דיר וועל איך אלעס פער־ געסען — אלעס. נאר דו ביסט צו שוואך. איך מוז אימער פיהלען לע־ בען זיך מאכט, א מורא'דיגע קראפט; אז נים, פיהל איך, ווי איך פאל, איך זינק... אך, עס איז ניטא קיין מענש, וואס זאל זיין גענוג שטארק פאר מיר. איך מוז פיהלען ארום זיך א מאכט, אום צו קענען פער־ שווינדען אין איהר, ווי א קליינער פינטעלע. א מאכט, וואס זאל מיך

ארומכאפען פון אלע זייטען. אזוי, אז איך זאל פערגעסען אן זיך. איך זאל זיך פיהלען, אלס קינד, יא, איך זאל ווידער פערוואנדעלט ווערען אין א קינד... דו אבער ביסט ניט אזא מענש. דו ביסט אליין שוואך, און האסט אימער מורא פאר עפעס. דו האסט פיעל מעהר מורא, ווי איך...

זי איז שטיל געבליבען.

ער האט געכאפט איהר האנד, צונויפגעדריקט שטארק און געזאגט מיט א הייזעריגער שטימע:

— ווייטער! ווייטער!

— אך, לאז אפ, עס טהוט וועה. איך מוז פיהלען, ווי עס הויבט מיך אויף, און רייסט מיך אוועק א פרעמדע קראפט, ווייל דאן פיהל איך זיך אלס קינד און פערגעס דעם עקעל... אבער אויך דו פיהלסט דעם עקעל. צו זיך און צו מיר...

— איך ליעב דיך — האט אסטאפ ארויסגערעדט קלאנגלאז — איך האב צו דיר קיינמאל ניט געפיהלט קיין עקעל.

— זאגסט א ליגען! זאגסט א ליגען! דו פיהלסט איהם אפט, זעהר אפט. זאגען דיר, ווען דו האסט עס אזוי געפיהלט? געדענקסטו, ווען מיר זיינען געשטאנען אויפ'ן פלאטפארמע אויפ'ן וואקזאל. עפעס א מאנסביל האט געקושט א מיידעל, וועלכע האט זיך ארומגעקוקט מיט שרעק. זי האט גלייכצייטיג געפיהלט אי שרעק, אי ליעבע, אי שמערץ, ווייל ער האט בעדארפט אוועקפאהרען. האסטו דען דאן ניט געטראכט? אך, אויך זי איז אודאי אמאל אזוי געשטאנען לעבען איהר ערשטען געליעבטען, ווען ער האט בעדארפט אוועקפאהרען! אויך זי האט גע־ווים מורא געהאט, אז אימיצער זאל ניט בעמערקען, און זי האט זיך שטארק גענומען צום הארצען, וואס ער פאהרט אוועק. זאג, האסטו דאס ניט געטראכט וועגען מיר? מיינסטו, דען, אז איך האב ניט בעמערקט, ווי דו ביסט אין גאנצען אויפגעטרייסעלט געווארען פון שמערץ? יעדע נארישקייט פעראורזאכט דיר ליידען. יעדע הויז, יעדע גאס, יעדע עראינערונג פייניגט דיך. וואוהין דו זאלסט ניט א בליק טהאן, איבעראל פערפאלגט דיך דער געדאנק: אך, צי ניט דא, צי ניט אין דיזער הויז איז זי געווארען א פרוי? צי ניט דא איז זי געזעסען מיט איהם און זיך דערמאנט צוזאמען אן די ערשטע ליעבעס־נעכט?...

און, פערשטעהסטו, איך קען עס ניט אריבערטראגען... איך פיהל אזא ברענעצלאזען עקעל, אז דו זאלסט מיר שטענדיג דערמאנען אן דעם. ביין! איך וויל ניט... איך בין אזוי מיעד!

קראפטלאז האט זי אראבגעלאזען איהרע הענד.

— דו כאפסט זיך אן אן מיר — האט זי וויטער גערעדט נאך א לאנגען שווייגען — דיך פייניגט א שטארקער שרעק. און דו וואלסט איהם געוואלט דערשטיקען מיט ליעבע. איך וויעדער האב דיך געוואלט נעהמען פאר'ן האנד און מיין עקעל דערטרינקען אין דיין שרעק. אבער ניטא ביי מיר גענוג כחות דערצו.

זי איז וויעדער אנשווינגען געווארען. איהרע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרערען.

אסטאפ האט געוואלט עפעס זאגען, נאר האט ארויסגעלאזען בלויז א הייזעריגען קלאנג.

זי האט אויף איהם א קוק געטהאן, אין זייגע אויגען האט זיך געזעהען א קראנקהאפטער שרעק.

—ווארף מיך ניט אוועק!... אהן דיר וועל איך אונטערגעהן... פון דער צייט, וואס איך האב דיך בעגעגענט, און ליעב געקראגען, בין איך געווארען אנאנדער מענש, א בעסערער... דיין ליעבע האט מיך געמאכט שטארק... עס קומען שוין ניט צו מיר יענע שרעקליכע חלומות...

ער האט געכאפט איהרע הענד.

— דו האסט מיר געגעבען האפנונג, און איך האב זיך מיט פערצוויפלונג אנגעכאפט אן איהר... איך ליעב דיך. וועל אן אלעס פערגעסען, וועל ווערען א קראפט, וועלכע איז דיר נויטיג, נאך וועלכער דו דורשסט.

ער האט געוויינט, ווי א קינד.

העליא האט פערלארען די געדולד.

— דו קענסט ניט זיין שטארק! נאר זיך אליין ניט אב. מאך זיך ניט שווערער, ווי עס איז, דיזע צושיידונג. אט האסטו דאך יעזין פערגעסען וועגען דעם, וועגען וואס דו האסט געטראכט מיט פינף מינוטען צוריק... האסטו זיך דען ניט אריינגעטראכט אין דעם, וואס איך בין געווען גארדאן'ס א ליובאוויצע, און נאך פריהער די ליובאוויצע פון עפעס א לעבערליכען סטודענט? דא, יא, אין דער זעלבער שטאדט.

קום מיט מיר, איך וועל דיר ווייזען די הויז, אין וועלכער איך האב איבערגעלעבט לאנגע שטונדען פון ליעבע...

זי האט זיך בימער צולאכט.

— קענסטו דען זיך ניט פארשטעלען, פיהלסטו דען ניט דעם גאנצען עקעלהאפטען שמוץ, אין וועלכען דו לאזסט זיך ארונטער, ליעבענדיג א פרוי, וועמעס קערפער עס האבען שוין ארומגענומען די הענד פון א צווייטען? חא! חא! גאר א צופלאקערטער פון ליידענשאפט, א צולאזענער אינגעל וואלט ניט דערפיהלט דערביי קיין שרעק און שמערץ... נעה אוועק, איך וויל דיך קיינמאל מעהר ניט זעהען! איך ליעב דיך ניט!

אסטאפ האט ווי פערלארען דאס גלייכגעוויכט. ער האט איהר ווידער געכאפט פאר די הענד און האט זיי אנגעהויבען שטארק צו־ קוועטשען.

— ערלויב מיר, ווענינסטענס, צו זעהען דיך, מיין קעניגין. לעבען דיר פיהל איך זיך אזוי שטארק. ברענגען דיר איהם, פערשטעהסט, דעם קעניג? ברענגען דיר גארדאן'ען אהער? גאר טרייב מיך ניט. איך ברענג דיר איהם גלייך....

ער האט געלאכט מיט א משוגענעם געלעכטער.

— איך ווייס דאס צוויבער־ווארט. ער וועט גלייך קומען. אבער זיין ליעבע צו מאכט איז גרעסער, ווי זיין ליעבע צו דיר.

זי האט א קלאפ געטהאן מיט'ן פוס.

— איך וויל איהם ניט! איך האס איהם!

— ווייל דו ליעבסט איהם, מיין קעניגין! איך האב איהם אויך ליעב. לאמיר איהם ליעב האבען צוזאמען. ביידע וועלען מיר זיך פיהלען גליקליך און גארנישטען אין זיין מאכט, חא, חא, חא!... און מיר וועלען ניט מורא האבען... חא! חא!... און איך האב דאך אזוי מורא.

חעליא איז אויפגעשטאנען.

—איצט גנוג. אלעס איז שוין געענדיגט! דאס איז מיין פעסטער ווילען. איך וויל אייך ניט זעהען, ניט דיך און ניט איהם. איך וויל זיין אליין. גארדאן איז א ליגנער. ער האט קיינעם ניט ליעב. ער מאַ־

מערט זיך נאר איינצורעדען זיך, אז ער ליעבט. אין דער ווירקליכקייט אבער ליעבט ער ניט.

ער איז אויפגעשטאנען, און האט זיך דערביי א שאקעל געטהאן.

— הער צו, העליא, ערלויב מיר, ווענינסטענס... יא, ווענען דאס איינע בעט איך דיר, ערלויב מיר א מאל צו קומען און זעהען דיך...

— ניין, איך וויל ניט! איהר פערשמוצט מיך מיט יעדען דריק פון דער האנד, פערשמוצט מיך מיט אייערע בליקען, מיט דעם קלאנג פון אייער שטימע... איהר אלע ריהרט מיך אן מיט דעם געדאנק, אז מיך קען מען לייכט קריגען, ווייל מיך האט דאך שוין געהאט דער אונ־ריינער. איהר זיינט מיר עקעלדיג. געה זשע, געה!

ער האט געשמייכעלט מיט א זינלאזען שמייכעל.

העליא איז אויפגעשפרונגען אין גרויס אונרוה. עס האט איהר שוואך געמאכט דער פערצווייפעלטער אויסדרוק פון ווילדען שרעק, וואס האט פערדונקעלט זיין פנים.

— וואס האסטו מורא? — האט זי געפרעגט שטיל און איז ניט ווילענדיג אבגעשפרונגען פון איהם.

ער האט זיך צוגערוקט צו איהר.

— וואס האסטו מורא? — האט זי ווידער אמאל געפרעגט.

פלוצלינג האט אסטאפ אויף איהר א קוק געטהאן מיט א קלא־רען, ערנסטען בליק.

— קום צו מיר. איך וועל עס דיר זאגען. קום־זשע, זעץ זיך אט דא, לעבען מיר.

זי האט געפאלגט.

אסטאפ האט זיך צונעבויגען צו איהר.

— איך האב מורא, ווייל... וויל...

און פלוצלינג האט ער ארומגעכאפט מיט די הענד איהר קאפ און איהר א ביס געטהאן אין האלז.

העליא האט א געשריי געטהאן פון וועהטאג.

אסטאפ איז געקומען צו זיך: איז אבגעשפרונגען אין ווינקעל און דארט איז ער געבליבען שטעהן מיט זיינע קראמפלאז־אראבהענגענדע הענד.

עס איז אוועק א סך צייט. העליא האט געציטערט, און אין שרעק

האט זי זיך אריינגערוקט אין דעם צווייטען ווינקעל פון צימער.

און ער האט אלץ געקוקט אויף איהר און האט געשמייכעלט מיט א זינלאזען געלעכטער. איבער זיינע באקען האבען זיך אהן אן אויפהער געקייקעלט גרויסע טרעהרען, אבער אויף זיין געזיכט האט קיין איינציגער מוסקול ניט א ציטער געטהאן.

ענדליך איז ער געקומען צו זיך, האט זיך אווארף געטהאן צום פענסטער, און איז דארט לאנג געשטאנען, ניט מאכענדיג די מינדסטע בעוועגונג..

— איך האב דיך אודאי איבערגעשראקען — האט ער ארויסגערעדט גלייכגילטיג — פון צייט צו צייט קומען אן אויף מיר אזעלכע ספאזמען... יא, און איצט פערשטעהט זיך, געה איך.

און ער האט זיך אועקגעזעצט, אבער גלייך זיך ווידער אויפגעהויבען.

— אבער זאג, זאל איך דיר טאקי ניט ברענגען צופיהרען נארדאן'ען?

לאנג האט ער געקוקט אויף איהר, דאן געשמייכעלט.

— נו, זיי געזונד, גאך אלעמען, ביסטו גערעכט... איך האב פיעל געליטען פון דעם, וואס... נו, יא...

ער האט זיך צוגעריהרט צו איהר האנד מיט די שפיצען פון די פינגער.

ביי'ן טהיר האט ער זיך בעגעגענט מיט פאליא ווראנסקי.

דרויסען האט ער זיך געמוזט אנשפארען אן וואנד, אום ניט אנידערצופאלען. דאן האט ער זיך אנגעהויבען ארונטערצולאזען פון די טרעפ, אבער די כוחות האבען איהם פערלאזען.

ער האט זיך צוגעזעצט אויף די טרעפ. אלעם האט זיך אנגעהויבען דרעהען ארום איהם. דער הימעל האט אויפגעפלאקערט, געלע בליצען האבען געשאסען אין דער זון.

ער האט פערלארען דעם בעוואוסטזיין.

6.

ווען אסטאפ איז געקומען צו זיך, האט ער דערזעהן גארדאן'ען זיצענדיג ביי'ם טיש און פארענדיג זיך ארום דעם סאמאוואר.

אסטאפ האט ווידער צוגעמאכט די אויגען, אבער האט זיך באלד אויפגעזעצט אין בעט.

— מען האט מיך געפונען ביי איהר?

גארדאן האט אויף איהם א דורכדרינגענדען בליק געווארפען.

— איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז די גאנצע פאסירונג איז פון גאר קיין בעדייטונג נים. דו האסט אונז אלעמען אזוי אונרוהיג געמאכט. אויב איך האב קיין טעות נים, איז עס שוין נים דאס ערש־טע מאל ביי דיר.

אסטאפ האט מיט מיסטרוי א בליק געטהאן אויף גארדאן'ען. גע־וועהנליך האט ער נים ליעב געהאט אזוי פיעל צו רעדען.

— געדענקסט, אויף אונזער הוליאנקע, ווען מען האט אונז ארויס־געלאזען, האט אויך דאס זעלבע מיט דיר פאסירט. ביזט געפאלען אויף דער ערד, און אין צוויי טעג ביסטו ווידער געווען פאלשטענ־דיג געזונד. איצט פיהלסטו דאך נים גוט, הא? דאס מוז עפעס זיין א נערוועזער פיבער, נים אמת?

— מען האט מיך געפונען ביי איהר? — האט אסטאפ ווידער געפרעגט, כמעט אין כעס.

— נו, געוויס. עס איז געווארען א גרויסער טומעל. איך בין גראד געווען דאן אין שטאדט, איך בין גלייך געקומען. דו האסט אזוי פיעל גערעדט פון היץ...

— גערעדט פון היץ?

אין אסטאפ'ס אויגען האט זיך געמערקט שרעק.

— יא, דו האסט גערעדט עפעס, וואס האט זיך גאר נים גע־קלעפט, ווי דאס קומט פאר אין פיבער.

— אבער וואס, אייגענטליך — זיין אונרוהיגקייט איז געוואָ־רען אלץ שטארקער.

— ווי נאַטירליך, דו האסט גערעדט וועגען דער פערלאָרענער ליעבע און נאך אזעלכע זאכען.

אסטאפ האט זיך אומגעדרעהט צו דער וואנד, אבער ער האט זיך נאך אלץ ניט געקאנט בערוהיגען.

— דו האסט אודאי מורא געהאט, אז אין היץ וועל איך ארויס־געבען דיינע פאנטאסטישע פּלענער? — האט ער געפרעגט מיט אי־ראָניע?

— נו, געוויס, איינער, וואס איז שכור אדער קראנק אויף פיבער, קען אלעם אויספּלוידערען.

— חא! חא!... דיינע קינדערשע קאנספּיראטיווע פּלענער...

אסטאפ האט געלאכט, ווערענדיג אלץ מעהר און מעהר אויפ־גערעגט.

— וואס, דו קלייבסט זיך טאקי אין דער אמת'ען צו פערניכטען די וועלט דורך דעם, וואס דו וועסט גנב'ענען עטליכע טויזענד רו־בעל?

— ניין, דאס האב איך קיינמאל ניט געזאגט.

— צו וואס־זשע דארפסטו דאס געלד?

— אום צו פערפערטיגען און בעשאפען מענשען.

אסטאפ האט א גענעץ געטהאן.

אסטאפ האט זיך געמאטערט אויסצוזעהען פאלשטענדיג רוהיג.

דיזע געשיכטע מיט העליא האט מיך שרעקליך געפייניגט, און איצט פיהל איך פונקט, ווי א שטיין וואלט מיר אראב פון הארצען. דאס איז אויך געוועזן א סארט היפּנאז — דו...

אבער ער איז פּלוצלינג שטיל געווארען און האט זיך שטארק פארטראכט. דאן האט ער זיך אזוי ווי אין גאנצען צונויפגעקוועטשט און האט בעטראכט דאס צימער מיט א בלאנדזשענדען בליק.

— מיין פאטער וויים דאך גאר ניט וועגען דעם? — האט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— ניין, דיין פאטער איז אוועקגעפאהרען אויף עטליכע טעג.

און עס איז ווידער שטיל געווארען. אסטאפ האט אויסגעזעהן,

ווי ער וואלט איינגעשלאפען. אבער מיט אמאל האט ער פול מיט מיסטרוי א קוק געטהאן אויף גארדאן׳ען, און ווידער האט אויף זיין פנים פאראיבערגעשוועבט דער אויסדרוק פון שרעק.

— וועגען וואס האסטו גערעדט? — האט גארדאן געפרעגט פארטראכט.

אסטאפ איז אזש אויפגעשפרונגען פון שרעק.

— האב איך דען עפעס גערעדט? אסטאפ האט אין גאנצען געציטערט.

— ניין, אבער איך האב איבערגעלייענט א פראגע אויף דיין פנים.

אסטאפ איז אהן כחות א פאל געטהאן אויפ׳ן בעט.

עס איז געווארען דונקעל אין צימער פון דעם אנגעקומענעם אבענד. דער לבנה־שיין האט אבגעשטראהלט אויפ׳ן פאדלאגע די פארמע פון פענסטער. גארדאן האט זיך איינגעקוקט אין די לאנגע שווארצע ליניעס פון די ראמען, וועלכע האבען צוטהיילט דעם לבנה־שיין אויף גרויסע קוואדראטען.

— איך בין זעהר צופריעדען — האט גארדאן פלוצלינג ארויס־גערעדט — וואס דיין קראנקהייט איז דאס מאל אזוי שנעל פאראי־בער. מיר האבען ווייניג צייט. צו ענדע מאנאט דארף מען זיך נעה־מען צו דער ארבייט.

אסטאפ האט ווילד א קלאפ געטהאן מיט׳ן קולאק אויפ׳ן טיש.

— איך וויל נים. וועל מיט א פינגער זיך ניט צוריהרען, איך פער־פלוך דיך, טייפעל: דו ביסט א הענקער. דו האסט פערניכטעט מיין לעבען, און איצט ווילסטו נאך מיך אריינזעצען אין געפענגנים.

גארדאן האט אזוי ווי גאר ניט געהערט, וואס אסטאפ האט גע־רעדט און האט פארטגעזעצט:

— איך האף, אז דו האסט גוט אויסגערעכענט אלעס, וואס דו דארפסט טהאן. אין א וואך ארום וועלען מיר אנפאנגען.

און ער האט רוהיג א קוק געטהאן אויף אסטאפ׳ן.

דערוויילע איז דער פלעק פון דעם לבנה־שיין אריבער אויף אנאנ־דער פלאץ. גארדאן האט געזעהן אסטאפ׳ס פנים אויסגעקרימט פון

שרעק און ליידען. זיינע ליפען האבען געציטערט. ענדליך האט ער גע־פונען דעם כח ארויסצומורמלען עטליכע ווערטער.

— וואס איז ביי דיר אין די געדאנקען? וואס? וואס?

גארדאן האט גאר ניט געענטפערט.

— א מאדנע זאך — האט ער ענדליך ארויסגערעדט — דאס אלע מענשען, ווען זיי זיינען אויפגערעגט, זיינען עהנליך איינע צו די אנדערע. דו זעהסט איצט פונקט אזוי אויס, ווי דער קליינער סטע־פאן, וואס שטארבט פון שווינדזוכט.

— דו ווילסט מיך טאקי צווינגען? — האט אסטאפ ארויסגע־רעדט גאנץ שטיל.

— ניין, איך וויל דיך ניט צווינגען.

— יא, דו ווילסט.

— ניין, דו דארפסט נאר וועלען.

עס איז אנגעקומען א לאנגער שווייגען.

ווען אסטאפ האט נאכהער אנגעהויבען צו רעדען, איז ער געווען פאלשטענדיג רוהיג. ער האט גערעדט לאנגזאם, פונקט ווי ער וואלט געטראכט וועגען דעם, וואס ער האט געוואלט זאגען.

— דו מיינסט — האט ער געמורמעלט — דאס איך וועל זיך לאזען אבנארען? דו מיינסט צו צווינגען מיך מיט דעם סטראַ־שונאק פון א געהיימען מארד? דו מיינסט ווירקליך אזוי? הא, הא! איצט, ווען דו האסט אלעם צובראכען אין מיר?...

ער האט זיך אבגעשטעלט און א בליק געטהאן אויף גארדאן'ען מיט א טיעפען האס.

— און דו האסט דאך דאס אלעם אויפגעטהאן? — האט ער ארויסגערעדט מיט מיה.

— יא — האט גארדאן געענטפערט גאנץ קאלטבלוטיג — איך האב עס ניט געקאנט אריבערטראגען, אז א נארישע פרוי זאל פיהר־רען פאר'ן נאז אזא מענשען, ווי דו... העליא איז, אפשר, ניט נאַ־ריש, אבער זי איז היסטעריש... נו, טו קום דאך א ביסעל צו דיין פער־שטאנד... צו וואס די לעבערליכע אייביגע אויפרעגונג? איך האב דיך נאך קיינמאל ניט געזעהן אין אזא צושטאנד. איבערלייג זיך נאר גוט; אין א וואך ארום מוזען מיר שוין אנפאנגען.

— געה צום טייפעל!

אסטאפ איז פלוצלינג געווארען שרעקליך בייז.

— אך, ווי איך האס דיך! דו קענסט זיך ניט פארשטעלען, ווי איך פעראכט דיך! יעדער מוסקול מיינער, יעדער האר אויף מיין קאפ האסט און פעראכטעט דיך! דו האסט פערניכטעט, אי מיך, אי איהר — יא, אויך איהר פערניכטעט. אי איהר — יא, אויך איהר פערניכטעט. איהר! איהר! איך גלויב ניט, אז דו זאלסט קענען ליידען צוליעב איהר. דאס איז א ליגען. דו האסט געוואלט בלויז פער־ניכטען איהר. האסט איהר אויפגעטרייסעלט מיט פאלשע ליידען. וועלכע דו האסט אין דער אמת'ען קיינמאל ניט געפיהלט, צונעשמידט איהר צו זיך, און געטוידטעט יעדען נערוו אין איהר, איצט, ענדליך, האב איך דיך דערקאנט. דו האסט אריינגעגאסען גיפט אין איהר בלוט. עס איז דיין ארבייט. וואס איהר נשמה וועט פערלוירען געהן און פערפוילט ווערען... איצט קענסטו רוהיג איהר אוועקווארפען— דיין ציעל איז דערגרייכט.

ער איז אנשוויגען געווארען אויף א ווײלע, און האט באלד פארטגעזעצט:

— איך האב שוין געענדיגט אלע מיינע חשבונות מיט'ן לע־בען, וועל טהאן אלעס, אפילו ווען איך זאל דארפען צו גרונד געהן. אבער — איך וויל ניט שטארבען אין געפענגניס, אין א פערבעסערונגס־אנשטאלט.

— אין געפענגניס? און פאר וואס זאלסטו שטארבען אין גע־פענגניס?

— איך בעט דיך, מאך ניט חוזק פון מיר, צו דען...

אסטאפ האט זיך פלוצלינג אונטערבראכען.

— נו, יא — האט ער נאכהער געשמייכעלט — צי דען זיינען מיר ביידע שוין אפט ניט געווען אויפ'ן שוועל פון געפענגניס.

גארדאן האט געהיימניספול א שמייכעל געטהאן.

— וואס לאכסטו?

— ניט דערפאר, ווייל דו האסט מורא פאר געפענגניס. און ניט דערפאר האסטו מורא, אין וואס מיר זיינען צוזאמען שולדיג.

פאר א מינוט האט עס אויסגעזעהן, אזוי ווי אסטאפ האט גע־

וואלט זיך כאפען שלאגען. אבער ווי אונטער דער ווירקונג פון אן אונ־ערוואַרטעטען שטוים, איז זיין מארך פלוצלינג שוואך געווארען. און ער האט זיך ווידער אוועקגעלייגט.

— גאַרדאַן האט זיך אנגענאַסען טהעע.

— דאס איז איינפאך שרעקליך — האט ער ארויסגערעדט טרויעריג. דו ווייסט קיינמאל ניט, צו וואס איינער קען קומען. ווען ער איז מיט דיר.

— לאך ניט — האט אַסטאַפּ געזאגט מיט א מיעדער שטימע.— דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז איך וועל אלעס טהאן.

— דאס זעלבע האסטו געזאגט מיט עטליכע טעג פריהער.

— איצט קענסטו זיין רוהיג. דו האסט ביי מיר צוגענומען אלעס. האסט ביי מיר צוגענומען העליא. אבער איצט גענוג. איך וויל ניט קוקען אויף דיר.

גאַרדאַן האט געקוקט אויף איהם טרויעריג.

— מיר טהוט עס זעהר וועה. וואס דו קענסט מיך אזוי ווייניג. עס איז וואונדערבאר, וואס ניט איינער פון אייך קען מיך. איהר, וואהרשיינליך, דענקט צופיעל וועגען מיר. אנדערש קען איך ניט פערשטעהן אייער ניט־טרויען מיר. אדער איך בין פאר אייך קעניג און הערשער, אדער דער ערגסטער לומפּ.

אַסטאַפּ האט א מאך געטהאן מיט דער האנד.

— גענוג, גענוג! איך וועל טהאן אלעס, וואס איך וועל קענען. דו ווייסט דאך, אז מען קען זיך פערלאזען אויף מיר. שיק מיר נאר צו א מענשען, מיט וועמען איך דארף עס טהאן... איך וויל גאר ניט, אז דאס זאל מיך ברענגען אין געפענגניס.

גאַרדאַן האט לאנג געקוקט אויף איהם.

— אבער אין דיינע אידעען גלויב איך גאר ניט. דאס איז אלעס בלויז א פוסטע פאנטאזיע.

אַסטאַפּ האט אויסגעשפּיגען.

— יא, יא, ביסט ניט מעהר, ווי א הורבע פראזען־מיסט, וואס דו האסט צוזאמענגעקליבען אויף די הינטער־הויפען פון די איראפּעאי־שע גרויס־שטעדט.

גאַרדאַן האט הילכיג געלאכט.

— טייפעל, פון וואנען נעהמט זיך צו דיר אזא שנאה?

— ביסט א פאיאץ, א בעל גאוה, אלץ! — האט אסטאפ גע־שריען אויסער זיך.

אבער גארדאן האט איהם אזוי ווי ניט געהערט. ער איז געבלי־בען שטעהן ביי'ם טהיר און האט געזאגט ערנסט אהן א סימן פון כעס:

— איך וואלט זעהר געוואלט אויף אימער זיך צושיידען מיט דיר. איך פעראכט דיך. וואס פאר א אינגעל דו ביסט נאך. דו ביסט ווילד, ווייל איך פארדער פון דיר עטוואס, וואס יאגט אן אויף דיר א מורא, און דאך ביסטו צו פייג, אום ניט מורא צו האבען פאר מיר. ליידער, ביסטו פאר מיר נויטיג. זעהר אונגערן געברויך איך דיך פאר דיזע טהאט, נאר דו מוזט עס אויספיהרען. דו מוזט. פער־שטעהסט? איך וועל צו דיר באלד שיקען א מענשען, מיט וועמען דיר וועט אויסקומען צו ארבייטען... נו, זיי געזונד.

אסטאפ האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ מיטביידע הענד אזוי, ווי עס האט זיך אבגעדרוכט, האט ער נאך ניט געהערט.

— צום ווידערזעהען! רוה זיך איצט אב, און מארגען וועלען מיר זיך ווידער זעהען.

— דו וועסט ניט אוועקגעהן! וואס, וואס ווייסטו? וואס האב איך געערדט פון היינ?

זיין שטימע האט זיך איבערגעריסען, ער האט שווער געאטהעמט.

— האסט נאך ניט פערשטאנען, דאס איך ווייס אלעס? — האט גארדאן געמורמעלט — איך האב שוין לאנג געוואוסט, אז אויך דו ביסט דעם טייפעל'ס א קינד. מען דארף זיך נאר ניט אבקעהרען פון איהם... ער נעהמט נקמה דערפאר...

7.

אויפ'ן נאס האט גארדאן גלייך פערגעסען וועגען דעם אלעם. ער איז שנעל אוועק איבער די הויפט־גאס פון שטאדט און איז באלד ארוים אויף'ן שליאך. די נאכט איז געווען א זעהר ליכטיגע, און גאר־דאן האט געהערט דאס סקריפען פון שנעע אונטער די פיס. און אין זיין קאפ איז געווען בלויז דער געדאנק וועגען דעם סקריפעדיגען שנעע און דער ליכטיגער נאכט. פלוצלינג האט זיך פון דערווייטענס דערהערט דער קלאנג פון גלעקלאך, וועלכער איז געקומען אלץ נעהענ־טער. אונבעוואוסט איז ער אריבערגעשפרונגען דעם גראבען בײן זייט פון וועג און האט געוואלט געהן ווייטער.

נאר מיט אמאל האט ער דערהערט, ווי מען רופט:

„גארדאן, גארדאן!“

ער האט אויפגעציטערט. דאס איז געווען העליא'ס שטימע. ער האט געוואלט געהן ווייטער; דאך האט ער זיך איבערלייגט און האט זיך געגומען אויף צוריק.

— קום־זשע אהער, גארדאן!

ער איז צוגעגאנגען צום שליטען.

— אה, דו האסט געוואלט אנטלויפען, פונקט ווי א גנב, אבער דיין פיגור האט דיך פערראטהען.

גארדאן האט זיך פערניינט. צוזאמען מיט העליא'ן האט ער אין שליטען דערזעהען פאליא'ן.

— מיר זיינען געווען ביי דיר, מיר האבען געוואלט דיר אב־שטאטען אן אונערווארטעטען בעזוך — העליא האט נערוועז גע־לאכט — מיר האבען געזעהען ליכט ביי דיר אין פענסטער, און מיר האבען געמיינט, אז דו האסט זיך פארבאהאלטען. דיינע ארביימער האסטו אלע אוראי געלאזט אוועקגעהן. אין דעם גאנצען מאיאנטעק איז ניט געווען קיין לעבעדיגער נפש.

גארדאן האט פריינדליך געשמייכעלט און האט רוהיג איבער־געווארט דיזען האגעל פון ווערטער.

— זאנדערבאר! זאנדערבאר — האט ער נאר ארויסגערעדט.

— נו, און וואס איז מכח דיין פנים?

גארדאן האט דערהערט פאליא'ס בייזען געלעכטער.

— ניט געשוואלען? ניין? נו, דאס איז דאך געווען נאר א שפאס.

און ווידער האט פאליא אוננאטירליך געלאכט.

— ניין, דער פאטש איז געווען א צו שוואכער. און ווי האט עס אנדערש געקאנט א הענטעלע, וועלכע האט ביז דאן בלויז גליקליך גע־מאכט מיט איהרע צערטליכקייטען.

און גארדאן האט בעמערקט, דאס העליא האט זיך פארמאכעוועט מיט איהר בייטש, און ער האט שנעל אבגעשפרונגען, אויסמיידענדיג דעם קלאפ.

— אדיע! — האט ער געזאגט, און אראבנעהמענדיג דעם הוט, האט ער זיך גאנץ נידריג פערנייגט. ער האט נאר געזעהען, ווי דער שליטען האט זיך אוועקגעטראגען מיט א משוגענער שנעלקייט.

און פאליא איז געווען אין שליטען. פאלגליך איז טאקי אלעס אזוי געקומען, ווי ער האט זיך עס פארגעשטעלט.

ער האט געפיהלט זיך שטארק מיעד, ער האט צושפילעט דעם מאנטעל, און איז אוועק. דער קורצער וועג פון שטאדט צו זיין מאיאנ־טעק האט זיך איהם אויסגעוויזען אונענדליך לאנג.

ענדליך איז ער געקומען אהיים. אין זיין צימער איז געזעסען אימיצער.

גארדאן האט זיך שטארק דערפרעהט.

— פון וואנען האסטו זיך גענומען באטקא?

זיי האבען זיך פריינדליך בעגריסט.

— אך, ווי גוט, וואס דו ביזט געקומען.

— איך האב געקלערט, אז עס איז פונקט צייט שוין. איך קום איצט צוריק נאר־וואס פון לאנדאן. אבער דו לעבסט דא אין דיזער גרויסער הויז, ווי א ריכטיגער פרוש.

— יא, א חוץ מיר לעבט דא דער אלטער מאטשעק מיט זיין

פרוי.ביידע זיינען פארטיג צו געהן פאר מיר כאטש אין פייער. זיי האלטען פון מיר מעהר, ווי פון די הייליגע בילדער.

— הייסט עס, אז איך בין דא פונקט ווי א שטיין, וואס ווערט אריינגעווארפען אין וואסער.

— פאלשטענדיג. אין הויז זיינען דא פיעלע געסלעך און ווינקלען. וועסט קריגען א צימער, אין וועלכער קיינער וועט דיך ניט געפינען. און א חוץ דעם, וועלען מיינע אלטע זיך גיכער לאזען צושניידען אין שטיקער, איידער זיי וועלען ארויסריידען כאטש איין ווארט.

די אלטע האט זיך מיר אויסגעוויזען זעהר פערטרויענספול. זי האט מיך בעהאנדעלט, פונקט ווי מיר וואלטען שוין געווען צעהן יאהר בעקאנט.

— איך האב איהר אויסגעמאלען, ווי דו זעהסט אויס... אבער זאג, באטקא, פאר וואס... נו, דאס איז א נארישקייט — איך האב געוואלט פרעגען, ווארום ביסטו געקומען אזוי שפעט, אבער אין דער אמת'ען ביזטו געקומען גאר צופריה...

— געהט דען ניט די ארבייט, ווי עס דארף זיין?

— אך, זי געהט, אבער לאנגזאם, זעהר לאנגזאם...

— דו קענסט הארטמאן'ען?

—איך האב איהם געזעהען עטליכע מאל אין פאריז, נאכהער אין לאנדאן.

— נו, אלזא, איך האב איהם פערשלעפט אהער מיט גרויס מיה. ער איז פאר אונז זעהר נויטיג. ער ליעבט די פילאזאפיע אין זיין איינענעם מארך.

— יא, יא, איך וויים, און ווער איז נאך דא?

— אסטאפ. דעם קענסטו דאך. ער איז שוין אין גאנצען משוגע. נארדאן האט זיך פארטראכט א ווייל'ע.

— אייגענטליך האב איך איהם זעהר ליעב. און ער האט פאר מיר שרעקליך מורא. וואהרשיינליך האט ער אבגעטהאן עפעס שרעקליכעס... הם, ער האט מורא, ווייל ער גלויבט, דאס איך וויים זיין געהיימניס. דאס איז גוט. נאר מיט דיזער מורא קען איך איהם איינהאלטען לעבען זיך. דיזע טעג האט ער געהאט ספאזמען, דאכט

זיך. ער איז אן עפּילעפּטיקער. און אָט איצט האָט ער מורא, אויב ער האָט זיך ניט אויסגערערט עפּעס אין זיין צושטאַנד. ער ווייס זעהר גוט, דאָס איך וואָלט זיך אין קיין פאַל ניט בענוצט מיט זיין סוד, אָבער דעם שרעק קען מען ניט פערטרייבען מיט ארגומענטען. חאַ! חאַ! דו ווייסט דאָך, ווי א געבילדעטער מענש האָט מורא פאַר'ן נעפּענגנים... מיט א פּראָסטען מענשען וואָלט איך אימער געוועזן גרייט, דאָס ער וועט אי זיך ארויסגעבען און אי אלעמען צו גרונד שלעפּען. אָבער אַזעלכער ווי אָסטאַפּ, וועט גיכער אויספיהרען צעהן נייע פערברעכענס, אבי נאָר זיך צו ראַטעווען פון נעפּענגנים, דיזע גאַנצע געשיכטע איז מיר שוין דערעסען. אָבער אָסטאַפּ איז דאָ די הויפּט־פּערזאָן.

— און ווער נאָך?

— איינער, א שווינדזיכטיגער סטודענט, וועלכער וויל אונטער־צינדען. דאָס איז זעהר גוט. א פייער, וואָס ברעכט אויס גלייכצייטיג אין דריי פּלעצער, איז, יעדענפאַלס, א זעהר גוטער מיטעל.

— און דאָס אלעס ווילסטו אויספיהרען מיט דער הילפע פון דריי מענשען?

— איז עס דען ווייניג? דריי! דאָס איז זאָגאַר צופיעל! גערן וואָלט איך עס איינער אליין געטהאָן, אָבער עס קומט אוים צו וואַר־טען. מיר שטעהט פאַר אויפצוטהאָן עטוואָס גרעסערעס, עטוואָס פיעל גרעסערעס.

גאָרדאָן איז ווי לעבעדיג געוואָרען.

— איך וועל צושטערען א גאַנצע שטיק ערד. איך אליין, מענ־ליך, מיט דער הילפע פון נאָך עטליכע מענשען. טהו נאָר א קוק אויף זיי, אויף דיזע גליקליכע דריי מענשען. זיי זיינען אלע מיינע. דיזער אינגעל, וואָס שטאַרבט אין א ווילגאַטנעם צימער, וועלכער ווערט צו־ריסען פון פערצווייפלונג ביי דעם געדאַנק, דאָס ער מוז שטאַרבען. און פול מיט א ווילדען, פאַנאַטישען האָס צו אלץ, וואָס האָט איהם פערזאָנגליקט — ער איז מ י י נ ע ר. און דיזער פילאָזאָף, ביי וועמען דער געדאַנק האָט אויפגעפרעסען די הארץ, ער איז אויך מ י י נ ע ר. און יענער אנדערער, וואָס האָט בעגאַנגען א פער־ברעכען, און וועלכער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, דורך א ליעבע,

וועלכע איך האב געטוידטעט, איז אויך מ י י נ ע ר. און דיזע פרוי, אין וועלכער עס ערוואכט פלוצלינג די ליעבע, און וועלכע הויבט אן צו האסען איהר פערגאנגענהייט — דיזע איז אויך מ י י נ ע. יעדער, וואס ליידט, וואס קריצט אין מאכטלאזער משוגעת מיט די ציין; יעדער, וואס ליידט הונגער און שאנדע, דער שקלאף און דער הערר, דער סיפליטיק און די פראסטיטוטקע און די פער־פיהרטע מיידעל, ועמען דער משינגאווניק האט אוועקגעווארפען, דער ארעסטאנט און דער גנב, דער טאלאנטלאזער ליטעראט און דער אויסגעפייפטער אקטיאר — זיי אלע זיינען מ י י נ ע. זיי העל־פען מיר אין דער ארבייט. זיי פערשפרייטען די פערצווייפלונג, די אגיטאציע, דעם בונט. זיי זיינען מיר אלע ניט וויכטיג, אבער זיי שטעהען הינטער מיר. זיי אלע, מיר אלע זיינען פערבונדען דורך איין קייט, דורך איין פערברעכען: פערצווייפלונג. מיר קענען ניט איינע די אנדערע, נאר מיר זיינען אלע ברידער.

ער האט געטרונקען מיט א פיבערישער האסטיגקייט.

— זאג איך דען א ליגען, ווען איך פערזיכער מיינע דריי אר־בייטער, אז זיי זיינען גאנצע ארמעען, אז איך ארבייט לויט א פלאן פון א ריעזיגער פערשווערונג, וועלכע איז פערשפרייט איבער'ן גאנצען לאנד? זאג איך דען ליגען? ניין, אין יעדען געגענד, אין יעדער שטאדט זיינען דא מיינע חברים. זיי קענען ניט איינע די אנדערע, אבער איך קען זיי אלע.

ער האט נערוועז א ציטער געטהאן... — אה, גאט, ווי זיי אר־בייטען! יעדער, וואס לעסטערט גאט און פערשפרייט דעם אטהע־איזם, ווער עס מאכט דעם מענשען אונגליקליך און פראקלאמירט די איבערשעצונג פון אלע ווערטהע, אום צו בערוהיגען זיין געוויסען, וועלכער געפינט ניט גענוג פלאץ פאר די בעפרידיגונג פון זיין עהרענ־ליעבע, און א בעליידיגטער און אונצופריעדענער, וויל ער פערניכ־טען די עקזיסטירענדע ארדנונג — זיי אלע ארבייטען פאר מיר. און ווען אלעס וועט זיין צושטערט, פערגיפטעט און פערפעסטעט, דאן וועל איך אוועקגעבען די גאנצע וועלט צו הארטמאן'ען. זאל ער איינ־פיהרען זיינע רעפארמען. הארטמאן אליין וועט זיין ליקורג און דרא־קאן, קראמוועל און קאלווין פון דער נייער וועלט. אין נאמען פון דעם

איינענעם פערשטאַנד און אייגענע גערעכטיגקייט וועט ער מאָרדען און בענעהן פערברעכענס, און וועט ווידער אַנפילען די וועלט מיט גיפט. האַרטמאַן, דאָס איז סען־זשוסט, דער פרומער ראָבעספּיער... חאַ! חאַ!

באַטקאַ האָט געקוקט אויף גאַרדאַן׳ען לאַנג און אָנגעשטרענגט.

— ביי דיר זיינען די נערווען צו שטאַרק צושרויפט. פאַס אויף!

— ניין, ניין! איך בעהערש זיך פאָלשטענדיג. אָבער בעדענק נאָר, אַ גאַנצען יאָהר האָב איך גאָר ניט גערעדט. פערשטעהסט, אַ גאַנצען יאָהר!...

— און ווייטער וואָס? ווען דאָ וועט אַלעס זיין געענדיגט, וואָס רעכענסטו דאַן צו טהאָן?

גאַרדאַן׳ס פּנים איז בעדעקט געוואָרען פון אַ דונקעלען ליכט.

— אויף דעם איז ביי מיר דאָ אַ קסיאַנדז — האָט ער אַרויס־גערעדט מיט טריאומף. — פערשטעהסט, וואָס דאָס מיינט? דאָס איז מיין הויפּט־ציעל, דאָס איז אַן אויפפלאַקערען פון ליידענשאַפטען, אַ בונט, אַ מלחמה.

פיבערהאַפט האָט ער געטרונקען, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אַזוי ווי פערטיעפט אין זיך, ער האָט זיך צונויפגעדריקט. די אויגען האָבען זיך צוגעמאַכט. ער איז איינגעשלאָפען.

באַטקאַ האָט לאַנג געקוקט אויף איהם און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

צווייטער טהייל :

ערב דער טהאט

1.

ווראנסקי איז געזעסען ביין אויוועז און מיט א משוגענער פער־צווייפלונג זיך איינגעקוקט אין פייער. אין צימער האט געהערשט די דונקעלהייט פון בין־השמשות. און די ווייסליכע אבשפיעגלונג פון דעם שנעע, צוזאמענגיסענדיג זיך מיט דעם אבשיין פון פייער האט ארויס־גערופען ביי איהם א פינסטערע האפנונגסלאזע שטימונג.

ער האט זיך אנגעשפארט מיט זיינע עלענבויגענס אן די קניע און האט פערדעקט דעם פנים מיט די הענד.

„פאליא וועט שטעהן אן דארט, ביי מיין בעט. ביין צוקאפענס וועט זי אנצינדען א ליכט, און, אפשר, וועט זי מיר נאך ארייגלייגען א צלם אין די הענד... און איך וועל עס אויף אלעם מוזען קוקען אין א מאכטלאזער גסיסה, וועל דערשטיקען אין זיך דעם קאנוואולסיווען געשריי, ווייל עס וועלען שוין ניט זיין קיין כחות, אום ארויסצוריי־סען איהם פון דער ברוסט.

„אח, ווען מען וואלט, לכל הפחות, געקאנט שרייען? אפשר וועל איך גאר וויינען אין מיין מאכטלאזיגקייט".

„גאט מיינער!" ער האט זיך אויפגעהויבען, און מיט א שאק־לעדיגען גאנג האט ער אנגעהויבען געהן איבער'ן צימער.

„אט דא, דא... גראד דא, וואו איך שטעה איצט, וועט אין עטליכע וואכען ארום שטעהן מיין טרונע".

ער האט זיך געזועהען קלאר: א לעבלאזער, קאלט־געווארענער קערפער, א געזיכט געל, ווי וואקס, מיט בלוי־געווארענע ליפען, און מיט שווארצע ראנדען ארום די איינגעפאלענע אויגען.

עס האט איהם בעהערשט א קראנקהאפטער, משוגענער שרעק.

ער האט געהערט, ווי די דורכגעפרארענע שטיקער ערד פאלען אויף דעם צודעק פון זיין טרונע. ער האט געהערט, ווי נאך יעדען קלאפ זייערען, ענטפערען די דיקע ווענטלאך פון דער טרונע מיט א

הילך, בוינגען זיך, ברעכען. איבער איהם ליעגט א פלאכע ערד, א מע־טער די גרעב! או... או... ער האט געפיהלט, ווי די אויגען קריכען איהם ארויס און ווי די ברוסט, פונקט ווי זי וואלט געוועז פערצווי־גען מיט שטריק, קען ניט אריינגעהמען מעהר קיין לופט אין זיך.

מיט א מאל האט ער זיך הויך צולאכט, האט געכאפט א פלע־שעל, און האט אנגעהויבען ציהען פון איהר דארשטיג און לאנג.

„נאר ניט טראכטען, נאר ניט טראכטען", האט ער דערביי גע־רעדט מעכאניש צו זיך זעלבסט.

ער איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט צוגעלייגט דעם ברע־נענדען שטערען צום שויב.

„מיין הערשער, דו טייפעל, דו דארפסט זיין צופריעדען, הא! הא! הא!... אזוי איז נאך קיינער ניט געשטארבען. איך — אן אונטער־צינדער?! הא, הא... איך בין די אלעם אויסגלייכענדע גערעכטיג־קייט. אן אויג פאר אן אויג. אזוי דארף זיין, אזוי!"

ער האט געמאכט אן אנשטרענגונג איינצוהאלטען זיינע גע־דאנקען אין דערזועלבער ריכטונג. ער האט זיך בעמיהט פארצושטע־לען זיך, ווי ער וועט אויספיהרען זיין פלאן. ניין! נאר ניט היינט! ער האט שוין אזוי פיעל געטראכט וועגען דעם, אז מעהר האט ער שוין ניט געקאנט.

„די געדאנקען, דאס זיינען ווערים, זיי זיינען אין שטאנד צו צו־פרעסען דעם ווילען".

„הא! הא! שטארבען!... בעדויערען די אונפערמיידליכקייט פון טוידט, זיפצען, קרעכצען, אונטערגעבען זיך דער פערצווייפלונג, ביז צום לעצטען אטהעם־צוג בעהאלטען די ליעבע אין דיין הארצען, ליע־גען הילפלאז און צערטליך דריקען די הענד פון קרובים און פריינד"— האט ער משונה'דיג געלאכט — ארויסלאזען פון זיך קלוגע און טיע־פע געדאנקען וועגען דעם הבל הבלים פון אלעם אירדישעס, און, אפשר, נאך מיט שארפזין פארוואדפען א ווארט וועגען דעם קומענדען לעבען אין די הימלען... אה, אה, ווי שעהן דאס איז דער אידעאל פון דעם טוידט פון א קלייגטשיקען בורזשוא.

ער האט אנגעהויבען קריצען מיט די ציין.

„ניין, איך וויל ניט שטארבען אזוי קלייגליך, איך דורשט נאך

נקמה און צושטערונג... ווארט, דו הונד! איך האב זיך ביי דיר גע־בעטען צו געבען מיר הונדערט רובעל. ווען איך האב זיי דאן, וואלט איך גלייך געקאנט אוועקגעהן אין האספיטאל, און איך וואלט ניט גע־מוזט איצט שטארבען. ווארט, דו גרויזאמער הונד, איצט וועסטו מיר בעצאהלען כפל כפלים. איך וועל דיר מאכען א טהייערע אילומי־נאציע".

ער האט שוין געזעהען, ווי די שרעקליכע פלאמען רייסען זיך ארויס פון אונטער'ן דאך, ווי די ווילא פערשווינדט אין א ים פון פייער... פון די פענסטער און טירען רייסען זיך וואלקענס רויך, דרעהען זיך א שטיקעל צייט, פונקט ווי זיי וואלטען נאך ניט בעשטימט, וואס צו טהאן, און באלד מאכען זיי פלאץ פאר די זיילען פון העל־רויטע פלא־מען.

א פיבערשע היץ האט געפרעסען זיין קערפער. דאס איז נאך צו ווענינ, טאקי גאר־ניט. די הייזער פון דער ערד ארויסרייסען און ווארפען אין פייער. די גאנצע שטאדט זאל פון דעם פייער ארומגע־כאפט ווערען; ערשט דאמאלס וואלט זיין הארץ זיך געפיהלט בע־רוהיגט.

ער האט אנגעפאנגען צו לויפען איבער'ן צימער; ער האט געזעהען, ווי א פייער האט די גאנצע שטאדט ארומגעכאפט. די ערד האט גע־פלאצט און מויזענדער שפאלטען האבען זיך פארנאנדערגעעפענט; פון יעדען ווינקעל, פון יעדער שפארע האבען זיך מעכטיגע פלאמען געריסען; די שפאלטען ווערען פערוואנדעלט אין טיפע אבגרונדען; די גאנצע ערד איז געווארען א וואולקאנישער קראטער, שווערע שטראמען פייער האבען פערניכטעט וועלדער, דערפער און שטעדט. א טומעל, א גערויש, א געפילדער האבען איהם פערטויבט; א פייער־שטורעם האט זיינע אויגען פערבלענדט; ער האט פערמאכט די אויגען און האט זיך געקוויקט מיט די בילדער פון דעם שרעקליכען חורבן.

ער האט אויפגעשווידערט. עס האט זיך איהם אבגעדוכט, ווי דאס הארץ וואלט זיך אבגעריסען פון זיין ארגאניזם. ער האט עס גע־פיהלט אומעטום, ער האט עס געהערט קלאפען אין יעדען מוסקול, אין יעדען נערוו פון זיין קערפער: אין די שלייפען, אין קאפ, אין האלז... און אט איז עס צוריקגעקעהרט אין ברוסט... ניין! עס איז

שוין ווידער אין גארנעל אריין. ער וואלט עס געקענט אויסשפייען יעצט!

אין פערצווייפלונג האט ער זיך אויפ'ן בעט א ווארף געטהאן און די ברוסט פעסט מיט ביידע הענד נעדריקט. ער האט געהערט דאס קלאפען פון זיין הארץ. ער האט געפיהלט, ווי עס האט זיך אן זיין ארעם אנגעשטויסען. עס האט געשיינט, אז ער האלט אין די הענד עטוואס אזעלכעס, וואס לעבט א גענצליך זעלבסטשטענדיג לעבען. עטוואס אזעלכעס, וואס וועט זיך באלד ארויסרייסען, אוועקפליהען... און... פלייכט... פילייכט — א געשריי טהאן!

דער געדאנק, דאס זיין הארץ וואלט געקענט שרייען, האט איהם פלוצלינג געשיינט צו זיין אזוי נאטירליך און פערשטענדליך, דאס ער איז פון בעט אראבגעשפרונגען און האט זיך אין מיטען צימער אוועקגעשטעלט.

— טרינק! טרינק! — איז איהם אין מח דורכגעפלויגען.

ער האט געטרונקען מיט דורשטיגקייט, האט זיך פערהוסט, ער האט די קרעפטען פערלוירען און איז אויפ'ן בעט אנידערגעפאלען.

ער האט זיך פלוצלינג דערפיהלט אויסערגעוועהנליך שטארק. שוין צוויי יאהר האט ער אזא כח ניט געפיהלט. ער האט זיך צו זיין קערפער צוגעריהרט, ער האט אנגעפאנגען צו הוסטען, נאר דיזער הוסט איז געווען א לייכטער, אהן וועהטאג. איבריגענס, האט ער געהוסט בלויז דערפאר, אום זיך אליין איבערצוצייגען, דאס ער איז ווירקליך שטארק און געזונד. ער האט זיך אויפגעהויבען.

א מאדנע זאך, דאס ער האט אין גאנצען זיין גליק ניט געפיהלט! עס האט זיך איהם געדאכט, דאס ער בענקט גאר נאך זיין קראנקהייט.

ער האט זיך בלויז געפיהלט שטארק, ווייטער גאר ניט: בלויז שטארק. ער האט די הענד פערלייגט און אויסגעצויגען. ער האט אנגעפאנגען צו מאכען גימנאסטישע בעוועגונגען. קיין שפור פון מיעדקייט.

ערשטוינט און זעלטען רוהיג איז ער געווארען.

ער האט דערפיהלט אין הארצען אזא אונגעוועהנליכע געהויבע־נע שטימונג. ער האט געוואלט ארויסגעהן, אזוי ארויסגעהן, וואר־עס־איז, נאר ער האט ניט געוואוסט וואוהין און נאך וואס.

ער איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס, נאכדעם אויף א פעלד. ער איז געגאנגען זעהר לאנג און זעהר שנעל, נאר ער האט ניט אנגעהויבען זיך פיהלען מיעד.

פלוצלינג האט ער פאר זיך דערזעהן א גרויסע, אלטע געביידע, וועלכע האט זיך איהם אויסגעוויזען זעהר בעקאנט. ער האט אנגע־שטרענגט דעם זכרון, אום זיך צו דערמאהנען. ער איז געגאנגען ארום־און־ארום, ער האט געצעהלט די שויבען פון ערשטען שטאק, ער האט דורך די גראטענע פענסטערלעך פון קעלער אריינגעקוקט און ער האט זיך באלד דערמאנט: עס איז דאך דאס ראטה־הויז!

יעדער נערוו האט אין איהם געציטערט און א שרעק האט דעם האלז געדריקט: ער איז ביים ציעל געוועזן.

ער איז צו זיך געקומען: עס איז איהם דורכגעפלויגען א גע־דאנק, אז מען קען איהם לייכט דערקענען. עס איז געוועזן אזוי ליכ־טיג. דער שנעע האט געפינקעלט, און די לבנה — ניין! דאס איז קיין לבנה ניט געוועזן, דער גאנצער הימעל האט געפלאקערט, גלייך עס וואלט איהם א פלאם ארומגעכאפט...

ער האט געזוכט א שאטענדיגען פלאץ, נאר ער האט מיט שרעק בעמערקט, אז די גאנצע געביידע האט פון זיך קיין שאטען ניט אב־געגעבען.

א פערצווייפעלטער האט ער געשפרייזט הין און צוריק, אומע־טום האט ער אימיצענס טריט געהערט, ער האט נעבען זיך געפיהלט א גרויסע מענשען־מאסע, א מאסע, וואס האט זיך ארום איהם צו־זאמענגעפרעסט און געוואלט איהם, ווי א ווילדע חיה, אין א נעץ אריינכאפּען, כאטש אין דער אמת'ען איז קיינער לעבען איהם ניט געוועזן.

ניין! קיין מענשען זיינען ניט געוועזן! דאס מאטערט איהם נאר זיין איינבילדונג, וואס איז פון שרעק געבוירען. פערשטעהט זיך! עס איז פלוצלינג פינסטער געווארען: ער האט פאר זיך א דיקען בוים דערזעהן. ער האט זיך אונטער זיינע צווייגען בעהאלטען. אויף דעם טורעם פון דער קירכע האט דער זייגער צעהן געשלאגען.

יעצט האט ער שטיל און געלאסען איבער די טרעפ געשפרייזט. נאכט־וועכטער. זיין גאנצער קערפּער האט געציטערט אזוי שטארק.

דאס ער האט פון פלאץ זיך ניט געקענט ריהרען. אם ענדע האט ער זיך בעהערשט און זיך פארזיכטיג אין ראטה־הויז אריינגע'גנב'עט. ער האט זיך אונטער די טרעפ בעהאלטען. פלוצלינג האט איהם א שרעק ארומגעכאפט: ער האט ליכט דערזעהן! יעצט וועט מען איהם גע־וויס כאפען! ער האט זיך אן דער וואנד אנגעשפארט, נאר אונטער דעם דרוק פון זיין קערפער האט זיך די וואנד אונטערגעגעבען. האט זיך אבגערוקט אלץ ווייטער. האט זיך געעפענט און פערמאכט היג־טער איהם; ער האט געהערט דעם קריץ פון א שליסעל; איהם האט א געפיהל פון אונערקלעהרבארען, ריין־טהירישען פערגעניגען ארומגע־כאפט.

יעצט האט ער שטיל און גלאטען איבער די טרעפ געשפרייזט. ענדליך האט ער זיך געפונען אין צימער, וואס איז געווען פול מיט פאפירען. אומעטום, וואו ער האט נאר אן אויג געווארפען, האט ער געזעהען א מאסע פערגעלטע אקטען, וואס זיינען איינער אויף דעם אנדערען אין גאנצען הורבעס געלעגען. אויף דער פאדלאגע זיינען זיי אויך אנגעווארפען געווען, אזוי דאס ער האט זיך כסדר אן זיי אנגע־שטויסען.

ער האט שטיל געשמייכעלט. עס האט זיך איהם געגלוסט פרעה־ליך א געשריי צו טהאן, נאר ער האט מורא געהאט, דאס מען וועט איהם דערהערען.

קיינמאל האט ער נאך אזא אונבעגרענצטע פרעהליכקייט ניט געפיהלט. זיין נשמה האט זיך אין עקסטאז פון פערגעניגען גע־שמאלצען, און נאר מיט מיה האט ער אין זיך דעם ווילדען געשריי פון נצחון דערשטיקט.

ער האט א גרויסע כלי מיט נאפט געבראכט, האט די פאפי־רען בעגאסען, נאכהער האט ער זי געדרעהט אין דער לופט אין גרויסע צירקלען. ער האט זיך געפיהלט, ווי א פריעסטער, וואס בענשט מיט הייליגע וואסער א גלויביגע געמיינדע. ווען ער האט געפיהלט, אז די כלי איז שוין אויסגעליידיגט, האט ער זי אין דער הויך אויפגעהוי־בען, מיט א משוגענער פרייד האט ער זיך אן א זייט אבגערוקט און האט אן אנגעצונדענע שוועבעלע אויף דער פאדלאגע געווארפען.

אין אן אויגענבליק האט זיך אלץ אין פלאמען פערוואנדעלט.

דער פיאַלעט־גרינער פייער־זייל האָט איהם אליין אנגעהויבען אַרומצוכאַפּען.

אַ געוואַלדיגער שרעק האָט איהם בעהערשט. ער האָט געוואָלט אַנטלויפען, נאָר ער האָט קיין כח ניט געהאַט. ער האָט געהערט דאָס דווישען און דאָס הילכען; דאָס פייער האָט אנגעהויבען זיינע קליידער אַרומצונעהמען; די באַלקענס זיינען אויף איהם אַראָבגעפאַלען; ער האָט אויסגעצויגען די פּוס, האָט אַ שרעקליך געשריי געטהאָן און האָט זיך אויפגעכאַפּט.

ער האָט זיך אין צימער אַרומגעקוקט.

ביים אויווען איז אַן אונבעקאַנטער מענש געזעסען.

2.

וורא‍נסקי האט זיך די אויגען אויסגעריבען. ניין! דאס איז ניט געוועזן קיין חלום. דארט איז ווירקליך א מענש געזעסען. ער איז געווען אזוי צומישט, דאס ער האט זיך אין זיינע אייגענע געדאנקען ניט געקענט פארנאנדערקלייבען. מיט אן אונבעוועגליכען בליק האט ער זיך אין דעם אונבעקאנטען איינגעקוקט און ער האט זיך אומזיסט אנגעשטרענגט די געדאנקען צונויפצוזאמלען.

זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט. דער אונבעקאנטער האט זיך אויפגעהויבען און איז צום בעט צוגעגאנגען.

— איך בין באטקא — האט ער פריינדליך געזאגט. — איהר ווייסט דאך, ווער איך בין. איך האב געקלאפט, נאר איהר האט וואהרשיינליך ניט געהערט. איהר האט געמוזט שלאפען. איך בין זעהר פארזיכטיג אריינגעגאנגען!... וואס הערט מען ביי אייך? מען האט מיר געזאגט, דאס איהר זיינט זעהר קראנק.

וורא‍נסקי האט א ציטער געטהאן, הערענדיג באטקא׳ס נאמען. אין איין אויגענבליק איז ער צום בעוואוסטזיין געקומען. זיינע געדאנקען זיינען אונערווארטעט קלאר געווארען און א שרעק האט איהם פלוצלינג ארומגענומען. עס האט זיך איהם געדאכט, דאס ער זיצט אין א צעל פון א טורמע און אט באלד וועט מען איהם צו דער תליה פיהרען. ער האט מיט א פעסטער פייגליכער זיכערקייט געפיהלט, אז די שרעקליכע בעשעפעניסע פון זיין פאנטאזיע ווערען אן אמת.

— עס שיינט מיר, וורא‍נסקי, דאס איקר זיינט זעהר אויפגע־רעגט. איהר האט זיך געמוזט פלוצלינג אויפכאפען און איהר קענט דארום צו זיך ניט קומען.

— יא—איך... איך... וויים... איך בעט אייך... איך בין קראנק...

וורא‍נסקי איז אלץ מעהר צומישט געווארען.

זיי האבען לאנג געשוויגען.

באטקא האט זיך ארומגעקוקט אין צימער, וועלכעס האט איהם, גוי עס האט אויסגעזעהן, זעהר פעראינטערעסירט.

— דיזע וואוינונג איז זעהר א פייכטע. איהר דארפט זיך ארויס־קלייבען פון דאנען. די שוואמען אויף די ווענד זיינען שוין א גענוי־געגדער גרונד, אז איהר זאלט עס טהאן.

— דאס הויז איז מיינע. — ווראנסקי איז ענדליך אין גאנצען צו זיך געקומען. — דאס איז די איינציגע ירושה, וואס איז מיר פון מיין פאטער געבליבען.

— איהר וואוינט דא אליין?

— יא. קיין אנדערער וואלט דאך דא ניט געוואלט וואוינען.

ווראנסקי האט אונגעדולדיג מיט דער האנד א מאך געטהאן, ער איז צוגעגאנגען צום טיש און האט א זופ געטהאן פון פלעשעל. פלוצלינג איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק, דאס זיין האלטונג איז נאך קיינ־מאל ניט געווען אזא געמאכטע און אוננאטירליכע. צום טייפעל, וואס האט ער זיך צו שרעקען! פול מיסטרויען האט ער אויף באטקא א קוק געטהאן. באטקא האט זיך פון דעסטוועגען געמאכט, אז ער זעהט און בעמערקט גאר ניט.

— דיזער גראבען, וואס הויבט זיך אן ביי אייער הויז ציהט זיך כמעט ביז צום ראטה־הויז? — האט באטקא אונגעריכט געפרעגט.— איך האב בעמערקט א בריקעל אויף איינער פון די זייטען־גאסען...

ווראנסקי, פיהלענדיג זיך אונאנגענעהם פון דיזער פראגע, האט זיך בעמיהט צו בעהאלטען זיין ציטערען, פון וועלכען ער האט זיך ניט געקענט איינהאלטען.

— יא, כמעט ביז צום ראטה־הויז. איהר האט וועגען ראטה־הויז געפרעגט... איהר האט מסתמא אויך בעמערקט, אז דיזער גראבען איז געדיכט מיט בוימלעך בעוואקסען...

— יא, איך האב עס בעמערקט. דער אונבעקאנטער האט געקוקט אויף ווראנסקי'ן בעזאנדערס פריינדליך און האט א שמייכעל גע־טהאן.

— מען קען זיך דארט גוט בעהאלטען... מיר שיינט, דאס גע־הענדיג מיט דער לענג פון גראבען, איז ניטא וואס מורא צו האבען, אז אימיצער זאל אייך בעמערקען...

— יא, ווירקליך.

— אויף אזא אופן קען מען צוגעהן טאקי ביז'ן בריק, וועגען וועלכען איהר האט דערמאָנט...

וורּאנסקי האט זיך פּלוצלינג בערוהיגט. זיין פאנטאזיע האט אָנ־געפאנגען צו ארבייטען.

— איך דענק, אז אם בעסטען וואלט געווען ארונטערצוגעהן אונטער דעם בריק. די הייזער, וואס שטעהען איבער'ן גראבען, האָ־בען ניט קיין פענסטער צו יענער צייט. פוןביידע זייטען זעהען זיך נאר הויכע, נאקעטע ווענד. האט איהר דאס בעמערקט?

— ווירקליך אמת.

— הייסט עס, אז מען קען, ניט ווערענדיג פון קיינעם בעמערקט. צוגעהן אזש ביז צו דער גארטען־וואנד פון ראטה־הויז...

באטקא האט איהם איבערגעשלאגען.

— דוכט מיר, אז די טהעע איז שוין פארטיג.

ער האט זיך אָנגעגאסען טהעע.

— האט איהר אין צוריך דעם אוניווערזיטעט בעזוכט?

— יא, עטליכע יאהר.

— איהר האט וואהרשיינליך געהאט בעציהונגען מיט רעוואלו־ציאָנערע קרייזען?

— יא, איך בין געווען סעקרעטער פון דער „פרייהייט".

וורּאנסקי האט דאס ארויסגעזאגט כמעט מיט שטאָלץ, זייענדיג פרעהליך אויפגעלייגט. ער האט פונדעסטוועגען בעמערקט, אז די שטאָלצקייט זיינע צייגט ער ארויס אויף א זעהר קינדערשען אופן. מיט מיסטרוי האט ער אויף באטקא א קוק געטהאן. באטקא האט פונדעסטוועגען ווייטער איינגעהאלטען זיין אויסערגעוועהנליכע ערנסטקייט.

— איך האב אייך א מאָל אין קלוב געזעהן.

— יא?

— איהר האט גערעדט דאמאלס זעהר גוט. איהר האט פעסטגע־שטעלט א פּלאן, וועלכער איז מיר שרעקליך געפעלען. איהר האט גע־זאגט, אז מען זאָל אין סעמינאריעס אריינטרעטען, ווייל נאר גלחים קענען קריגען אין דערפער אן איינפלוס אויפ'ן פאלק און אזוי ביס־

לעכוויץ פערשפרייטען רעוואלוציאָנערע אידעען. יא, עס איז אהן שום צווייפעל א זעלטענער מיטעל. ניט אמת? איהר האט אין זי־נען געהאט די קאמוניסטישע פרינציפען פון זדי ערשטע יאהרהונדערטע פון קריסטענטהום, וועלכע מען וואלט ביים פאלק געקענט איינפיה־רען. וועגען דעם האט איהר געדענקט?

— יא.

— איהר האט זיך אויך יעמאלט געשטיצט אויף דעם ביישפיעל פון דעם קסיאָנדז סציעגיען, וועלכער האט אויף אן עהנליכען אופן געארבייט....

— יא. נאר סציעגיען איז אונפעהיג געווען. איבעריגענס, איז די־זער גאנצער פלאן גאר ניט מיינער. עטוואס עהנליכעס איז מיר יא אויפ'ן געדאנק געקומען. נאר דעם פלאן האב איך ביי גארדאָן'ען גע־נומען.

— דאס איז ניט וויכטיג. עהנליכע געדאנקען קען מען אומעט־טום געפינען. די ארט און וויזע, ווי אזוי דאס צו פערווירקליכען, און די מיטלען, אויף וועלכע איהר האט אנגעוויזען, האבען מיך פונ־דעסטוועגען איבערצייגט, אז איהר האט געטראכט איבער אלע איינצעלהייטען פון דיזען פלאן.

— יא, איך האב געוואלט ווערען א גלח.

— און איהר האלט זיך נאך ביי דיזען פלאן?

— איך בין צום טוידט פעראורטהיילט.

— אבער דאס איז דאך ניט אזוי זיכער?

וורא‌נסקי האט אונפריינדליך אויף איהם א קוק געטהאן.

— לאמיר דאס לאזען צורוה! לאמיר צוטרעטען צו דער זאך.

— עס איז ניט נויטווענדיג. איך זעה, אז איהר האט גאנץ פאר־זיכטיג וועגען אלץ נאכגעטראכט.

וורא‌נסקי האט ווידער אויף איהם א קוק געטהאן פול מיט מיסטרוי. נאר באטקא'ס געזיכט איז געבליבען רוהיג, ערנסט און אויפמערק־זאם.

— איהר האט זיך אויך בעשעפטיגט מיט ארכעאלאגיע? — האט באטקא אין א ווײלע ארום א פרעג געטהאן. — איך האב געזעהען

ביי גאַרדאַן׳ען איינע פון אייערע היסטאָרישע ווערק ווענען דער פער־גאַנגענהייט פון היגען מאָנאַסטיר.

וואַנסקי האָט זיך דערפרעהט.

— האָט איהר זיך בענוצט מיט דעם היגען אַרכיוו? ער איז וואָהרשיינליך גאַנץ רייך. איז ער ניט אַמאָל אין ראַטה־הויז?

— אין ראַט־הויז.

— ווי, אויב דאָרט געפינען זיך וויכטיגע מאַטעריאַלען...

— ניין! אין ראַטה־הויז ליגען בלויז זאַכען, וואָס האָבען קיין ווערטה... גאַנצע הורבעס פון פאַפּיער, דאָרט, אין דער הויך... עס איז ביי מיר דאָ אַ געדאַנק דאָס אַלץ מיט נאַפט צו בעגיסען...

וואָנסקי האָט דאָס כמעט מיט כעס אַרויסגערעדט.

— מיר האָט זיך זאָגאַר גע׳חלום׳ט ווענען דעם... איז אַט דאָס האָט איהר געוואָלט פון מיר דערגעהן.

— ניין! נאָר עס וואָלט גוט געווען אַוועקצוטראָגען באַצייַ־טענס דעם נאַפט. איהר וועט איהם, פערשטעהט זיך, אויף דעם זעל־בען פּלאַץ געפינען.

וואָנסקי האָט אַ ציטער געטהאַן. די זיכערקייט, דאָס זיין חלום וועט יעצט פערווירקליכט ווערען, האָט איהם איבערגעשראָקען... דאָס בלוט איז איהם אין קאָפּ אַריין, ער האָט געפיהלט, אַז ער פאַלט אַריין אין אַ היציגען פיבער.

— דיזע הינד! — האָבען מיך דער׳הרג׳עט! — האָט ער פּלוצ־לינג אויסגעשריען. — איצט וועל איך זיך נוקם זיין אַז זיי. איך מוז נקמה נעהמען! ניט אמת? ניט אמת? איז דען נקמה ניט דאָס איידעלסטע געפיהל? עס איז פונקט פערקעהרט, ווי די לעהרע פון דער קליינבירגערליכער מאָראַל! נאָך מיט אַ שטונדע צוריק האָב איך אַ שרעק געפיהלט. די פערשאָלטענע געזעלשאַפטליכע מאָראַל האָט זיך אין אַלע נערווען איינגעגעסען. נאָר יענער מענש איז אַ גאָט, וועלכער קען פעראַכטען דאָס, פאַר וואָס ער פיהלט אַ שרעק. פעראַכטען עס אַזוי, אַז עס זאָל פאַר איהם אויפהערען עקזיסטירען. איך מיין אויפהערען עקזיסטירען אין דעם זין, אַז עס זאָלען פון דעם קענען נייע געפיה־לען געבוירען ווערען. איהר זעהט, יעצט בעזיעג איך מיינע געדאַנקען, איך קעמפּף מיט זיך אַליין. ניטשע האָט אויפ׳ן פּאַפּיער איבערגע־

שעצט אלע ווערטהען, איך שעץ זיי אין זיך איבער. איך וויל דאָס בייזע, דאָס זאַגענאַנטע בייזע, מיט דערזעלבער נאַטירליכער איבערציינונג, מיט וועלכער מאַטשעק אדער וואָויטעק בעגעהט גוטעס. און איך וועל זיך ניט בערוהיגען, ביז איך וועל ניט אונטערצינדען די עטליכע הייזלעך, מיט דער זעלבער קאַלטבלוטיגקייט, מיט דעם זעלבען ריינעם געוויסען, מיט וועלכען איך גיב א בעטלער א שטיקעל ברויט. יאָ, דאָס איז מיין בענעהר. איהר פערשטעהט?

ער האָט זיך אויפ'ן בעט אוועקגעזעצט. ער האָט געזעהן, ווי ארום באַטקאַ'ס קאָפּ דרעהען זיך פייערדיגע רעדער מיט אלץ א שנעלערע, וואַהנזיניגערע בעוועגונג. באַלד האָט באַטקא אליין אָנגע־פאַנגען צו דרעהען זיך פאַר זיינע אויגען. זיין מאַרך איז פערמאָ־טערט געוואָרען. ער איז ניט אימשטאַנד געווען צו דענקען.

— פיהלט איהר זיך ניט גוט?

— ניין, ניין! אבער וואָס פאַר א שעהנע קליידער איהר טראָגט.

— איך דאַרף אויף זיך קיין אויפמערקזאַמקייט ניט ציהען. — באַטקאַ האָט א שמייכעל געטהאָן. — א מענש, וואָס איז שעהן גע־קליידעט, ציהט אויף זיך ניט קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, אבער איהר זיינט דאָך זעהר מיעד, איהר דאַרפט זיך אויסרוהען.

— ניין, ניין!

זיי האָבען לאַנג געשוויגען.

— האָט איהר אויך בעמערקט דאָס זומער־הויז איבער דער אָזערע?

— דאָס זומער־הויז?

וורוּנסקי האָט מיט דער האַנד דעם שטערען א רייב געטהאָן.

— זעהט איהר... איך ווייס ניט פון וואַנען עס איז צו מיר גע־קומען דיזער געדאַנק. א הערליכער, זעלטענער געדאַנק! א געדאַנק, וועגען וועלכען קיין מענש האָט נאָך ניט געטראַכט.

ער האָט באַטקאַ'ן פאַר דער האַנד אָנגעכאַפּט.

— ווייסט איהר, איבער וואָס איך מוז שטאַרבען? פערשטעהט איהר? איבער הונדערט רובעל! איבער הונדערט רובעל מוז איך יעצט שטאַרבען.

— איבער הונדערט רובעל?

— יא. איך בין קראנק געווארען אויף אינפלוענציע, נאכהער אויף לונגען־ענטצינדונג. איך בין זעהר אבגעשוואכט געווען און האב גע־דארפט אין א האספיטאל געהן. איך האב געשריבען צו דיזען מענ־שען, צו וועלכען דאס זומער־הויז בעלאנגט. ווייסט איהר, וואס ער האט מיר געענטפערט? אז ער פערמאגט אליין ניט קיין הונדערט רובעל! חא, חא, חא! יעצט וועל איך מיך נוקם זיין! דארט ליעגט זיין רייכטהום... איך וועל זיך נוקם זיין! מיר דארפען זיך אלע לערנען ראכע צו נעהמען. ראכע — דארף ווערען אונזער מעכטיגסטער אינס־טינקט. אוטאפיסטען שטרעבען צו גליק! איך וויל — ראכע! ראכע וועט מיר גליק שאפען.

— און וואס איז ווייטער מיט אייך געווען?

— גארדאן האט מיר געלד געשיקט, נאר דאמאלס האב איך שוין אנגעפאנגען מיט בלוט צו שפייען.

זיי האבען געשוויגען.

— יא, ווירקליך! מיין איינפאל.... מיין פראכטפאלער איינ־פאל... צו דען דענקט איהר, אז איך וועל דא אזוי ביסלעכווייז צו־פוילט ווערען? חא, חא... דאס איז גענוג פאר מיר! איין מאך, און דארט, אין זומער־הויז, איז א ים מיט פלאמען...

ער האט געמורמעלט:

— איהר פערשטעהט, וואס עס הייסט, א מעטער געפרוירענע ערד איבער דער טרונע? ניין, אפילו ניט איבער דער טרונע. דיזע פלאצט און ווערט אין שטיקער צופאלען, נאר... חא, חא... איהר פער־שטעהט, אז דיזע געפרוירענע שטיקער ערד וועלען מיין קערפער צו־קוועטשען...

באטקא האט געשוויגען.

— פערשטעהט איהר דאס?

— יא איך פערשטעה.

זיי האבען געשוויגען.

— הייסט עס, אז איהר וועט זיך אליין אין דעם זומער־הויז פערברענען?

— יא.

באטקא האט זיך אויפגעהויבען און האט פריינדליך ווראנסקי'ס האנד געדריקט.

ווראנסקי איז פלוצלינג אויפגעשפרונגען. עס האט איהם ארומ־געכאפט א משוגעת און א שאנדע, פאר וואס ער האט אזוי ענט־פלעקט דעם סוד פון זיין נשמה. זיין מיסטרוי צו באטקא איז נאך מעהר געוואקסען. וואלט ער כאטש אוועקגעגאנגען!

— איהר האט זיך פאר מיר ניט וואס צו שרעקען — האט ער קאלטבלוטיג געזאגט.

— אח, ווי מיסטרויאיש איהר זיינט! — באטקא האט א שמייכעל געטהאן. — ווען מיר וואלטען מעהר אזעלכע געהאט! ניך וועט דער שנעע צוגעהן... דער נאוועמבער שנעע האלט זיך קיינמאל ניט לאנג. עס וועט באלד ווערען ווארימער.

ווראנסקי האט זיך דערמאהנט, דאס איהם האט זיך וועגען שנעע געחלום'ט.

— דער שנעע פינקעלט! — האט ער געזאגט פערטראכט.

— דאס איז נאך ניט אזוי וויכטיג. נאר עס בלייבען שפורען...

ווראנסקי'ן האט זיך געדאכט, אז באטקא קוקט אויף איהם מיט א בעהאלטענעם שמייכעל און מיט א געפיהל פון פעראכטונג, פונקט ווי אויף א אינגעל.

— ציי האלט איהר מיך פאר א נאר? — האט ער מיט כעס גע־פרעגט.

— גאט! ווי פול מיט מיסטרוי איהר זיינט! עס פרעהט מיך זעהר, וואס איך האב זיך מיט אייך בעקענט. איך מוז אייך אבער זאגען, אז איך בין א גאנץ ארענטליכער מענש. צום ווידערזעהן. גארדאן וועט אין גיכען אייך בעזוכען.

3.

וורזשנסקי איז געווען שטארק צורודערט.

„עס שיינט מיר, אז דיזער מענש האלט מיך ווירקליך פאר א אינגעלע. דאס איז לעכערליך! פערשטעהט זיך, זיי גלויבען ניט. דאס איך בין אימשטאנד מיין פלאן דורכצופיהרען. חא... חא... זיי דענקען, אז איך וויל נאר, אז מען זאל זיך מיט מיר פעראינטערעסירען.

ער האט מיט כעס די פויסטען צוזאמענגעדריקט.

— זיי וועלען זעהן, וועלען זיי זיך איבערציינען.

איהם האט א פיבערהאפטע אויפרעגונג ארומגעכאפט. דער קאפ האט ביי איהר שיער ניט געפלאצט פון דעם שטראם געדאנקען, וועלכע ער האט ניט געקענט בעהערשען, וויל זיי האבען זיך צוברעקעלט און זיינען געשפרונגען פון איין געגענשטאנד אויפ'ן צווייטען אלץ, ווענען וואס ער האט געטראכט, האט איהם געשיינט צו זיין איין אונענדליך לאנגע פראזע, וואס איז פערפלאנטערט מיט טויזענדער ביי־ווערטער און דעפיניציאנען. דעם אינהאלט פון דער פראזע האט ער ניט געקענט כאפען. ער האט נאר געוואוסט, אז ער זוכט עפעס די גאנצע צייט.

ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און האט לאנג געטראכט, וואס אייגענטליך ער זוכט.

אהא! אויב ער וועט דארפען אריבערקלעטערען די וואנד פון גארטען, מוז ער האבען אן אייזערנעם האקען, אדער עטוואס אנדערעס, וואס זאל איהם העלפען אין דעם.

פלוצלינג האט ער אן אלץ פערגעסען. ער איז שוין ניט געווען אימשטאנד זיינע איינענע געדאנקען צו בעהערשען. ער איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און האט זי פארזיכטיג פערמאכט חינטער זיך.

דער געפיהל פון אז אונאנגענעהמע קעלט אין די פיס האט איהם גע־מאכט קומען צו זיך.

די שטיוועל, די שטיוועל! אויב ער דארף געהן, מוז ער דאך די שטיוועל אנטהאן.

ער האט די שטיוועל אויסגעזוכט, האט דעם האלז מיט א יוא־רים טיכעל ארומגעבונדען און געטראכט וועגען דעם, וואס ער קלייבט זיך צו טהאן.

אבער, צום טייפעל! צי בין איך משוגע? און וואס איינענטליך געהט עס מיר? איך וויל פשוט פרישע לופט געניסען... דא ווער איך דערשטיקט, איך מוז אטהעמען מיט דער גאנצער ברוסט, איין מאל מיט דער גאנצער ברוסט אויפאטהעמען.

ער האט דאס געהאלטען אין איין איבערזאגען. דער געדאנק, אז ער וועט כאטש איין מאל פריי אבאטהעמען, האט איהם אן אונגע־וועהנליכע פרייד פערשאפט.

פלוצלינג האט ער זיך פערטראכט.

ער מוז דאך עטליכע ווערטער פאליא'ן אנשרייבען, אז ער וועט באלד צוריקקומען.

ער האט אנגעפאנגען צו זוכען פאפיער און טינט, נאר דא האט איהם ווייטער א מאדנע אויפרעגונג בעהערשט. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער געזעסען אויפ'ן טיש און דאס פנים האט ער געהאט מיט די הענד פערשטעלט.

ער איז אויפגערייצט געווארען. ער איז דאך ניט קיין משוגע'נער! אזוי פיעל קען ער דאך זיך נאך קאנטראלירען, אום צו וויסען, וואס ער טהוט.

ער איז ארויסגעגאנגען, דורכ'גנב'ענדיג זיך פארזיכטיג איבער די טרעפ, און האט זיך אין טויער אבגעשטעלט. דער וועטער אין דרויסען איז געווען כמעט ווי פריהלינג: ווארים און מילד. דער ניט־לאנג אנגעפאלענער שנעע האט געהאלטען אין צוגעהן.

ער איז אויף דער גאס ארויס. די שיין פון דער לבנה האט איהם גערייצט. קיינער דארף איהם ניט זעהן. מיט אויפרעגונג האט ער זיך אומגעקוקט. עס איז קיינער ניטא! ער האט זיך איינגעהערט: אר־מעטום איז שטיל, קיין גערויש.

ער איז אויף דער צווייטער זייט נאָך איבערגעגאַנגען און איז שטיל צום גראָבען צוגעקומען.

יא, די בוימלעך זיינען געווען גענוג הויך. ער האָט זיך הינטער זיי אין גאַנצען געקענט באַהאַלטען. ער מוז זיך נאַטירליך אויסזוכען דונקעלע פלעצער. מיט פיעל מיה האָט ער געשפּרייזט איבער דעם משופּע'דיגען גרונד, וועלכער איז געווען נאַס. א דאַנק דעם, וואָס דער שנעע איז צוגאַנגען. ער איז עטליכע מאָל שיעור אומגעפאַלען. איין מאָל האָט ער זיך זאָגאַר געמוזט אויף דער ערד אוועקלעגען, אום אין גראָבען ניט אַריינצופאַלען.

שטייף האָט ער זיך פאַר די צווייגלעך געהאַלטען, שרעקענ־יג זיך כסדר, אז זיי וועלען זיך צוברעכען. אין א ווײלע אַרום האָט ער זיך פון דעסטוועגען איבערצייגט, דאָס זיי זיינען גענוג שטאַרק און בויגזאַם.

אויף אזא אופן איז ער צום בריק צוגעקומען.

ער האָט זיך איינגעהערט. אויב מענשען געהען יעצט איבער'ן בריק, וועלען זיי איהם אַחוץ צווייפעל בעמערקען.

וויפיעל קען עס זיין דער זייגער? עס מוז נאָך ניט זיין קיין צעהן. יא, עס איז נאָך געוויס ניט.

ער האָט געוואָלט געהן ווייטער, נאָר ער האָט ניט געוואַגט פון אָרט זיך צו ריהרען.

פּלוצלינג איז איהם א שרעקליכער געדאַנק אַריין אין קאָפּ אַריין.

פּיליכט האָט איהם אימיצער בעמערקט און גנב'עט זיך יעצט שטילערהייד הינטער איהם? ער איז געוואָרען אויפגערעגט. אין קאָפּ האָט בייא איהם גערוישט. נאָר ער האָט פונדעסטוועגען גאָר ניט גע־הערט.

דאָך האָט ער זיך באַלד בערוהיגט.

— אזוי קען דאָך ניט זיין! אויב ער האָט פיבער, דאַרפען דאָך זיינע נערוועז זיין אַנגעשטרענגט און געפּיהלפול און ער וואָלט אויף אזא אופן געמוזט אַלץ זעהן און הערען.

א גרויסער, אונערוואַרטעטער שטראָם פון ענערגיע האָט איהם מוטה און כח צוגעגעבען.

ער איז צום בריק צוגעקומען; אַנהאַלטענדיג זיך אַן די באַל־

קענם, איז ער מיט וועניג אנשטרענגונג אויף דער צווייטער זייט ארויסגעקומען און דאן האט ער זיך אראבגעלאזט. אבער יעצט איז דער וועג פיעל שווערער געווארען.

די ברעגען פון גראבען זיינען געווען אין גאנצען משופע און, ווי גלייכע ליניעס, זיינען זיי זיך פון ביידע זייטען צוזאמענגעקומען מיט די ווענד פון די הייזער, וואס זיינען אין די עקען געשטאנען.

ער האט מיט מיה דאס פנים צו דער וואנד אויסגעדרעהט אין פערטשעפענדיג זיך מאנכעס מאל אן די קשאקעס, וואס זיינען דא און דארט געשטאנען, האט ער זיך לאנגזאם גערוקט פארווערטס.

די קרעפטען האבען איהם אנגעהויבען צו פערלאזען, מיט יעדער מינוט האט ער זיך אלץ שוואכער געפיהלט.

אויב איהם זאל יעצט ניט גוט ווערען, וועט ער גלייך אין גראבען אריינפאלען.

ער האט אלע קרעפטען אנגעשטרענגט און מיט א שרעקליכער אנשטרענגונג איז איהם געלונגען די גארטען־וואנד צו דערגרייכען. דארט ערשט האט ער דערפיהלט א פעסטען באדען אונטער די פיס, ווייל די וואנד איז צום גראבען דירעקט ניט צוגעקומען.

ער האט אבגעאטהעמט, שרעקליך פארמאטערט. ער האט מיט'ן גאנצען קערפער געציטערט.

ניין, א צווייטען מאל וועט ער שוין מיט דעם וועג ניט געהן. ער וועט ניט זיין אימשטאנד, ער וועט קיין כח ניט האבען. זייענדיג אזוי פערמאטערט, וועט ער קיין זאך ניט קענען אויפטהאן.

א טיעפער אומעט האט איהם ארומגענומען. מיט דער גאנצער ענערגיע האט ער איינגעהאלטען די טרעהרען, וואס זיינען איהם אין די אויגען געקומען.

ער האט זיך אויף א שטיין אוועקגעזעצט.

ניין, אויף אזא אופן וועט גאר ניט אויפטהאן. בעסער אונבעמערקבאר דורך דער שטאדט דורכגעהן און זיך אין ראטה־הויז לאזען פארשפארען. דאס שטערבען נאך נקמה וועט איהם קרעפטען צוגעבען... יא, יא... ער וועט גענוג קרעפטען האבען... חא, חא...

פלוצלינג האבען זיך ביי איהם אין קאפ אנגעהויבען שרעקליכע געדאנקען צו פלאנטערען. אבער, ליעבער גאט, צי בין איך משוגע?

טויזענדער מענשען קענען דאך שטעהן אויפ'ן בריק און קוקען, ווי איך גנב'ע זיך איבער די ווענד. איך האב ניט קיין שום זאך, וואס זאל מיך פערשטעלען, עפעס, וואס זאל מיך צודעקען. יעדער איינער קען מיך זעהן...

גאט, גאט! צי בין איך ווירקליך משוגע, אז דאס איז מיר יעצט אויפ'ן געדאנק ניט געקומען? צי איז מיין מארך אין גאנצען אבגעשוואכט געווארען? א פערבלענדעניס? און צו וואס דיזע לעבערליכע פארזיכטיגקייט, אז די גאנצע וועלט קען מיך זעהן!

עס האט איהם אין א שרעקליכען פיבער געווארפען. ער האט זיך דערמאהנט אן א געשיכטע וועגען פערשיעדענע פערברעכער, וועלכע ער האט אמאל געלעזען. אלזא, איז דאס אמת, אז פערברעכער, ניט קוקענדיג אויף דער גרעסטער פארזיכטיגקייט, פערראטהען זיך מעהרסטען טהיילס מיט נישטיגע, אונוויכטיגע קלייניגקייטען... הייסט עס, אז א פערברעכען איז א מין קראנקהייט, ווייל א מענש מיט א געזונדען פערשטאנד וואלט טאקע פריהער פון אלץ געדארפט דיזע קלייניגקייטען אויסרעכנען.

אבער ער וועט אויף דער וואך זיין. הונדערט מאל וועט ער זיך אויף יעדען טריט אבשטעלען, די קלענסטע איינצעלהייטען וועט ער מיט ערנסטער אויפמערקזאמקייט בעטראכטען....

ער האט זיך אין זיינע געדאנקען פערטיעפט.

יא, מען דארף אלץ טהאן קאלטבלוטיג און מיט א קלאהרען פערשטאנד: אפילו די פארב פון די ציגעל, וועלכע וועט אויף זיין אנצוג בלייבען, קען אויך דיענען אלס געניגענדער בעוויז.

ער האט אנגעהויבען אזוי ווי מיט א דאפעלטען מארך צו דענקען. ער האט געפיהלט, אז נעבען זיין מארךווארפט זיך פיבערהאפט עפעס א צווייטער מארך, וואס ווערט פון שרעק פערפאלגט. אום יענעם צווייטען מארך צו בערוהיגען און דערוויטערען, האט ער אנגעפאנגען רעדען צו זיך אליין.

מען דארף בעטראכטען די וואנד און אויסגעפינען א פלאץ, פון וואנען עס זאל זיין אם בעסטען אויף דער צווייטער זייט ארויסצוקומען.

ער האָט דאָ און דאָרט בעטאַפּט די וואַנד מיט די הענט, בעמי־הענדיג זיך עפּעס אַ שפּאַרע אויסצוזוכען.

איהם האָט אַ שרעקליכע פערצווייפלונג ארומגעכאַפּט.

איך קען אינגאַנצען ניט טראַכטען. איך קען זיך פון דער איי־בינער אויפרעגונג ניט בעפרייען. איך וועל זיך באַלד ביים ערשטען שריט פעררוּאָטהען און מען וועט מיך כאַפּען. נאָך איידער איך וועל עטוואָס אויפטהאָן. דער המון וועט מיך אויף שטיקער צורייסען.

די השערה, אַז מען וועט איהם צורייסען, האָט פּלוצלינג ביי איהם אין געדאַנק, ווי אַ ווירקליכקייט אויסגעזעהן. ער האָט געזעהן, ווי עס רעגט איהם אויף און אויפגערייצטער, ווילדער, בלוט־דורשטיגער המון. קלעפּ זייגען אויף איהם ווי האָגעל געפאַלען. ער האָט זיך איינגעבויגען, ער האָט געוואָלט אַנטלויפען. נאָר אַ שרעקליכער קלאַפּ האָט איהם אויף דער ערד אַנידערגעוואָרפען...

ער איז פון פּלאַץ אויפגעשפּרונגען בעגיסענדיג זיך מיט אַ קאַל־טען שווייס. אַליין ניט וויסענדיג, איז ער צום קליינעם טויער אין דער גאַרטען־וואַנד צוגעלאָפען און האָט זיך אָנגעהויבען אין איהם איינצור־ברעכען. ער איז געווען פערמאַכט.

ער האָט זיך געמוזט אומקעהרען! יאָ, אומקעהרען!

ער איז אויפ'ן פּלאַץ שטעהן געבליבען. יעצט איז ער פון אַלע אָבגעשניטען געווען. ביי דער זייט פון גאַרטען האָט ער פוןביידע זייטען דעכער פון הייזער געזעהן. ער האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט, אום מיט דעם זעלבען וועג, דורך דער לענג פון גראָבען, זיך אומצוקעהרען. יעצט וועט איהם זיכער אימיצער בעמערקען.

ער האָט אָנגעהויבען צו לאַכען, ער האָט זיך דאָס מויל מיט'ן פויסט פערשטאָפּט, אום ניט צו שרייען, און עס האָט איהם ווידער אַ שרעקליכע, דריקענדע מורא און פערצווייפלונג ארומגעכאַפּט.

עס האָט איהם אין קעלט געוואָרפען און ער האָט געהערט דאָס קלאַפּען פון זיינע ציינער. הילפלאָז איז ער הין און צוריק געלאָפען, קוקענדיג מיט שרעק אויפ'ן גראָבען. ניין, דאָס איז אונמעגליך! ער וועט געוויס אַריינפאַלען און דערטרונקען ווערען.

ער מוז די וואַנד אַריבערקריכען. ער מוז. מיט פערצווייפלונג האָט ער די ציינער צוזאַמענגעדריקט...

ער מוז!

ער האט זיך אנגעשטויסען אן א גרויסען שטיין, וואס איז ביי דער וואנד געלעגען. ניט געטראכט, איז ער אויף איהם ארויפגע־קראכען, מיט אן אונגאטירליכער קראפט האט ער זיך אין דער הויד אויפגעהויבען און דעם שפיץ אנגעכאפט... נאך אביסעל אנשטרענגונג: און ער איז אויף דער וואנד געזעסען. נאכהער איז ער אין גארטען אראבגעשפרונגען.

ער האט ניט געקענט קומען צו זיך. מעכאניש איז ער גלייך פאר־ווערטס געגאנגען.

ער האט זיך געמוזט איינהאלטען פונ'ם הוסט, וואס האט איהם געשטיקט. דאס האט איהם פיעל מיה געקאסט. נאר פלוצלינג האט איהם דער הוסט אנגעהויבען אזוי צו שטיקען, אז ער איז ניט אימ־שטאנד געווען איהם מעהר איינצוהאלטען. ער האט זיך אין מויל אריין א נאז־טיכעל אריינגעשטאפט; פון שרעקליכע מאטערניש האט זיך איהם געדאכט, אז אלע אדערן פלאצען ביי איהם אין האלז.

אבער קיין שרעק האט ער שוין ניט געפיהלט. זיין הארץ איז ווי פערטעמפט געווארען פון פערצווייפלונג און אויפרעגונג.

אויב עס איז נאך ניט קיין צעהן א זייגער, וועט איהם געלינ־גען דורכ'ן קארידאר פון ראטה־הויז אויף דער גאס ארויסצוגעהן. נאר אויב עס איז שוין נאך צעהן, וועט ער מוזען אין טויער אנקלאפען. נא־טירליך, ער קען דאך ניט זיצען א גאנצע נאכט אין גארטען. איבערי־גענס, איז אלץ איינס. וואס ער וועט טהאן.

אינסטינקטיוו איז ער פונדעסטוועגען געווען אויף אזוי פיעל פארזיכטיג, דאס ער האט זיך נאר אין שאטען געהאלטען.

דער טויער פון ראטה־הויז, וואס האט צום גארטען געפיהרט, איז נאך ניט פערמאכט געווען. עס האט איהם אויסגעזעהן גאנץ נאטיר־ליך, וואס ער איז ניט פערמאכט. נאר ווען ער איז אינ'ם לאנגען קא־רידאר אריינגעגאנגען, האט איהם א שרעק בעהערשט.

אין קעלער־שטוב האט דאך דער געריכטס־וועכטער געוואוינט...

אויב ער וועט יעצט ארויסגעהן אין קארידאר, איז אלץ פערפא־לען...

פלוצלינג האט ער זיך דערמאהנט, אז אסטאפ וואוינט אויך אין

ראטה־הויז; נאר מיט אסטאפ'ן לעבט ער נים פרייגדליך... אבער... אויף דעם ערגסטען פאל, קען ער זיך אויף איהם פרעגען.

ער האט זיך אויף די שפיץ־פינגער גע'גנב'עט, איינהאלטענדיג דעם אטהעם. נאר איהם איז אויף דאס ניי א הוסט בעפאלען און האט איהם אנגעהויבען צו שטיקען... הינטער דער טהיר האט ער א הויכען געשפרעך געהערט. ער האט פלוצלינג דעם קאנטראל איבער זיך פער־לארען און האט זיך שטארק צוהוסט; ער האט זיך דערשראקען. דער אבקלאנג פון זיינע איינענע טריט האט איהם פערטויבט, ווי קלעפ פון א גראבען שטעקען...

אין דער זעלבער מינוט האט זיך די טהיר געעפענט. א שטראם העלע גאז־ליכט איז פון דער גאס ארייגגעדרונגען. מיט שרעק האט ער זיך צוריקגעצויגען.

4.

ווי איבערראשט האבען זיי איינער דעם צווייטען אין די אויגען אריינגעקוקט.

— ווראנסקי! — האט אסטאפ אם ענדע געמורמעלט.

ווראנסקי איז צום בעוואוסטזיין געקומען.

— יא.. אסטאפ! ניט אמת?.. איך...

— אבער, וואס טהוט איהר דא?

ווראנסקי האט מיט אלע קרעפטען זיך בעמיהט צו בעהערשען. פון דעםטוועגען האט ער געפיהלט, אז זיין שטימע ציטערט.

— איך בין ארויס... אויף א שפאציער... איך האב זיך געפיהלט שרעקליך פארמאטערט...

— אלזא, קומט ארויף צו מיר — האט אסטאפ געזאגט און, אנצינדענדיג א שוועבעלע, איז ער געגאנגען פאראויס.

ווראנסקי האט זיך געהאלטען פאר דער פארענטשע און האט שווער געאטהעמט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז אימיצער האט איהם די ברוסט מיט א שטריק איינגעשטייפט.

— אט זיינען מיר... זייט אזוי גוט, ווארט דא א ווייל... איך דארף זיך נאך מיט'ן פאטער דורכשמועסען.

אסטאפ איז ארויסגעגאנגען.

יעצט דארף מען זיין אויפמערקזאם! ווראנסקי האט אויפגעציטערט ביים געדאנק, דאס איהם וועט אויף דאס ניי א שמערצליכע פערצוויפלונג אנכאפען. ער האט זיך בעמיהט אנצושטרענגען זיין אויפמערקזאמקייט אויף די ארומיגע געגענשטענדע, ער האט זיך טיעף איינגעקוקט אין די ביכער. מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג האט ער זיך בעמיהט צו ווערען רוהיג. ער האט די אויפשריפטען אויף די ביכער געלעזען, ער האט אפילו איינעם פון זיי אין דער האנד אריינגענומען און איהם אנגעהויבען איבערצוקוקען.

אסטאפּ האָט זיך אומגעקעהרט מיט א קאָך־מאַשינקע אין האַנד.

— וואַרט אביסעל, וועלען מיר עטוואָס טרינקען... איך מוז טרינקען און איך טרינק כסדר שוין זייט א געוויסער צייט. חע, חע... איך קען קיין ניכטערקייט ניט פערטראָגען! ניכטערקייט! בררר... מען עס געהן אין לעבען. איהר ווייסט, איך בין אמאָל שיכור געווען, אייגער פון מיינע פריינד נאָך מעהר, מיר האָבען געהאַט געלד און מיר האָבען אבגערעדט קיין אויסטראַליען צו פאָהרען... איהר ווייסט ניט, נאַטירליך, אז פאַר אזעלכע, ווי מיר, איז אויסטראַליען א געבענשט לאַנד... אלעס איז געווען אבגערעדט! ווען מיר זאָלען דאַמאָלס געווען ארויספאָהרען, באַלד דאַמאָלס! איהר פערשטעהט? איך האָב דיזעלבע מינוט געדאַרפט אוועקפאָהרען, און איך וואָלט היינט א גליקליכער מענש געווען. נאָר מיר האָבען דאָס פאָהרען אבגעלייגט, נאָכהער האָבען מיר זיך אויסגעניכטערט און אלץ האָט אונז געשיינט צו זיין אזוי משוגע... זעהט איהר, וואָס דיזע פערשאָלטענע ניכטערקייט איז! מען דאַרף טהאָן אלעס, ווען מען איז שיכור. א ניכטערען מאַרך דאַרף מען לאָזט פאַר דעם פיליסטער, קרעמער און פריידענקענדען פּאָליטיקער...

ווראַנסקי האָט בעמערקט, דאָס אסטאפּ איז שכור... ער האָט פונדעסטוועגען אויך געזעהען, אז אסטאפּ'ס פּנים האָט אונאויפהערליך געציטערט פון די מויל־ווינקלען ביז צום שטערען.

— אבער, צום טייוועל, ווי איהר זעהט אויס! זיינט איהר אין א גראָבען אריינגעפאַלען?

— אין א גראָבען?

ווראַנסקי האָט מיט שרעקליכער אויפרעגונג בעמערקט, אז זיין גאַנצער ראָק איז געווען בעדעקט מיט שמוץ און מיט רויטע פלעקען, וואָס האָבען זיך פון די ציגעל אבגעריבען.

— יא, איך בין אין א גראָבען אריינגעפאַלען.

ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו קוקען אסטאפּ'ן אין געזיכט, נאָר ער האָט געפיהלט, דאָס ער פינטעלט בלויז מיט די אויגען.

אסטאפּ, ווי עס האָט געשיינט, האָט אויף דעם מעהר קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשענקט. ער האָט זיך פלוצלונג פון אָרט אויפ־

געהויבען און האט געלאכט מיט א מאדנעם געלעכטער, וואס איז פול מיט פערצווייפלונג געוועז.

— אבער, זיצט, זיצט, וורֿאנסקי, זיצט — האט ער מיט א הערצליכער גאסטפריינדליכקייט געזאגט. — עס איז אן אויסערגעוועהנליכער צופאל, וואס איך האב אייך בעגעגענט. מיר האבען זיך שוין לאנג ניט געזעהען. ניט אמת? איהר האט גערעכענט, אז איך האב שלעכטע געדאנקען בנוגע צו אייער שוועסטער... חע, חע... איהר האט מיך פון הויז ארויסגעטריבען. פיליכט טראגט איהר אויף זיך די שולד פון מיין צושטערטען גליק. אבער, וואס האב איך געוואלט זאגען? יא, אמת! איך האב געהערט, אז איהר זיינט זעהר קראנק... אבער, צום טייפעל! דאס וואסער זיעדט נאך ניט... איך טרינק יעצט קאניאק מיט הייסע וואסער, דאס איז א נייע מעטאדע פון קאניאק טרינקען.. .איהר טרינקט עס געווים מיט טהעע...

וורֿאנסקי האט געוואלט עפּעס ענטפערען, נאר א שטארקער הוסט האט איהם אנגעכאפּט.

עס האט אויסגעזעהן, אז זיין ליידען מאכט אויף אסטאפּ'ן א שווערען איינדרוק. הילפלאז איז ער הין און צוריק געלאפען, גלייך עס וואלט איהם פלוצלינג א שרעק ארומגענומען.

— אה, איהר זיינט זעהר קראנק. איך האב ניט געדענקט, אז עס האלט מיט אייך אזוי ווייט. און מיר זיינען זיך נאר שונאים געוועזן....

וורֿאנסקי האט אויף איהם מיט א קרענקליך געלעכטער א קוק געטהאן.

— אח, לאכט ניט אויף אזא שטייגער. איך קען דארויף ניט קוקען. דאס הארץ ווערט צוריסען. איהר האט געלאכט אזוי ווי א קינד, וואס דארף שטארבען...

וורֿאנסקי האט בעמערקט, ווי אסטאפּ איז שרעקליך בלייך געווארען. ער האט זיך אבער געפיהלט אזוי פערמאטערט, אז ער האט געקענט קוקען אויף איהם נאר מיט א גלייכגילטיגער נייגעריגקייט.

— איך וועל גיך שטארבען — האט ער, ווי געגעצליך נעגען זיין איינענעם ווילען, ארויסגעזאגט, און ער האט זיך געוואונדערט, וואס ער האט געזאגט.

— איהר וועט שטארבען? — אסטאפּ האט א דערשראקענער אויף איהם א קוק געטהאן.

— יא... אין גיכען... מען דארף פאר דעם מיט יעדען שלום מאַ־כען און שטארבען מיט א שעהנעם בעל־הבית'אישען טוידט.

ער האט ווייטער געלאכט מיט א שטיל, פערצווייפעלט גע־לעכטער און האט געטרונקען צו אסטאפּ'ן. פּלוצלינג איז איהם קאלט געווארען. ער האט שנעל א גאנץ גלאז אויסגעטרונקען און האט זיך דעם שוויים פון שטערען אבגעווישט.

— ניין, ניין! איהר וועט ניט שטארבען! — אסטאפּ האט גע־רעדט מיט אויפרעגונג, גלייך ער וואלט ניט געוואוסט ריכטיג, וואס ער רעדט... — איהר ווייסט ניט, ווי שווער דאס איז. איך האב א פריינד בעגראבען. ער איז פון שווינדזוכט געשטארבען... איך געה איין מאל איבער דער גאס שטיל, פערטיעפט אין מיינע געדאנקען. פּלוצלינג הער איך אימיצער רופט: אסטאפּ! אסטאפּ! די קאט'ש בלייבט שטעהן און אט דארט זיצט ער מיט א טיכעל ביים מויל. רע־דען האט ער ניט געקענט, ווייל ער האט א בלוט־שטורץ געהאט — ער האט ניט געקוקט אויף מיר מיט די אויגען... האט איהר געזעהען אויגען, וואס....

ער האט זיך פערפלאנטערט און, מאדנע צורודערט, האט ער זיך פאר ווראנסקי'ן אבגעשטעלט און געקוקט אויף איהם מיט א נער־וועזען שמייכעל.

— איהר האט ניט מורא פאר אויגען? — האט ער פּלוצלינג גע־פרעגט. — אבער וואס האט איהר זיך אויף מיר אזוי פערקוקט? ציי האט איהר ניט פיעבער? איהר זיינטווירקליך קראנק?

ווראנסקי איז געקומען צו זיך, אבער נאר אויף א ווייל‍ע. עס איז פּלוצלינג אנגעקומען אויף איהם א שטארקער פערלאנג צו פערטרוי־ען זיך אסטאפּ'ן, אז ער האט חשק דאס ראטה־הויז אונטערצוציג־דען. ער האט געפיהלט, אז ער מוז דאס זאגען. ער האט געקעמפפט אונמענשליך מיט דער קראפט, וואס האט איהם גענויט דאצו, ער האט געעפענט דאס מויל, נאר די ווערטער זיינען ביי איהם אויף די ליפּען אבגעשטארבען.

און ער האט פּלוצלינג געזעהן, ווי אסטאפּ'ס מויל עפענט זיך.

און ווי זיין פנים הויבט יעדעס מאָל אָן שרעקליך צו ציטערן. זייערע אויגען האָבען זיך איינע אין דעם צווייטענס איינגעגעסען; ער האָט געזעהן ווי אַסטאַפּ האָט זיך איינגעבויגען, א שרעקליכער פּחד איז איהם בעפאַלען און ער איז פון דער זאַפּע אויפגעשפרונגען.

ביידע זיינען צום בעוואוסטזיין געקומען און האָבען אונאויפ־הערליך זיך אַנגעקוקט.

אַסטאַפּ'ס געזיכט האָט זיך שרעקליך אויסגעקרימט, פון דעסט־וועגען איז ער באַלד ווידער רוהיג געוואָרען.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט.

— עס האָט אויף מיר א טיעפען איינדרוק געמאַכט, ווען איהר האָט געזאָגט, אז איהר וועט גיך שטאַרבען. איך וויים ניט וואָרום. איך האָב דאָך שוין אזוי פיעל שטאַרבענדע געזעהן...

— און אייער פּערדאַכט, אז איך האָב געהאַט שלעכטע געדאַנ־קען בנוגע צו אייער שוועסטער, איז געווען אין גאַנצען גרונדלאָז, אין גאַנצען גרונדלאָז... איהר זיינט געווען אונגערעכט צו מיר... נו, יאָ! און פיעלייכט ניט. איך בין דאַמאָלס אויסגעלאַסען געווען. איך האָב ניט געוואוסט פון איינהאַלטען זיך...

ער איז שטיל געבליבען און האָט זיך אויף דר'ערד פערקוקט.

וואַנסקי האָט זיך בעמיהט צו פערשטעהן, וואָס אַסטאַפּ האָט געזאָגט, נאָר ער האָט בלויז דעם קלאַנג פון עטליכע ווערטער גע־הערט. זיין שרעק האָט זיך אַלץ מעהר פערשטאַרקט. ער איז געווען נאָהענט צו אונמאַכט.

און פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאַנט אַז דעם וויץ וועגען דער ספּאַרטאַנישער מיידעל, וועלכע האָט זיך די צונג אָבגעביסען, אום ניט צו פערראַטהען די סודות פון איהר געליעבטען. דיזער געדאַנק האָט זיך מיט איינגעשפּאַרטקייט אין זיין מאַרך געטשעפּעט. וועגען קיין אַנדער זאַך האָט ער ניט געקענט טראַכטען. ער האָט דאָס געמוזט הויך אַרויסזאָגען.

— ווייסט איהר די געשיכטע וועגען דער ספּאַרטאַנישער מיי־דעל, וועלכע האָט זיך די צונג אָבגעביסען, אום די סודות פון איהר געליעבטען צו פערראַטהען, ווען מען האָט זי געגומען מאַטערען?

אסטאפּ האָט מיט פערוואונדערונג און שרעק אויף איהם א קוק געטהאן.

— וואס, וואס זאגט איהר?

ווראנסקי האָט מיט א פערשטיינערטען בליק אויף איהר גע־קוקט.

— מיר דארפען זיך אויך די צינגער אפּבייסען — האט ער גע־זאגט מיט א הייזעריגער שטימע און האט זיך גיפטיג צולאכט.

אין דער זעלבער מינוט איז ער פון ארט אויפגעשפּרונגען, האט זיך פאר'ן הוט געכאפּט און געוואלט ארויסגעהן.

— איך וויל שוין לענגער ביי אייך ניט זיצען. איהר רעגט מיך אויף. איך בין קראנק, איך מוז געהן אהיים.

אסטאפּ'ן האט אן אונבעשרייבליכע אויפרעגונג ארומגעכאפּט. מיט צושפּרייטע הענד האט ער ווראנסקי'ן דעם וועג פערשטעלט.

— פערבלייבט! געהט ניט אוועק! — האט ער אזוי ווי בעטענ־דיג געזאגט. — צי האב איך אייך בעליידיגט? האב איך געזאגט עטוואס, וואס איז פאר אייך א בעליידיגונג געווען? עפּעס א וואונ־דערבארע מאכט פליסט צו מיר פון אייך. האט איהר דען ניט גע־זאגט, אז מיר דארפען זיך ביידע די צינגער אפּבייסען? ווען איך האב אייך דערזעהן, האב איך דערפיהלט, דאס אויך איהר פאלט אונ־טער א שווערע משא... געהט ניט אוועק! עס איז געווען א נס, וואס איך האב אייך דארט, הינטען, דערזעהן; איך האב אייך האלט, איך האב אייך אמאל ליעב געהאט...

ער איז צו ווראנסקי'ן אונטערגעשפּרונגען און האט איהם גע־נויט צו פערבלייבען. ווראנסקי האט געקוקט אויף איהם מיט פער־וואונדערונג, נאר דאך האט ער אין דער זעלבער צייט געשפּירט א געפיהל פון קאלטער רוהיגקייט, וועלכעס ער האט שוין לאנג, לאנג ניט געהאט.

— אויב עס האט פאר אייך עפּעס א בעדייטונג, קען איך פערבלייבען.

— יא, פערבלייבט, פערבלייבט!

אסטאפּ האט אנגעפאנגען צו טרינקען מעכאניש, נערוועז, ווע־רענדיג אלץ מעהר אויפגערעגט...

— איך האב צו אייך א בעזונדערען צוטרוי. עפעס איז פארהאן אין אייך אזעלכעס, וואס ערא‎ינערט מיך אן א קבר... ניין, ניין! קנייטשט ניט דעם שטערען... א ווײלע צוריק האט איהר דאך אליין געזאגט, אז איהר מוזט שטארבען... איך וויים ניט, פון וואנען עס קומט... איך גיב זיך אין אלגעמיין פון קיין זאך קיין רעכנונג ניט אב. נאר ווען איך האב אייך דערזעהן דארט, הינטען, ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפער, האב איך געפיהלט אזא מאדנע רוהיגקייט. ניין! עס איז ניט קיין רוהיגקייט געווען, נאר פערגעניגען! ניין, אויך ניט קיין פערגעניגען, פיעלייכט נאר א געפיהל פון בייזער בעפרידיגונג... איך האב אם ענדע געטראפען א מענשען, וואס ליידט ווירקליך, וואס ליידט טאקע! איהר פערשטעהט? אח! עס זיינען דא אזוי פיעל מינים ליידען... אונגליקליכע ליעבע פערשאפט ליידען, אויך צורייצטע פוסטקייט קען זיי פערשאפען.. מען קען אויך ליידען דערפון, וואס עס זיינען אונגעזעצליכע קינדער פאראן... חע, חע... און דאס פער־שאפט אויך ליידען. נאר דיזען ארט ליידען, הויפטזעכליך דיזען ארט, פיהלט מען ניט אזוי לייכט. איך האב דאס ביי אייך מיט אמאל בע־מערקט, איך האב אזא שארף אויג אין דער הינזיכט. מיינע אויגען בעזיצען אן אונבעגרייפליכע קראפט צו בעמערקען... חע, חע, איהר זעהט, איך האב מיט אמאל דיזע אונענדליכע ליידען בעמערקט, ווען איהר זיינט אויף דער זאפע געזעסען און מיט א פארשטארטען בליק זיך אין מיר איינגעקוקט, ווען אייערע ליפען האבען אנגעהויבען צו ציטערען, גלייך איהר וואלט וועלען עפעס זאגען, נאר קיין מוטה ניט געהאט. חע, חע, איך וויים דאס, נאר איך אליין וויים דאס... און נאכהער, ווען איהר האט געזאגט, אז מיר דארפען זיך די צינגער אפ־בייסען, אזוי רעדען קען נאר דער, וואס... וואס איז מיינער א ברוד־דער! איהר פערשטעהט? און אייער אויפגערייצטקייט, ווען איהר זיינט פון ארט אויפגעשפרונגען און געוואלט אוועקגעהן...

ווראנסקי האט מיט אן אויפגערעגטער אויפמערקזאמקייט זיך איינגעהערט. ער האט ניט געפיהלט פונדעסטוועגען קיין שום מיט־לייד און איז געווארען אלץ קאלטבלוטיגער, אלץ רוהיגער.

— איך בין גאר ניט אויפגערעגט געוועזן — האט ער א זאג געטהאן.

— נאטירליך, איהר האט פיבער — האט אסטאפ ווייטער גע־רעדט, ניט אבשטעלענדיג זיך. — נאטירליך! נאר דאס איז ווירק־ליך יענער ארט פיבער, וואס פערשאפט אייך הויפטזעכליכע ליידען... חע, חע, אז א פויער בעקומט פיבער, ליעגט ער צו בעט עטליכע וואכען. און יעדער פון אונז — פון אונז — קינדער פון טייפעל, ווי גארדאן רופט אונז, געהט, שלעפט זיך ארום גאנצע וואכען מיט דיזען פיבער און עס שאדט איהם גאר ניט. איהר זעהט, איך פיהל דאס אליין...

— איך פערשטעה ניט, וואס איהר ווילט דערמיט זאגען. איך קען ניט טרעפען אייערע געדאנקען. איך הער בלויז ווערטער....

אסטאפ האט זיך צולאכט.

— איהר ווילט מיך דורכאוים פון וועג אראבפיהרען? חע, חע. טהוט נאר א קוק אויף אייער אנצוג, בעטראכט איהם נאר גוט: אן ארבעל איז אבגעריסען, אומעטום שמוץ. ניין, ניט שמוץ, נאר פלע־קען פון ציגעל, און וועלכער איהר האט זיך געריבען.

ווראנסקי'ן האט דאס בלוט אין קאפ א קלאפ געטהאן. מיט שרעק האט ער געקוקט אויף אסטאפ'ן, ניט זייענדיג אימשטאנד זיין אויפרעגונג צו בעהאלטען. נאר אסטאפ האט זיך פלוצלינג אויף א שטוהל אוועקגעזעצט.

— קוקט ניט אויף מיר מיט אזא מורא. איך האב אין גאנצען ניט אין זין אייך צו שפיאנירען, איך האב בלויז געדענקט — ניין! איך האב גאר ניט געדענקט... דאס איז נאר א פאנטאזיע. אבער ווען איך האב אייך אין אזא צושטאנד געזעהן, איז מיר געקומען אויפ'ן געדאנק, אז מיר קענען איינער פאר דעם צווייטען א געגענזייטיגע שטיצע זיין...

ער האט מיט א פיינליכער גרימאסע א שמייכעל געטהאן.

ער איז לאנג געזעסען, ניט רעדענדיג קיין ווארט.

— אבער וואס אנבעלאנגט מיר, האט איהר ניט עהרליך גע־האנדעלט — האט ווראנסקי פלוצלינג ארויסגעזאגט — גאר ניט עהרליך. איהר האט געזאגט, דאס איהר האט ניט געהאט קיין שלעכטע געדאנקען בנוגע צו מיין שוועסטער, נאר.... ער האט זיך פון דער זאפע

אויפגעהויבען — איז דאס אמת, אז איהר האט אן אויסגעלאסען לעבען געפיהרט?

אסטאפ האט אויפמערקזאם אויף איהם א קוק געטהאן.

— יא, עס איז אמת. איך האב אלע גרענעצען איבערגעטראטען. איבעריגענס, שפרייזען מיר אלע די גרענעצען איבער. איך בין נייגיעריג צו וויסען, וואס פאר אן אונטערשיעד איז צווישען אונז פאראן? עס זיינען פאראן בלויז עסטעטישע אונטערשיעדע, אבער עסטעטיק... איך פעראכטע גארדאן'ען דערפאר, וואס ער איז בלויז אן עסטעטיקער. ער איז א קינד, א נאאיוועס קינד. וויפיעל מאל איך טראכט וועגען איהם, גלוסט זיך מיר צו לאכען... אלע עסטעטיקער זיינען לעכערליך. יא, ווירקליך — האט ער צוגעגעבען, אויסקרימענדיג זיך מיט כעס, און האט זיך צו ווראנסקי'ן צוגערוקט. — איהר, איהר האט אויך עפעס מיט'ן ראטה־הויז צו טהאן?! הו! ווי בלייך איהר זיינט עס געווארען! אויפ'ן מארך קען מען ווירקען מיט'ן קראפט פון ווילען. אבער מען ווערט פלוצלינג אזוי בלייך... זעהט איהר, דאס איז אויך א בעזאנדערע ארט בלייכקייט....

ווראנסקי האט קוים געקענט אטהעמען, נאר מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג האט ער אנגעהאלטען זיין גלייכגעוויכט און רוהיגקייט.

— איהר זיינט א מאדנער מענש, אסטאפ, אזא מאדנער, אז... ער האט זיך פערהיקעט — אז איך וויים ניט, צי איהר זיינט קראנק, אדער... אדער...

— חע, חע, מיין טהייערער — ער האט ווראנסקי איבער'ן אקסעל געקלאפט — צי איז אייך ניט אויסגעקומען צופעליג דורך דער לענג פון גראבען צו געהן?

זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט, ניט זעהענדיג איינער דעם צווייטען. ווראנסקי'ן האט זיך געדאכט, אז ער איז פלוצלינג בלינד געווארען, נאר אין דער זעלבער צייט האט ער זיך געפיהלט מאדנע אבגעשוואכט. ער האט א פיינליכעס קלאפען אין דער ברוסט געפיהלט.

— גיט מיר א גלאז קאניאק — האט ער שטילערהייר געמורמעלט.

פלוצלינג האט ער בעמערקט, אז זיי האבען ביידע געערדט מורמ־

לענדיג כמעט די גאנצע צייט און ער האט געפיהלט, אז רעדען הויך וואלט איהם דער שרעק ניט ערלויבט.

אסטאפ האט זיך אויפגעהויבען און איז מיט געלאסענע טריט געגאנגען. ווראנסקי האט דיזעס בעמערקט. ער האט אנגעהויבען צו טראכטען, ער האט זיך געוואלט אין די געדאנקען פערטיעפען, נאר ער האט ניט געקענט. א קאלטער שווידער האט איהם געווארפען. זיין מארך האט איהם פון היץ געברענט. ער האט מיט דורשט א גלאז קאניאק אויסגעטרונקען און האט זיך פון ארט אויפגעהויבען.

— איך מוז שוין געהן — האט ער אם ענדע געזאגט — אויב ניט וועל איך דא ביי אייך פון זינען אראב. ער האט געפיהלט, אז ער שטעהט ניט גאנץ זיכער אויף די פיס. און ער האט זיך געוואונדערט, וואס דער געדאנק איז ביי איהם פאלקאם קלאר געווען.

אסטאפ האט זיך געמאכט, דאס ער שענקט ניט אויף איהם קיין שום אויפמערקזאמקייט. מיט אן אויסדרוק פון פערטומעלטער פערצווייפלונג האט ער פאראוים געקוקט. אם ענדע האט ער זיך אויפגעהויבען.

— יא, יא, געהט אהיים.... ער האט זיך פארטראכט. מיט איין שפרונג איז ער צו ווראנסקי'ן צוגעקומען און האט איהם פאר די אקסלען אנגעכאפט.

— מיר וועלען זיך נאך זעהן, מיר וועלען זיך זעהן... אין גיכען... מיר מוזען זיך זעהן...

ער האט מיט די צייהן א קריץ געטהאן

ווראנסקי האט זיך א דערשראקענער אבגערוקט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז אסטאפ וויל איהם א ביס טהאן.

— איך וועל שוין קיינמאל צו אייך ניט קומען — האט ער קאלטבלוטיג געזאגט.

— איהר וועט קומען, איהר וועט זיכער קומען, אדער איך וועל קומען... עס איז אלץ איינס... איהר פערגעסט וועגען דעם בעזונדערען פיבער, אויף וועלכען מיר, נאר מיר ליידען... חע, חע... זייט פארזיכטיג. אויב איהר האט עפעס מיט'ן ראטה־הויז צו טהאן, דאן בעהערשט אייער פיבער.... איהר האט געדענקט, אז גאט ווייסט, ווי געשיקט איהרהאט דעם גאנצען פלאן אויסגעארבייט און מיט אויסערגעוועהנליכע פאר־

זיכטינקייט האט איהר זיך אנגעהויבען צו פערגנב'ענען דורך פלע־צער, פון וועלכע די גאנצע שטאדט קען אייך זעהן... אבער איהר וועט פ ־יען, אדער איך וועל קומען.

ער האט ווראנסקי'ן במעט פון דער טהיר ארויסגעשטופט.

ווראנסקי האט יעדען קאנטראל איבער זיך פערלארען. ער האט זיך געוואלט אומקעהרען און זיך אויף דער זאפע אוועקזעצען. נאר ער האט זיך בערענקט און איז אוועקגעגאנגען.

פלוצלינג איז אסטאפ מיט א לאמפ ארויסגעקומען. ער האט ווראנסקי'ן פון די טרעפ בעגלייט, האט דעם טויער געעפענט און איהם הינטער ווראנסקי'ן צוגעמאכט.

ביידע האבען דערביי קייןווארט ניט ארויסגערעדט.

5.

אסטאפ איז באלד צוריק אריין אין זיין צימער, האט אוועקגע־שטעלט דעם לאמפ אויפ'ן טיש און האט זיך אוועקגעלעגט אויף דער זאפע. קיינמאל האט ער זיך נאך ניט געפיהלט אזוי אומעדיג און איינ־זאם. ער האט געשפירט דעם שרעקליכען וועהטאג פון איינזאמקייט און ער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז עס איז דא וואס־עס־איז ארום איהם. ער איז געווען אין גאנצען צובראכען און דערשלאגען.

ער האט זיך פערטיעפט אין פינסטערע געדאנקען.

יא, עס איז ניטא אויף דער גאנצער וועלט קיין מענש, צו וועל־כען ער זאל קיין האס ניט פיהלען! פאר איהם האבען ניט עקזיס־טירט ניט די וועלט און ניט קיין מענשען. וואס האט ער אין דער אמת'ען מיט זיי פאר עסקים? און ווארום זאל ער טאקי ניט טהאן דאס, וואס נארדאן פערלאנגט פון איהם? ער האט געפיהלט, אז ער וואלט מיט דער זעלבער גלייכגילטיגקייט געקענט גארדאן'ען ערמאר־דען, ווי דערלאזען די שטאדט־קאסע בע'גנב'ענען.

חע, חע... אבער דיזע טהאט וועט ברענגען די געזעלשאפט אין א שרעקליכען צארן. ווערהענד ווען איך ערמארדע גארדאן'ען, וואלט איך דער געזעלשאפט א טובה געטהאן.

נו, יא!

ער האט בעמערקט, אז יעדע ווײַלע האט ער זיך איבערגעריסען זיינע געדאנקען מיט אן אונזיניגען אויסגעשריי: נו, יא!

פלוצלינג האט ער א ציטער געטהאן. א טיעף דורכדרינגענדער שרעק האט פון איהם געריבט זיין גאנצע זעלבסט־בעהערשונג. ווי א משוגענער, איז ער איבער'ן צימער געלאפען. עס האט זיך איהם גע־דאכט, אז ער מוז גאר דענקען וועגען עטוואס, וואס מאכט איהם פיהלען אן אונבעשטימטען שרעק.

פלוצלינג איז איהם דורכ'ן קאפ דורכגעפלויגען דער געדאנק, אז ער איז איינגעלאדען צום בירגער־מייסטער.

ער האט אייגענטליך גאר נים אין זינען געהאט צו געהן אהין. נאר יעצט האט ער זיך, א דאנק דיזער איינלאדונג, געפיהלט כמעט גליקליך.

— עס איז ערשט עלף א זייגער. מען קען נאך, אלזא, געהן.

ער האט אנגעהויבען צו טראכטען, ווארום זאל ער ווירקליך נים געהן? ער וועט אויף אזא אופן די גאנצע נאכט אוועק'הרג'ענען, און דאס איז דאך פאר איהם איצט אן אמת'ע ישועה.

א פערטראכטער איז ער פון די טרעפ אראפ, דאך האט ער זיך ווידער אויף א לאנגע ווייל אבגעשטעלט, איידער ער האט דעם טויער געעפענט.

— פיעלייכט זיך בעסער אומקעהרען? וואס וועט ער טהאן דארט, ביי דעם נארישען בירגער־מייסטער?

נאר דער שרעקליכער געפיהל פון איינזאמקייט האט איהם פאר־ווערטס געטריבען. דארט וועט אם ווענינסטען זיין ליכטיג, ער וועט הערען א גערודער פון מענשען, פון דיזע נארישע, מאדנע מענשען!

פון דער ווייטענס האט ער שוין געזעהען דעם בירגער־מייסטער'ס הויז יום־טוב'דיג בעלויכטען.

נארדאן, איז נאטירליך, געוועזען צווישען די איינגעלאדענע געסט.

הע, הע, נארדאן א גאסט ביי זיין פעטער.

ער האט זיך איראניש צולאכט.

— נו! דער ליעבער פעטער וועט זיך א שעהנעם נחת פון פלימע־ניק דערלעבען.... חא, חא, חא...

ווען ער איז אריינגעקומען, האט ער בעמערקט א גרופע מענ־שען אריינגעטהאן אין א היציגען געשפרעך. דער בירגער־מייסטער איז זעהר אויפגערעגט געווען און האט ענערגיש מיט די הענד גע־מאכט.

— אהא — אט איז אויך הערר אסטאפ. ווארום עפעס אזוי שפעט?

אסטאפ האט געבעטען ענטשולדיגונג און דער בירגער־מייסטער האט איהם הערצליך די האנד געדריקט.

— מיר האבען ווירקליך גערעדט וועגען אייך. מיין פלימעניק גארדאן...

— אך, לאזט צורוה, ליעבער פעטער, — גארדאן האט א שמייכעל געטהאן. — אסטאפ וויים אויסגעצייכענט מיין מיינונג וועגען איהם.

— יא, יא, נאטירליך! איהר זיינט זיך דאך די בעסטע פריינד. אונזער שטאדט מעג שטאלצירען, וואס זי האט, אזוי צו זאגען, אזא יונגווארג ערצויגען.

דער בירגער־מייסטער האט גוטהערציג ביידע איבער די אקסלען געקלאפט.

אלע האבען זיך צוזאמענגעקליבען ארום דעם יונגען גלח, וועלכער איז אויסער זיך פון כעס געווען.

— יא, יא, מיינע הערען! — האט ער אויף א געדרוקטען בויגען פאפיר אנגעוויזען. — איהר זעהט! אט איז דיזע העסליכע פראק־לאמאציע... אין טויזענדער עקזאמפליארען האט מען זי פאנאנדער־געשפרייט דא, איבער דער גאנצער שטאדט, און זי ענטהאלט אין זיך די אונפערשעהמטעסטע ליגענס, וועלכע איך האב א מאל געלעזען... הערט נאר, אן אפענער בריעף צו די ארבייטער פון דעם גלח פון גאט׳ס גנאד, דעם הייליגען סציגיען. איהר ווייסט געווים, אז דיזער אונ־גליקליכער וואהנזיניגער מענש איז געווען ארויסגעשיקט פון דער רו־סישער רעגיערונג קיין סיביר... דארט איז ער שוין אויך מיט א לאנ־גער צייט צוריק געשטארבען... און יעצט פעלשען די לומפען זיין נאמען... הערט נאר ווייטער... דאס איז די סאמע אונפערשעהמטע. די סאמע אזות׳דיגע אויפרייצונג פון קלאסען־האס. זיי רייצען פראסט אויף דעם ארבייטער־פאלק צו געוואלדטהאטען און פערברעכען... די ארבייטער דארפען מיט מאכט זיך נעהמען דאס, וואס עס קומט זיי מיט רעכט, ניט אבשטעלענדיג זיך פאר קיינע מיטלען, אום זייערע עקספלואטאטארס — דאס מיינט מען, נאטירליך, אונז — איין מאל פאר אלע מאל צו פערניכטען... די גלחים רופט מען דא ליגנער און אומזיסטע פרעסערס, וועלכע גיבען איבער די ארבייטער, ווי צו דער שחיטה, אין די הענד פון׳ם אונערזעטליכען קאפיטאליזם... שטעלט אייך פאר, מיינע הערען, אז דיזע טויגעניכטסען, מיט זייער גאנצער אונפערשעהמטקייט, שיקען מיר דאס צו דורך פאסט! איבריגענס, בע־

קום איך כמעט יעדען טאג אנאנימע בריעף, אין וועלכע מען סטראַשעט מיך מיט'ן טויט. אויב איך וועל ניט אויפהערען צו קעמפפען געגען דיזע מיסגעבורטען פון אונזער געזעלשאפט...

די פּראָקלאַמאַציע איז איבערגעגאַנגען פון האנד צו האנד.

— דאָס איז זעהר ניט קיין גרעסטענע שטיקעל אגיטאַציע— האָט גאַרדאָן גלייכגילטיג בעמערקט. — איך גלויב ניט, אויב דיזעס בלעטעל קען האָבען א שעדליכע ווירקונג כאָטש אויף איין איינציגען אַרבייטער'ס נשמה.

— איהר אונטערשעצט די ווירקונג פון אזא פּראָקלאַמאַציע — האָט דער גלח געזאָגט מיט פּיעל היץ — וואָס איינפאכער, וואָס גראָבער עס זיינען די מיטלען, דאָס שטאַרקער איז זייער ווירקונג. דיזע פּראָקלאַמאַציע איז אומעטום פאַרנאַנדערגעקלעפּט. איך האָב זי אליין היינט פונ'ם קירכען־טהויער אַבגעריסען.

— יא, עס איז ניטאָ קיין צווייפעל, אז אין אַלגעמיין איז אויך אונזער שטאָדט אנגעשטעקט פון דיזער מגפה... אויף יעדען טריט שטויסט מען זיך דערויף אן — האָט עפּעס א יונגער אַדוואָקאַט בעמערקט.

א שרעק האָט דעם בירגער־מייסטער בעהערשט.

— אָבער וואָס קען מען טהאָן? בעטראַכט נאָר, מיינע הערען. די ווירקליכע לאַגע. מען מעג דענקען, אז אין א שטאָדט מיט צעהן טויזענד איינוואוינער איז אַלץ אזוי גוט בעקאַנט, אז אָהן מיה קען מען אויסגעפינען, ווער דאָס זיינען די אגיטאַטאָרען... און דאָך האָט דערווייל קיינער ניט געזעהן קיין שולדיגען, אדער, בעסער געזאָגט — קיין שולדיגע.

— פון דרויסען דרינגט גאָר ניט דורך — האָט דער פּאָסט־מייסטער בעמערקט. — איך האָב בעפוילען צו עפענען אַלע פערדעכטיגע פּעקלעך, וואָס ווערען דורך דער פּאָסט געשיקט.

דער בירגערמייסטער האָט זיך געווישט דעם שוויס פון שטערען.

— איך בין פערצווייפעלט, מיינע הערען. דאָס צורייצטע אויפגערעגטע פאָלק ווערט פרעכער פון טאָג צו טאָג. זיי רעדען נאָר פון די שכירות, וואָס די אַרבייטער קריגען אין שווייצאַריע. יעדען טאָג קענען די אַרבייטער ארויסגעהן אין סטרייק... ניטאָ שוין ביי זיין קיין

דרך ארץ פאר העכערע, פאר רעליגיאן: זיי האבען ניט קיין מורא פאר שטראף... נעכטען האט אן ארבייטער דעם אויפזעהער מיט א לאפעטע דעם קאפ צושפאלטען... היינט רעדט מען וועגען אן אלגעמיינעם סטרייק אויף דער צוקער־פאבריק...

דער בירגער־מייסטער האט אבגעקרעכצט און האט זיך אוועק־געזעצט. די גאנצע געזעלשאפט האט געשיינט צו זיין דורכגעדרונגען מיט א טיעפען מיטגעפיהל צו זיינע ליידען. ערשט אין א ווײלע ארום האט דער גלח די אנגעשטרענגטע שטילקייט איבערגעריסען.

— אפילו די יונגווארג אין דער שולע ווערט בעאיינפלוסט פון דיזער שעדליכער מגפה. ווענינגסטענס איז א פיערט־חלק פון דיזע אינגלאך אנגעשטעקט מיט אטעאיזם. די מעהר עזות'דיגע האט מען פון שולע ארויסגעווארפען, די איבעריגע זיינען יעצט פארזיכטיגער. אבער איך וויים, אז עס געהען ארום פון האנד צו האנד אזעלכע עק־זאמפליארען פון בוכנער, שטראוס און רענאן... עס איז זיך גאר שווער פארצושטעלען, וואס פאר א פראגען דיזע אינגלעך שטעלען מיר מיט אזא פרעכען, נאאיווען אויסדרוק... אבער איך וועל זיך ניט בערוהיגען אזוי לאנג, ביז איך וועל אבטהיילען די ציעגען פון די וועלף.

— עס איז פונדעסטוועגען א מאדנע זאך — האט גארדאן גע־זאגט — וואס מען קען גאר ניט אויסגעפינען דעם סאמע קוואל פון דער אגיטאציע. דיזע אונטערהעצער זיינען דאך געוועהנליך זעהר נאריש און אונגעשיקט.

— געוועהנליך איז דאס אזוי! — דער ארוואקאט האט זעהר אן ערנסטע מינע געמאכט. — דאך דאס מאל האבען מיר צו טהאן מיט זעהר געניטע און פעהיגע חברה־לייט. איך דענק, אז עס זיינען דא אין שטאדט פאראן אייניגע אגיטאטארען, וואס זיינען אלס אר־בייטער פערקליידעט, אום מען זאל זיי ניט דערקענען. נאטירליך, קע־נען זיי זיך זעהר גוט מאסקירען. איך וואלט געזוכט די שולדיגע הויפטזעכליך צווישען די ארבייטער, וועלכע זיינען אויף דעם אנבליק זעהר פראסטע.

— יא, יא, דאס איז א זעלטענער געדאנק — האט גארדאן אויס־געשריען.

— ווירקליך דיזע נארישעוואטע און פראסטע ארביימער — האט

דער אדוואקאט פארטגעזעצט — בעקומען די פראקלאמאציעס אויף פאראויס געשטימטע פלעצער און פערשפרייטען זיי נאכהער אונבע־מערקט. איך האב געהייסען, מען זאל מיר ברענגען די פאספארטען פון אלע ארבייטער, ליידער האב איך דערפון גארנישט געקענט ער־פאהרען. דאס איז א באנדע פון אלע עקען וועלט צוזאמענגעקליבען...

מען האט געבראכט די קארטען־טישלעך.

אסטאפ איז אין צווייטען צימער איבערגעגאנגען. ער האט פלוצ־לינג דערזעהען דארט פאליא'ן און העליא'ן, זיצענדיג צוזאמען. זיי האַ־בען געשמועסט און פרעהליך געלאכט. העליא, ווי עס האט אויסגע־זעהען, האט פונדעסטוועגען אויף אסטאפ'ן געווארט, ווייל זי איז באלד צו איהם צוגעגאנגען.

— איך האב געהערט, אז דו ביזט קראנק געווארען נאך דעם

— ניין, איך בין ניט קראנק געוועזען. דאס איז געוועזען איינע פון די געוועהנליכע ספאזמען, פון וועלכע איך לייד די גאנצע צייט.

פלוצלינג האט זיך אסטאפ'ן שטארק פערגלוסט צו געגעצען: פונדעסטוועגען האט ער זיך מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג בע־קעמפפט. ער איז אין אלגעמיין געוועזען זעהר צורודערט און האט כסדר מיט די אויגען עטוואס געזוכט.

— איך האב דיך נאך קיינמאל אזוי ניט געזעהן — האט העליא געזאגט — וואס איז דיר?

— מיר?... גאר ניט! איך בין בלויז זעהר מיעד...

ער האט אויף איהר א קוק געטהאן מיט א גלייכגילטיגען, אויס־געלאשענעם שמייכעל.

— יא, ווירקליך! זיי אויף מיר ניט בייז פאר מיין לעצטען בע־זוך. איך האף, אז דו האסט פערשטאנען מיין קראנקהאפטע אויפ־געבראכטקייט...

ער האט א ווילע געשוויגען.

— איברינגענס, האב איך דיך שוין ניט ליעב — האט ער פלוצלונג ארויסגעזאגט און האט א געגעץ געטהאן.

נאר ער האט גלייך אויף איהר מיט שרעק א קוק געטהאן.

— צי האב איך עטוואס געזאגט?

העליא האט געקוקט אויף איהם מיט א וואקסענדען שטוינען.

— געה אהיים — האט זי א זאג געטהאן — דו ביזט דאך קראנק. דו ביזט בלייך, ווי די וואנד.

— איך בין בלייך?

מיט פערואכטונג האט ער אויף איהר א קוק געטהאן. ער האט זיך צולאכט, האט זיך אוועקגעדרעהט פון איהר און זיך אין א ווינקעל אוועקגעזעצט.

העליא האט איהם נאכגעקוקט, ציטערענדיג און צומישט.

א משוגעת איז איהם בעפאלען. ער איז צו איהר געהענטער צו־געגאנגען און האט בייז געמורמעלט:

— געה צו גארדאן'ען. אט שטעהט ער דארט אוןווארט אויף דיר.

ער האט זיך ווייטער אוועקגעזעצט און האט מיט אויפרעגונג אויף די געסט געקוקט. ער האט ניט געזעהען אפילו, ווי גארדאן איז צו איהם צוגעקומען און איהם אונרוהיג פאר דער האנד א שלעפ געטהאן.

— געה אהיים. דו האלטסט זיך דאך קוים אויף די פיס! גאר־דאן איז געווען זעהר צורודערט. — איך וויל דיר עפעס זעהר וויכ־טיגעס זאגען. ווארט אויף מיר ביי פאעטצל'ן. איך וועל קומען ניט שפעטער ווי אין א שטונדע. זאג, אז דו פיהלסט זיך עפעס ניט געזונד און דו מוזט אהיים געהן.

אסטאפ האט מיט כעס געקוקט אויף גארדאן'ען. ער האט קיין ווארט ניט געענטפערט. נאר אין א ווײלע ארום האט ער זיך אויפ־געהויבען און איז ארויס.

ער האט געפיהלט, ווי דער גאנצער הימעל וואלט אויף איהם אראבגעפאלען און געשטיקט איהם מיט זיין משא... א געפיהל פון א טוידטליכער גלייכגילטיגקייט...

ער האט זיך נאך א ווײלע צוגעקוקט צום שפיעל, איז פון איינעם צום צווייטען איבערגעגאנגען, נאר בעמערקענדיג, אז קיינער שענקט איהם ניט קיין אויפמערקזאמקייט, איז ער אוועק.

גארדאן האט איהם בעאבאכטעט.

— ווארום האסטו איהם פון דאנען אוועקגעשיקט? — האט ער

פלוצלינג העליא׳ם מורמלען דערהערט. איהרע אויגען האבען געפינ־קעלט מיט א קוים־איינגעהאלטענער משוגעת.

— עס איז ניט געזונד פאר איהם צו זיין נעבען דיר.

ער האט זיך שטיל צולאכט און האט אויף איהר א שנעלען בליק געווארפען.

— ער איז קראנק — האט ער אין א ווײלע ארום צוגעגעבען— ער איז קראנק פיעל ערנסטער, ווי דו דענקסט. ער האט זיך אויפגע־הערט צו שרעקען און דאס איז די געפעהרליכסטע קראנקהייט.

ער האט פלוצלינג אויף איהר ערנסט א קוק געטהאן.

— ווארום האסטו מיך? — האט ער זי געפרעגט. — האסט מיך אזוי בעליידיגט, ווי מען קען נאר אין אלגעמיין א מאנספערזאן בע־ליידיגען...

ער האט אבגעטראטען אן א זייט, אום ניט צו שטעהן די טאנ־צענדע אין וועג.

— דו האסט צושטערט אלע מיינע פלענער וועגען פאליא... ביי איהר האב איך געקענט רוה געפינען... דו האסט דאס אלץ געמאכט. דאך פיהל איך צו דיר ניט קיין האס...

ער האט א בליק געטהאן אויף פאליא׳ן, וועלכע איז געשטאנען אין דער טהיר און האט זיך אייגגעקוקט אויף איהם מיט א קרענקליכען, ליידענשאפטליכען שמייכעל.

גארדאן איז צומישט געווארען. א טיעפער געפיהל פון מיטלייד האט זיין נשמה ארומגענומען. קיינמאל האט נאך פאליא׳ס אויסזעהן אויף איהם קיין טיפערען איינדרוק ניט געמאכט. מיט פערצווייפלונג האט ער זיך צו העליא׳ן אומגעקעהרט.

— ווארום האסטו די נשמה פון דיזען קינד פער׳סמ׳ט? ווארום האסטו איהר לעבען צובראכען? צי איז אין דיר אויף אזוי פיעל ענט־וויקעלט די פרוי, אז דו האסט עס געמוזט טהאן?

העליא האט אויף איהם די גאנצע צייט מיט א פערשטיינערטען בליק געקוקט, ניט רעדענדיג א ווארט. דאך האט זי פלוצלינג מיט די אקסלען א קוועטש געטהאן און געזאגט מיט פעראכטונג.

— לאנגווייליגער פלאפלער!

גארדאן האט זיך העפליך פערנייגט, האט זיך אויסגעדרעהט

און איז צו פאַליאַ׳ן צוגעגאַנגען.

פאַליאַ האָט זיך די גאַנצע צייט איינגעקוקט אין זיינע אויגען מיט א מיסטרויאישען, אבשטויסענדען בליק.

— הער, פאַליאַ, ווען דו וועסט אוועקגעהן, ערלויב מיר דיך צו בעגלייטען. איך האָב דיר עטוואָס זעהר וויכטיגעס צו זאָגען.

— איך וויל ניט געהן מיט אייך. איך וויל מיט אייך ניט רעדען.

— דו מוזט!

ער האָט אויף איהר געקוקט מיט א דורכדרינגענדען בליק.

— דו מוזט! איך וועל זיך שוין מעהר ביי דיר ניט אַנוואַרפען. שוין קיינמאָל ניט. אבער נאָך דאָס יעצטיגע מאָל — און אויב דו פערלאַנגסט, וועט עס דאָס לעצטע מאָל זיין...

דער קלאַנג פון זיין שטימע איז געווען פול מיט געבעט. ער האָט געזעהען, ווי איהר געזיכט האָט לייכט א ציטער געטהאָן און די ליפּען האָבען זיך איינגעצויגען, ווי ביי א קליין מיידעלע, וואָס וועט אט־אט מיט א געוויין ארויספּלאַצען.

— איך בעט דיך, פאַליאַ — האָט ער געזאָגט הייס און ליידענשאַפטליך — איך מוז מיט דיר רעדען.

זי האָט אַנגעפאַנגען נערוועז מיט׳ן פאָכער זיך צו שפּיעלען, דאָך האָט זי זיך פּלוצלינג בעהערשט און איז צוגעגאַנגען צו א גרופּע יונגע מיידלעך, וואָס האָבען געפיהרט א לעבהאַפטען געשפּרעך, צווישען אן אויסברוך פון געלעכטער.

נאָרדאָן איז געוואָרען אומעדיג און בלאַס. ניט טראַכטענדיג האָט ער אין זאַל אריינגעקוקט, נאָר באַלד האָט ער זיך בעגעגענט מיט די אויגען פון העליאַ׳ן, וועלכע האָט אויף איהם מיט א בייזער ווילדקייט געקוקט.

ער איז אוועקגעגאַנגען אין צווייטען צימער און האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען זיין פעטער, וועלכער האָט פריינדליך צו איהם געשמייכעלט: ער האָט ווירקליך זעהר גוטע קאַרטען בעקומען.

פּלוצלינג האָט ער א היסטעריש געלעכטער דערהערט. עס איז געוואָרען א שטאַרקער גערודער, עטליכע מיידלאך זיינען מיט א געשריי דורכגעלאָפען... ער איז פון פּלאַץ אויפגעשפּרונגען: ער האָט דערזעהן פאַליאַ׳ן אויף דער זאָפע, ראַנגלענדיג זיך אין א היסטעריש

געלעכטער, וועלכעס איז גיך איבערגעגאנגען אין א פערשטיקטען גע־וויין.

גארדאן'ען האט א שרעקליכע אנגסט ארומגעכאפט. ער האט פא־ליא'ן פאר די הענד גענומען, האט געכאפט דאס גלאז וואסער, וואס אימיצער האט איהם דערלאנגט, האט איהר געגעבען אויסצו־טרינקען און איהר דעם שטערען און די שלייפען בענעצט.

פאליא האט די ליפען פערביסען. עס האט אויסגעזעהען, אז זי בעמיהט זיך מיט א ווילדער אנשטרענגונג זיך איינצוהאלטען פון א נייעם היסטערישען אנפאל. עס איז איהר גיך בעסער געווארען.

— איך וועל אבפיהרען אין מיין שליטען פריילין פאליא — האט ער בעשטימט ארויסגעזאגט.

ער איז געווען גאנץ גלייכגילטיג צו דעם, וואס מענשען וועלען דענקען וועגען זיינע פערהעלטניסע צו פאליא'ן.

פאליא האט מיט בעוואונדערונג אויף איהם א קוק געטהאן, דאך האט זי ניט געהאט קיין מוטה זיך ענטגעגענען צו שטעלען.

איבריגענס, האט קיינער דארויף קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט, בלויז העליא איז בלאס געווארען.

גארדאן האט געפיהלט, דאס זי בעאבאכטעט ניעריג יערע בעוועגונג זיינע. נאר ער האט זיך בעמיהט איהר בליק אויסצומיידען.

6.

פאליא האט זיך אין גאנצען גארדאן'ס ווילען אונטערגעגעבען. ער האט זי צום שליטען אוועקגעטראגען: זי האט געפיהלט, ווי ער ווי־קעלט זי מיט'ן פעלץ ארום. מיט אן אפאטישער נייגיעריגקייט האט זי געקוקט, ווי דער שליטען האט מיט דער שנעלקייט פון א בליץ זיך פון ארט גערירט. זי האט געזעהן, אז זיי פאהרען פון דער שטאדט ארויס, נאר זי איז געווען אין גאנצען אונמעכטיג און פערמאטערט. בלויז דער געדאנק, אז זי וועט דארפען זאגאר איין ווארט ארויסרעדען, האט איהר פערשאפט א דורכדרינגענדען שמערץ.

גארדאן האט מיט א נערוועזער משוגעת אנגעהויבען די פערד צו טרייבען. ער האט נים געוואוסט, פאר וואס ער פיהרט זי צו זיך אהיים, נאר ער האט זיך בלויז אונטערגעגעבען א טויבען אינערליכען אינסטינקט.

די קורצע שטרעקע האט איהם געשיינט צו זיין אונענדליך לאנג. ער האט געציטערט פון אונגעדולד, ער האט זיך נים געקענט דער־ווארטען, ביז ער וועט אויפ'ן פלאץ אנקומען.

זיינע געדאנקען האבען זיך געפלאנטערט: ער האט געפיהלט, אז דאס ערשטע מאל אין לעבען איז ער נים אימשטאנד זיך צו בעהער־שען.

ווען ער איז אם ענדע אין גרויסען הויף אריינגעפאהרען, האט ער זי פאר דער האנד אנגענומען און אריינגעפיהרט, אדער, בעסער געזאגט, אריינגעטראגען צו זיך אין ארבייטס־צימער.

פאליא האט מיט שרעק זיך ארומגעקוקט. ערשט יעצט איז זי צום בעוואוסטזיין געקומען.

זי איז פערציטערט געווארען, האט זיך אויף דער זאפע אני־דערגעווארפען און אנגעהויבען צו וויינען.

גארדאן האט מיט גרויסע טריט געשפרייזט הין און צוריק, האט

זיך נעבען איהר אבגעשטעלט, איהר לאנג אין געזיכט אריינגעקוקט און מיט אויפרעגונג א שמייכעל געטהאן.

— בערוהיג זיך, פאליא: טהו דאס פאר מיר, ברוהיג זיך! בערד־היג זיך! דו קענסט זיך ניט פארשטעלען, ווי שרעקליך איך לייד! דו האסט קיין בעגריעף ניט. ווייז ניט. איך קען ניט הערען דיין געוויין...

זי האט זיך אויפגעזעצט און האט אונבעוואוסט אויף איהם געקוקט.

— פאר וואס האסטו מיך אהער געבראכט?

— פאר וואס? זיי מיין פרוי, פאליא, אויף אייביג קענסטו ביי מיר בלייבען. אלץ, וואס איז מיינס, בעלאנגט צו דיר. זיי מיין פרוי.

זי האט אויף איהם א בליק געטהאן, ניט פערשטעהענדיג קיין ווארט.

— צי ווילסטו, פאליא, צי ווילסטו מיין פרוי זיין? אויף די הענד וועל איך דיך טראגען. עס וועט דיר ביי מיר גוט זיין. דיר און סטעפאן'ען. דו ווילסט? איך וועל באלד צו סטעפאן'ען פאהרען און איהם אהער ברענגען. צוזאמען וועלען מיר דא אלע לעבען. עס וועט אונז גוט זיין.

זי האט געקוקט אויף איהם אהן א שום געדאנק. איהרע ליפען האבען כסדר געציטערט. עס האט זיך געדאכט, אז עס שוועבט אי־בער זיי שטענדיג א פערצווייפעלטער שמייכעל.

זי האט זיינע פראגען ניט געהערט.

— איך וועל פאר דיר טהאן אלץ, וואס דו וועסט פערלאנגען. איך וועל זיך בעמיהען געלד צו בעקומען און מיר וועלען פאהרען אין ווארימע לענדער, וואו דער קלימאט וועט סטעפאן'ען געזונד מאכען.

— איז דאס אמת?

זי האט מיט'ן פוס א טופע געטהאן.

ער האט אויף איהר מיט א טיעפען טרויער געקוקט. זי האט איהם נאך קיינמאל אזא טרויעריגען ניט געזעהן. אן אונבעגרענצטע פער־צווייפלונג האט אין איהר נשמה געברענט. ער האט אפילו קיין ווארט

נים געענטפערט, ער האט בלויז דעם קאפ אראבגעלאזט און האט זיך געבען איהר אוועקגעזעצט.

— זאג! זאג, אז זי האט געזאגט א ליגען! איהר שטימע האט זיך אבגעריסען דורך א ליידענשאפטליכען געוויין.

— ווילסט זיין מיין פרוי? — האט ער מיט א פערשטיקטען קול געפרעגט.

— ניין! ניין! — דו האסט זי ליעב, נאר זי! איך בין פאר דיר בלויז א מיטעל, אז דו זאלסט העליא'ן פערגעסען. איך וויל נים! — האט זי אנגעהויבען הויך צו שרייען. — דו האסט מיך אבגענארט. דו האסט מיך נים ליעב... דו—דו שפיעלסט מיט מיר, אום צו מאכען איהר אייפערזיכטיג. איך וויל נים קוקען אויף דיר, אויך נים אויף איהר! צו איהר געה! זי איז פאר דיר א פרוי! וואס ווילסטו פון מיר?

זי האט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט, א מיעדקייט האט זי ארומגעכאפט און זי האט געזאגט שטיל, מיט טרעהרען:

— ניין, ניין... קיינמאל האב איך עס נאך אזוי דייטליך נים געפיהלט, ווי איצט, אז דו ליעבסט נאר זי. איהר שפיעלט זיך ביידע מיט מיר; איך בין פאר אייך בלויז א שירם זיך צו פערשטעלען. ניין! לאז מיך צורוה! איך וועל געהן יעצט צו סטעפאן'ען. איך וועל זיצען לעבען איהם טאג און נאכט. איך האב איהם אזוי פערלאזט... און אויב מיין ביטע האט עפעס א בעדייטונג, טו קום צו איהם אמאל. ער האט דיך ליעב מעהר, ווי אלץ אין דער וועלט...

זי האט בייז אויף איהם א קוק געטהאן.

גארדאן האט מיט א שטיינענדער בעוואונדערונג זיך צוגעהערט צו איהרע ווערטער. אין גאנצען א נייע פרוי האט ער יעצט געבען זיך געזעהען. דאס איז שוין נים געוועזען זיין פריהעריגע שוואכע פאליא. ער האט געפיהלט, אז אין איהר נשמה ראנגעלט זיך העליא'ס נשמה אין שמערצליכע קרעמפפען. ער האט איהר געוואלט עפעס זאגען, ער האט געפיהלט, דאס ער מוז איהר עפעס זאגען, נאר די ווערטער זיינען ביי איהם אויף די ליפען אבגעשטארבען.

— זיי מיין פרוי — האט ער אם ענדע געזאגט.

— ניין! איך וויל נים! קיינמאל, קיינמאל... איך האב מורא פאר דיר. יא... איך האב מורא פאר דיר... אה, איהר ביידע האט מיך

אזוי געמאטערט, מיט טויזענדער רעטעגישען האט איהר מיין נשמה געפייניגט. איך האב פאר איךביידע מורא... און דיזער עקעלהאפטער שמוץ, דיזע מיאוס'קייט פון לעבען!... אלץ, אלץ האט זי מיר גע־זאגט... ניין, ניין — ערלויב מיר אוועקצוגעהן... איך מוז געהן צו סטע־פאן'ען. סטעפאן איז קראנק...

א שרעקליכע אונרוהיגקייט האט זי בעהערשט.

— ניין, ניין... איך וויל דיך ניט הערען, לאז מיך צורוה! איך האב מורא... אח, געה צו איהר, זי איז אזוי פערצווייפעלט, אזוי אונ־גליקליך...

— פאליא!

זי האט זיינע ווערטער ניט געהערט. אונמעכטיג איז זי הין און צוריק איבער'ן צימער געלאפען.

—יעצט וועל איך שוין געהן אהיים!

זי האט פון דאס ניי אנגעהויבען צו וויינען און איז צו דער טהיר צוגעלאפען. ער האט זיך בעמיהט צו בערוהיגען זי, האט זיך דער־נעהענטערט צו איהר און זי פאר דער האנד אנגענומען.

— ווארט, פאליא, איך וועל דיך אהיים אבפיהרען, אויב דו ווילסט דאס דורכאויס.

— ניין, ניין! איך וועל געהן אליין! איך מוז געהן! דיין אנוועד־זענהייט איז א מאטערניש פאר מיר... אח, אח — זיי האט דיך גע־פאטשט און דו האסט ניט געוואגט קיין איין ווארט צו ענטפערען. דו ביזט געוועזען מיין שטאלץ, מיין קעניג, און דיך האט א פרוי געפאטשט. פאר מיינע אויגען האט זי דיר מיט א בייטש א שמיץ געטהאן.

גארדאן האט זי ניט געהערט און האט מיט א ווילד געשריי גע־הייסען דעם שליטען ברענגען.

זיי האבען זיך אין דער טהיר אוועקגעשטעלט.

עס האט גערעגענט.

— לאז מיך אליין אוועקגעהן... איך וויל יעצט זיין אליין... איך וועל דיר זעהר דאנקבאר זיין, אויב דו וועסט מיר ערלויבען אליין אוועקצוגעהן... איך וועל דיינע הענד קושען, נאר לאז מיך, לאז מיך...

אין דער זעלבער מינוט האט זי זיך פון זײנע הענד ארויסגעריסען, איז דעם הויף דורכגעלאפען און אויף דער גאס ארויס.

נארדאן איז איהר נאכגעלאפען. ער האט זיך אויסגעגליטשט, האט זיך ווייטער אויפגעהויבען און זי דעריאגט, ווען זי איז כמעט אהן כחות געווען.

זי האט שוין מעהר קיין ווידערשטאנד ניט ארויסגעוויזען. ער האט זי צוריק אריינגעטראגען. ער האט געפיהלט, דאס זי איז אין גאנצען דורכגענעצט געווען און האט מיט א שוידערהאפטען פיבער געציטערט.

— לאז מיך! איך וויל פערבלייבען אליין. דיין אנוועזענהייט פייניגט מיך.

זי איז צוזאמען מיט איהם געגאנגען.

ווען זיי זיינען אין הויף אריינגעקומען, איז שוין דער אנטרייבער געבען די פערד געשטאנען.

— געה ברענג דעם פעלץ — האט נארדאן צו איהם א געשריי געטהאן.

ער האט זי אינ'ם פעלץ איינגעטוליעט.

— פארמאך דאס הויז און געה אין שטאדט אריין צו פאעטצל'ן נאך די פערד.

דעם גאנצען וועג האבען זיי קיין ווארט ניט גערעדט.

פאר סטעפאן'ס הויז האט זיך נארדאן אבגעשטעלט.

— פאליא! — האט ער טרויעריג געזאגט.

— לאז מיך צורוה... און זי איז אין דער טהיר פון הויז פערשוואונדען.

נארדאן האט א שמייכעל געטהאן, איינגעהאלטענע טרעהרען האבען זיין האלז געשטיקט. ער האט אן אונאויסדריקבארען שמערץ געפיהלט.

7.

מען האט שוין די קעלער־שטוב פערמאכט, ווען ער איז צו פאר־עמצל'ן געקומען.

— הערר אסטאפ האט געהייסען זאגען, אז ער איז צו הוט'ן גע־גאנגען.

דער מאן האט ברוגז א שמייכעל געטהאן.

גארדאן האט איהם שטרענג אנגעקוקט.

— איז מיין דיענער דא פאראן?

— איך בין גרייט פאר אייער געפעליגקייט.

— האלט די פערד, ביז מאטשעי וועט נאך זיי קומען.

גארדאן האט איהם געלד געגעבען און איז צו הוט'ן אוועק.

אסטאפ איז אין איינע פון די אונטערשטע צימערען געזעסען. ער האט געטרונקען וויין; אויף זיינע קניע איז א מיידעל געזעסען און האט אונטער דעם אקאמפאנימענט פון א גיטארע געזונגען.

— נו, ענדליך ביזטו געקומען! דריי שטונדען האב איך אויף דיר געווארט... עס מאכט ניט אויס... אבער קוק נאר אויף איהר: זי איז נאך קיין זיעבצעהן יאהר ניט אלט און איז שוין צולאזען, ווי א דרייסיג־יעהריגע. זי איז אזוי גענייט אין אלע פארמען פון אויסגעלאסענקייט... האסט ניט קיין בעגריעף, וואס פאר א ליעדעלעך זי זינגט...

דאס מיידעל האט מיט א פרעכען בליק אויף גארדאן'ען געקוקט..

„פישערין די קליינע,

ציינ די פיסלעך דיינע..."

זי האט אויסגעזעהען שיכור צו זיין. זי האט מיט א הייזעריגער שטימע געזונגען.

גארדאן האט זיך אוועקגעזעצט און האט גלייכגילטיג געקוקט אויף זיי.

— א כאראקטעריסטיש קינד פון טייפעל. אסטאפ האט דאס

ארויסגעזאגט כמעט מיט פעראכטונג... אבער געה שוין, קאשיא, דו ביזט שיכור. געה! ברענג נאך וויין.

ער האט א לאנגען גענעץ געטהאן.

— נו, יא! ווי געפעלט זי דיר, גארדאן?

ער האט אויף גארדאן'ען געקוקט און טרויעריג מיט'ן קאפ א שאקעל געטהאן.

ווען קאשיא איז ארויסגעגאנגען, האבען זיי כמעט מיט פעראכטונג איינער אויף'ן צווייטען א קוק געטהאן.

— דו האסט זיך עפּעס מאדנע געענדערט — האט גארדאן אם ענדע געזאגט.

— ווארום ניט? לאמיר ווייטער פריינד זיין. יעצט ביזטו איינער ביי מיר פערבליבען, אבוואהל איך קען דיך אויך שוין מעהר ניט פערטראגען.

קאשיא איז מיט'ן וויין געקומען.

— און איצט, טהייערע קאשיא, געה שלאפען, אליין, אין גאנצען אליין, ווי עס פאסט פאר אן ארענטליך מיידעל. אט האסטו דאס גאנצע געלד מיינס. ועסט אויפשטעהן זעקס א זייגער. וואהרשיינליך וועסטו אונז נאך דא טרעפען. יא, דו ביזט גערעכט. ברענג נאך צוויי פלעשער, נאר געשווינד.

ווען אלע זיינע פערלאנגען זיינען ערפילט געווארען, האט ער אויף גארדאן'ען א האלב־גוטמוטהיגען, האלב־שפּאטישען בליק געווארפען.

— מיר האבען ווירקליך א שעהנע טהייל לעבען צוזאמען דורכגעלעבט. איך דענק, אז די שפּעטערדיגע דורות, וועלען איינער דעם צווייטען נאך לאנג דערצעהלען וועגען דער איידעלער באר דיאסקוראוו....

גארדאן האט ערנסט אויף איהם געקוקט.

ער האט זיך געפיהלט זעהר פערמאטערט.

— הער, אסטאפ, אויב דו ווילסט מיר זאגען אונאנגענעהמע זאכען, טו לאז צורוה. דאס איז אומעטיג. איהר פעראכטעט מיך אלע און איהר זוכט מיט שטעכווערטלעך זיך אן מיר נוקם צו זיין. ניט לאנג צוריק האט העליא מיך געפּאטשט, און מיט איניגע טעג שפּעטער

האט זי מיך מיט א בייטש־שטעקעל א שמיץ געטהאן. איך ווייס ניט, וואס זי האט געוואלט פון מיר.
אסטאפ האט זיך פערטראכט.
— דו ווייסט וואס, די לעצטע צייט איז מיר ניט איינמאל געקומען אויפ'ן געדאנק, אז איהרביידע זענט ווירקליך עהנליך איינער צום צווייטען. נאר דו ביזט א מענש א מעהר אויסגערעכענטער, און זי איז א היסטערישע פרוי. אבער דאך האט איהר ביידע דיזעלבע קאפּ־ריזנע שטרעבונגען.
גארדאן האט אויף איהם א פראגענדען בליק געווארפען.]
— ביידע בענקט איהר נאך ליידען — האט אסטאפ נעזאגט פערקלעהרט. — עפּעס א פאטאלע קראפט יאגט אייך. איהר זאלט זיך אליין ליידען בעשאפען. איך האב נאך ערגעץ ביי זיך דיינס א זעהר כאראקטעריסטיש געדיכט פון די יוגענד־יאהרען. דו בעטסט דארט גאט, אז ער זאל דיר שיקען אונערהערט־שטאלצע ליידען — דו געברויכסט טאקי דיזען אויסדרוק — הייליגע ליידען, מעהר שטאלצע און מעהר הייליגע, ווי די ליידען פונ'ם הייליגען זוהן... אין אזעלכע ליידען איז פאראן פּאעזיע און שעהנקייט. דו ביזט אליין שעהן אין דיינע טרוימען. עפּעס איז דא אין דיר אזעלכעס, וואס ערינערט אן אלעקסאנדער דעם גרויסען, אן בייראן, אן קארל דעם צוועלפטען.
גארדאן האט געשוויגען, שפּיעלענדיג זיך מעכאניש מיט א פּלעשעל.
— נו, לאמיר אויסטרינקען — האט אסטאפ א זאג געטהאן.— א מאדנע זאך. איך האב שטענדיג דיין קראפט געפיהלט, אבער היינט פיהל איך זי שוין גאר ניט... יא, יא. עס דאכט זיך מיר, דאס איך בין ערשט היינט זעהענדיג געווארען.
גארדאן האט זיך פערטראכט.
— יא, אן אלגעמיינע ענדערונג איז אין דיר פארגעקומען.
פּלוצלינג האט איהם אן אונרוהיגקייט בעהערשט.
— עפּעס שרעקליכע פּלענער מוזען דיר דורכ'ן געדאנק דורכפליהען — האט ער געמורמעלט.
אסטאפ האט א שמייכעל געטהאן.
— איך וועל טהאן אלץ, וואס איך האב דיר פערשפּראכען. איך ווייס אייגענטליך ניט, פאר וואס. ווייל די גאנצע זאך ערוועקט

שוין אין מיר מעהר קיין אינטערעס ניט... יא, און דער יונגער ווראַנסקי האָט אויך דאָ עפּעס צו טהאָן?... נו, איך וויל ניט אַריינקו־קען אין דיינע געדאַנקען... נאָר אויף דעם יונגען־מאַן דאַרפסטו גוט אַכטונג געבען. ער איז קראַנק און מיט אַ שטאַרקען פיבער קריכט ער איבער דער וועלט אַרום. — ער האָט לייכט אַ שמייכעל געטהאָן. — איך דענק, אַז דורך איהם איז דאָס ווירקליך פאַרגעקומען די אַלגע־מיינע ענדערונג אין מיין נשמה. ער האָט מיך אַזוי אין גאַנצען איינ־זאַם געמאַכט.

ער איז אַנטשווינגען געוואָרען און האָט זיך אָנגעהויבען אין גאַרדאַן'ען איינצוקוקען.

— דו קענסט מיך ניט. נאָר דורך דיין פּעראַכטונג קוקסטו אויף מיר — האָט גאַרדאַן שטיל געזאָגט. דו ווייסט וועגען מיר גאָר ניט. איך בין נאָך איינזאַמער פון דיר... נו, יאָ, אַסטאַפּ, איך גלויב, אַז דו ביזט גרייט אויף אַלץ, אָבער איך פיהל אויך, אַז דו טראַכסט וועגען אַ שרעקליכער אונטערנעהמונג וועגען זיך אַליין...

— לאָז צורוה, גאַרדאַן, לאָז צורוה. שטן! פאַר דיין געזונד! איך פיהל שוין מעהר ניט קיין פּעראַכטונג צו דיר...

עס האָט אויסגעזעהען, אַז אַסטאַפּ האָט דאָס געזאָגט גאַנץ מעכאַניש, דענקענדיג דערביי אין גאַנצען עפּעס אַנדערש.

— הער, גאַרדאַן, איך האָב אַ קינד דער'הרג'עט! — האָט ער אַ געוואַלדיגען געשריי געטהאָן און שווער אָבגעאָטהעמט.

גאַרדאַן איז פון פּלאַץ אויפגעשפּרונגען, נאָר ער האָט זיך באַלד ווידער אַוועקגעזעצט.

— מיין אייגען קינד — האָט אַסטאַפּ געמורמעלט און האָט גע־לאַכט מיט אַן אידיאָטיש, וואָהנזיניג געלעכטער.

זיי האָבען ביידע, ווי פּערשטיינערטע, איינער אויף דעם צוויי־טען געקוקט.

8.

כמעט א האלבע שטונדע איז אין א געדיכטער שטילקייט פערביי. און אסטאפ האט ווידער א קוק געטהאן אויף גארדאן'ען מיט א מאדנעם שמייכעל, וואס איז פול געוועזן מיט פערצווייפלונג.

— איך טראכט וועגען דעם כסדר — האט ער געזאגט — כסדר...

ער האט זיך פערהיקעט, האט געכאפט א גלאז אין האנד און האט אנגעפאנגען צו דערצעהלען געשווינד און מיט חשק:

— קיינער האט דאס ניט געזעהן. קיין געריכט וואלט ניט אים שטאנד געווען מיך אין א פערברעכען צו בעשולדיגען. דאך איז ביי מיר דא א געפיהל, אזוי ווי יעדער מענש וויים דערפון. איך זעה מיין געהיימניס אין אלע רעקלאמעס, איך לעז די אנאנסען, ווי מען יאגט זיך נאך מיר, אין יעדער צייטונג...

א צורודערטער האט ער זיך ארומגעקוקט, ער האט א שמייכעל געטהאן און האט זיך אנגעהויבען נערוועז מיט'ן גלאז צו שפיעלען. עס איז פונדעסטוועגען קענטיג געווען, דאס איהם האט ארומגעכאפט א שמערצליכער פערלאנג צו פערטרויען זיך, צו פערטויבען זיינע ליידען מיט דיזער ערצעהלונג.

— דאס איז געווען מיט העליא'ן... ניין! איך וויל ניט רעדען וועגען העליא'ן, דאס פערשאפט מיר אזעלכע שרעקליכע שמערצען, ווי א קרעמפף וואלט דאס הארץ ארומגעכאפט... דו לאכסט?

— עס איז מיר אפילו אויפ'ן געדאנק ניט געקומען צו לאכען איצט — האט גארדאן זעהר ערנסט געענטפערט.

— אזוי? עס האט זיך מיר אויסגעדאכט. אבער מיין ערצעהלונג אינטערעסירט דיך? — ער האט אויף גארדאן'ען בייז א קוק געטהאן. — עס אינטערעסירען דיך מיינע פערהעלטניסע מיט העליא'ן.

— נים מעהר ווי אזוי פיעל, אויף וויפיעל עס קען פאר מיר צוועקמעסיג זיין.

אסטאפ האט מיט א געלעכטער אויסגעפּלאצט.

— יא! דו רעדסט זעהר ליעבליך און עהרענהאפט. יא, יא, אויך איך אינטערעסיר זיך שוין וועגען דעם ניט מעהר. הע, הע, פונדעסט־וועגען דארפסטו זיך מעהר וועגען מיר אינטערעסירען. דו וואלסט געקענט אין מיר עטוואס פון דיין נאטור געפינען.

ער האט א געגעץ געטהאן.

— האסט פיעלייכט געהערט די געשיכטע פון א פערברעכער. וואס האט דער'הרג'עט עפּעס א רייכע פרוי, האט איהר קאסע בע־גנב'עט, איז גליקליך אנטלאפען און פּלוצלינג האט ער זיך דערמאנט אן דעם קאנאריק, וועלכען ער האט אין איהר צימער געזעהן? ער האט זיך צוריק אומגעקעהרט, אונטערוואראפענדיג זיך אונטער דער שרעקליכסטער געפאהר, האט אריינגעשטופּט נאהרונג אין דער שטייג פון דער פויגעלע, אום דאס פון הונגער־פּיין צו פערהיטען. דו זעהסט! דאס איז כאראקטעריסטיש פאר אונז אלע. מיר זיינען אימשטאנד צו גנב'ענען און הרג'ענען, ניט פיהלענדיג קיין אנדער פערגעניגען, אויסער די אונבעשטראפטקייט פון אונזער פערברעכען... נאר אט דיזע דראבנע זאכען, די זיסע... הע, הע... — דיזע קאנאריקלעך! זיי ער־לויבען מיר ניט פון הונגער צו שטארבען... קינדער דער'הרג'ענען טאר מען נים — האט ער מיט א ציטערענדע שטימע א מורמעל געטהאן. גרויסע טראפּענס קאלטע שוויים זיינען ביי איהם אויפ'ן שטערן ארויסגעקומען.

זיי האבען געשוויגען.

— דו ביזט אויך א פערברעכער, נאר דו האסט בעסער פון מיר געקענט דיינע אינסטינקטען בעהערשען. דו וואלסט קיינמאל נים גע־קומען צו אזא קליין, נישטיג פערברעכען... דו ביזט קארל דער צוועלף־טער! יא! ווירקליך, קארל דער צוועלפטער!

ער האט זיך זיעגעריש צולאכט.

— איך האב אזוי לאנג געטראכט איבער דער רעטעניש, דער נאמען פון וועלכער איז — „גארדאן", און ערשט יעצט איז מיר גע־לונגען דאס צו טרעפען. פערטראכט זיך נאר וועגען קארל דעם צוועלפ־

טען: ער ריהרט זיך ארויס פון זיין פאטערלאנד, גאט ווייסט, נאך וואס און ווען, פערפלאנטערט זיך אין א קריעג מיט גאנץ אייראפא, מיט דער מאכט פון אכט טויזענד מענשען פאלט ער אן אויף פופציג טויזענד רוסישע און האלט אב א זיעג. פערשטעהסט? אכט טויזענד געגען פופציג?! נאכהער צוקלאפט ער איז ברעקלעך אויגוסט דעם שטארקען און — און... חע, חע... לאזט זיך אין א זומפ פערנארען פון א נארישען, בארבארישען מאזעפא, ווייל עס זיינען איהם שטארק געפעלען דעם לעצטענס ערצעהלונגען איבער דעם מיט שטערען־פערזייעטען הימעל... חא, חא, חא... ארימער עסטעטיקער! און נאכהער בעהאלט ער זיך אין טערקיי און זיצט דארט אב גאנצע פינף יאהר, אלץ צוליעב עפעס א פאנטאסטישען געדאנק, פערשטעהסט? — צוליעב עפעס א פאנטאסטישען געדאנק, ווי איך האב געזאגט... און אויף דאס־ניי כאפט איהם אן א היץ: ער לויפט פון טערקיי קיין שטראלזונד, אין פערצעהן טעג פאהרט ער דורך אן אונגעהויערע שטרעקע... חע, חע, חע... נאך וואס? נאך ווען? זיין גאנץ קעניגרייך האט געקענט אין שטיקער זיך פארנאנדערפאלען — וואלט ער אפילו א מינוט דאס נים געוועון בעדויערט, נאר זיין פאנטאזיע האט געמוזט פערווירקליכט ווערען...

— דו זאגסט, איך האב א שלעכטען ביישפיעל אויסגעקליבען?

ניין, ניין... דו ביזט איינער פון אזעלכע מענשען, דו ביזט — אלעקסאנדער דער גרויסער, וועלכער הייסט זיך רופען גאט'ס זוהן און גלויבט גאנץ ערנסט אין זיין געטליכער אבשטאמונג. דו ביזט בייראן, וועלכען עס געלוסט זיך צו ווערען קעניג פון גריכענלאנד...

— ווארום טהוט איהר דאס, הא? אט אין דעם טאקי ליגט אייער גאנצע גרויסקייט, וואס איהר אליין ווייסט נים ווארום, וואס איהר האט קיין אבזיכטען נים. דערפאר, נאר דערפאר האט איהר איבער מענשען אזא מעכטיגע, שרעקליכע קראפט. און איך האב דאס ליעב, האב דאס ליעב אהן א שום גרענעץ. איך בין געווארען אייער מיטארבייטער אויס ליעבע צו דער מיסטישער, אונרוהיגער נאטור, וועלכע צייגט זיך אין אייך ארויס.

ער האט זיך פלוצלינג צולאכט מיט א וואהנזיניג, בייז געלעכטער.

— יא, יא: איהר זײט אלע עהנליך צו זיך. קארל דער צװעלפ־טער איז געװעזן א גאטספארכטיגער מענש, אײנער פון די יעניגע, װאס האבען מעהר פון אלץ ליעב גערעכטיגקײט, און דאך האט ער ניט געװאוסט פון קײן גרעסערען פערגעניגען איבער דעם פערגעניגען פון מארד, רויב, אונטערצינדען... א געבוירענער אונטערצינדער. ער האט אונטערגעצונדען הײזער, פערברענט תבואה אויף די פעלדער; ער האט זיך קײנמאל ניט געפיהלט אזוי גליקליך, װי דאמאלס, װען ער האט פון שטראלזונד געשריבען זײן שװעסטער, דאס ער האט עטליכע טויזענד מענשען אויסגעבראטען... האסטו געזעהען א מאל דאס קלײ־נע, אויסגעצװיגענע מײדעלשע געזיכט אין גאנצען צו דײן געזיכט עהנליך!

— בײראן לאכט זיך אויס פון דער גאנצער װעלט, פערהאסט אלץ, װאס געפינט זיך אויף דער ערד, אבער אלײן גלוסט זיך איהם קעניג פון גריכענלאנד צו װערען! און דו... דו רעדסט זיך אײן, אז דו מוזט פערניכטונג פערשפרײטען, אום צו בעפרידיגען עפעס א טײפ־לישע טעאריע. חע, חע... װי דו נארסט זיך אב! דו פערשפרײטסט פערניכטונג בלויז דערפאר, װײל דו טראגסט אין זיך אלײן א גאנצען גיהנום פון אונגליק און האס. נײן, ניט קײן האס—האס שװאכט אב און שטײפט אײן די ענערגיע, נאר פערזאכטונג — פערזאכטונג! איך האב זיך קײנמאל ניט פארגעשטעלט, אז א מענש זאל אזוי שמערצליך קענען פעראכטען...

ער האט פלוצלינג דאס גלאז אויף דער ערד אװעקגעװארפען און האט אנגעהויבען גיעריג פון פלעשעל צו טרינקען.

— דו געהערסט ניט צו אונזער עפאכע. עס איז ניטא בײ דיר קײן פלאץ, קײן שטרעקע. אונטער אנדערע אומשטענדען װאלסטו גע־קאנט א קעניג װערען, פערניכטען רוסישע ארמײען און מיט דרײ טויזענד מענשען טויזענדער טערקען אין ברעקלעך צוקלאפען, און נאכ־הער אין פערצעהן טעג טויזענדער מײלען אבפאהרען, שלאפען אויף די װאלען פון פריעדריכסהאל און װעגען העלע נעכט טרוימען... יעצט ביזטו אונמעכטיג, געבונדען און דארום שטרעבסטו צו ראכע...

— האסטו זיך אמאל צוגעקוקט צו דעם כאראקטער פון זײן האנדשריפט? זײן, דאס הײסט, װירקליך, קארל דעם צװעלפטען׳ס. עס

איז צו דיין האנדשריפט עהנליך. און צי ווייסטו, אז ער האט קיינמאל קיין פרוי ניט בעזעסען — איך רעד וועגען דער פיזישער בעזיצונג — ווייסטו דאס? איך וויים ניט, צי דו... העליא! כע, כע, העליא! דאס איז געוועז אן ארט מיסטישער פערהייראטה, וואס האט זיך אין מארך אנגעפאנגען. יא, אן ארט מארך עקסטאז... איך האב אויך בעמערקט אז ניט איין מאל ווערסטו אנטשלאפען און כאפסט זיך פלוצלינג אויף, ניט וויסענדיג זאגאר, אז דו ביזט געשלאפען.. דו, דו איינער וואלסט געווען אימשטאנד מיט דער גרעסטער רוהיגקיים צו דער'הרג'ענען א רייכע פרוי, נאר דו וואלסט פאר קיין זאך אין דער וועלט ניט דער־לאזט, אז א קאנאריק זאל פון הונגער פגר'ן.

גארדאן האט די ברעמען פערקנייטשט.

— נו, גענוג שוין דאס! עס וועט גענוג זיין מיט דעם שיכור'ען געשפרעך. איך זיץ שוין ביי א שטונדע און הער דאס אונזיניגע פלאפ־לעריי. איך זיץ גאנץ רוהיג, נאר עס וועט שוין זיין גענוג!

— גענוג דיר? טו געה צום טייפעל!

אסטאפ האט מיט'ן פויסט אן טיש א קלאפ געטהאן.

— און צו וואס זיצסטו דא? וואס נאך ווילסטו? יעצט וואלסטו מיך געקענט אין טורמע אריינפיהרען, ווען דו זאלסט וועלען... כע, הע!.. פרוביר נאר! א ראמאנטיק איז אימער איידעל, א ראמאנטיק וועט קיינמאל קיין שמוציגע טהאט ניט בעגעהן, און דו — קארל דער צוועלפטער, דער קעניג פון ניי־ציון, וואלסט געהאט צו מסר'ן א מענ־שען, דאס ער האט אן אונשולדיג קינד ערמארדעט! כע, כע, כע!... העראד האט טויזענדער מענשען גע'הרג'עט און ווערים האבען איהם אויפגעגעסען.

ער איז פלוצלינג צורודערט געווארען.

— דו דענקסט, אז מען דארף זיך דיזע ווערים אין א פערשטעל־טען זין ערקלערען? איבריגענס, וויל איך דיך לענגער ניט פערהאל־טען....

ער האט זיך אויף דער זאפע אוועקגעלייגט און האט אנגעהויבען אין באלקען זיך איינצוקוקען.

— פסיכאלאגיע — איז פון דעסטוועגען די נארישסטע זאך אויף דער וועלט. נו, יא... ער האט זיך ווייטער אויפגעזעצט — יעצט קענען

מיר וויעדער רעדען געלאסען. אלזא, צו דער זאך, ניט אמת?
ער איז פלוצלינג געווארען ערנסט און קאלטבלוטיג.

— די פראקלאמאציע האט ווראנסקי געשריבען?

— יא.

— זי איז זעהר גוט.

— יא, זי איז זעהר גוט. — גארדאן האט זיך פערטראכט און האט מיט דער האנד איבער די האר א פיהר געטהאן.

— ווער־זשע פערשפרייט זי?

— אקאנעק.

— דער, וואס האט זיך לעצטעס יאהר געוואלט דעם האלז אי־בערשניידען?

— יא.

— דו האסט אויך איהם אריינגעשלעפט? — אסטאפ האט מיט בעוואונדערונג אויף גארדאן'ען א קוק געטהאן. מיין גליקווינשונג! מאנכעס מאל ביזטו ווירקליך ווערטה, מען זאל דיך בעוואונדערען. איך האב איהם געזעהן דאס לעצטע יאהר, ער איז שרעקליך שיכור געווען: עס שיינט מיר, אז ער האט שוין דאס ווייסע פיבער געהאט און ער האט דאמאלס געשריען: איך בין—איך... איך האב באלד געטראכט, אז דו וואלסט געקאנט פון איהם עפעס מאכען... אבער דו ווייסט, מיך אינטערעסירט דאס אין אלגעמיין גאנץ ווינציג. פערשטעהסט מיך: איך בין בלויז א דילעטאנט — בלויז א ליעבהאבער פון קונסט...

ער האט דאס פלעשעל ביז צום דעק אויסגעטרונקען און האט זיך פלוצלינג מיט דער האנד אן שטערען א קלאפ געטהאן. ער איז אויסער־געוועהנליך אויפגערעגט געווען.

— זאג מיר, גארדאן — האט ער זיך נעהנטער צו איהם צוגערוקט און בייז א שמייכעל געטהאן — זאג מיר, צי זייגען אקאנעק און סאַ־בעק ניט צופעליג איינע און דיזעלבע פערזאן? דו ווייסט, יענער בע־וואוסטער סאבעק, וואס האט לעצטעס יאהר דיין שפייכלער פער־ברענט? דער בעריהמטער סאבעק, וואס האט דיין וואלד־וועכטער דערשאסען? כא, כא, כא... מיך האט די זאך זעהר אינטערעסירט, איך האב ערפאהרען, אז סאבעק איז אין יענער צייט געווען קראנק און אונפעהיג עפעס צו טהאן... עס האט מיר אימער אויסגעזעהען פערדעכ־

טיג, וואס סאבעק האט זיך יענע טהאט ערלויבט... בע, בע, בע... ווי דאס פנים ציטערט דיר יעצט, ווי מאדנע דו קוקסט אויף מיר...

אסטאפ האט זיך נאך נעהענטער צו איהם צוגערוקט.

— ציי האסטו ניט צופעליג א טעות אין זייער פערזענליכקייט ? הא ?

גארדאן האט זיך שטיל צולאכט.

— דו האסט געטראפען — האט ער פלוצלינג א זאג געטהאן. — אקאנעק האט דעם וואלד־וועכטער ערמארדעט. סאבעק איז מיט צוויי טעג שפעטער געשטארבען. קיינער ווייסט וועגען דעם ניט און וועט קיינמאל דערפון ניט וויסען. אזוי גיך ווי איינער שטארבט, קען מען אליץ צו זיין רעכענונג צושרייבען. נאר אקאנעק איז געווען מיין שקלאף, מיין הונט — און דאס האט א גרויסע בעדייטונג. איבעריגענס, איז עס זעהר וויכטיג, אז אליץ, וואס קען יעצט פאסירען, זאל אויף סאבעק'ן צוגעשריבען ווערען.

אסטאפ האט מיט א שטייגענדע בעוואונדערונג אויף גארדאן'ען געקוקט.

— קיינמאל האסטו נאך אזוי אפען מיט מיר ניט גערעדט. וואס מיינסטו מיט דיין אפענהערציגקייט ?

— עס האט קיין ציעל. נאר איך דענק, אז יעצט קען איך שוין רעדען אפען. פערשטעהסט, וואס דיזער י ע צ ט בעדייטעט ?

אסטאפ האט מיט פעראכטונג אויף איהם א קוק געטהאן.

— און יעצט, הייסט עס, וועט דער טוידטער סאבעק שניטלער'ס פאבריק אונטערצינדען ?

אסטאפ האט זיך צולאכט מיט א הייזעריג קול.

גארדאן איז מיט אמאל בלייך געווארען און האט קיין ווארט ניט געענטפערט.

— וואס ? דיין פלאן איז ניט אזוי ? וואס ביזטו אזוי אויפגערעגט? ווארום ענטפערסטו מיר ניט ? צו בעציהט זיך שוין ניט דיין אפענהערציגקייט אויף דיזען פלאן ?

גארדאן האט מיט פעראכטונג א שמייכעל געטהאן.

— אום גאטעס ווילען, גארדאן, וואס פאר א נאאיוו קינד דו ביזט. הרג'ענען און אונטערצינדען קען זיך יעדער פויער ערלויבען.

איז דיר נאָך ניט געקומען אויפ'ן געדאנק צו פערשפּרייטען מיקראָ־בען פון כאָלעריע און טיפוס? נאָך ניט? אט דאָס מיטעל איז „פּין דע סיקלע", א ווירקליך אויסגעפיינט מיטעל. אין משך פון איין וואָך וועט די כאָלעריע אויסמאָרדען א גאַנצען פּראָווינץ.

ער האָט געמורמעלט, נאָר פּלוצלינג האָט ער מיט'ן פוס א קלאַפּ געטהאָן, די ליפּען האָבען זיך ביי איהם מיט א שווידערהאַפטען שמייכעל פערצויגען, ער האָט מיט'ן גאַנצען קערפּער געציטערט.

גאַרדאַן האָט זיך אויפגעהויבען. זיי האָבען זיך א ווײלע איינער דעם צווייטען אַנגעקוקט.

— שטן! — האָט אַסטאַפּ א געשריי געטהאָן.

— איך וועל דיך דערשיסען, ווי א הונט אויף דער גאַס, אין מיטען העלען טאָג, אויב דו וועסט וואַגען זאָגאר א וואָרט ארויסצו־רעדען.

ביי גאַרדאַן'ען אויף די ליפּען איז שוים ארויסגעקומען.

און עס האָט אויסגעזעהן, אז זיי וועלען באַלד מיט א ווילדקייט איינער אויף דעם צווייטען זיך וואַרפען.

אַסטאַפּ'ס הענד האָבען שווידערהאַפט געציטערט.

גאַרדאַן האָט דער ערשטער זיך בעהערשט און איז ארויסגעגאַנ־גען, ניט רעדענדיג קיין וואָרט.

9.

דער פראַנט־טויער איז פאַרמאַכט געווען. גאַרדאַן האָט דאַרום
געמוזט געהן מיט דער סטעזשקע, אום אַרויסצוגעהן אויפ'ן וועג, וואָס
פיהרט פון גרויסען גאַרטען.

ער איז נאָך פון דעסטוועגען קיין הונדערט טריט ניט אַבגעגאַנגען,
ווי אַסטאַפ האָט איהם דעריאָגט א פערמאַטערטער, א פערסאַפּעטער,
און האָט איהם קאַנוואולסיוו פאַר די הענד אָנגעכאַפּט.

— נעה ניט אוועק, אום גאָטעס ווילען! בלייב מיט מיר! עס איז
עפּעס דאָ א מאַכט אין דיר. נעבען דיר בין איך רוהיג; נאָר פון דיין
מאַכט קען איך לעבען שעפּען. איך בין אַזוי שוואַך, דו קענסט מיר
אַלס שטיצע דיענען. עס פערפאָלגט מיך א שרעק, און נאָר דו איינער
פערטרייבסט זי. קעהר זיך אום, קום מיט מיר, איך וועל גנב'ענען,
הרג'ענען, ראַבעווען, גאַנצע פראָווינצען מיט מיקראָבען אָנשטעקען...

ער האָט ווייטער ניט געקענט רעדען. ער האָט בלויז אונזיניג די־
זעלבע ווערטער איבערגע'חזר'ט.

גאַרדאַן האָט אויף איהם א קוק געטהאָן. אַסטאַפּ איז געווען פער־
ענדערט, ניט צום דערקענען. זיין געזיכט האָט זיך מיט קאַנוואולסיווע
קרעמפּפען צוזאַמענגעצויגען, די ליפּען האָבען פיבערהאַפּט געציטערט.

— ניין: איך וויל ניט! — האָט גאַרדאַן אַם ענדע געזאָגט. —
איך האָב זיך שוין גענוג דאָס פלאַפּלעריי אָנגעהערט. דו שטרענגסט
זיך אָן, אום מיך וואָס מעהר אָנגרייפבאַר צו בעליידיגען.

— ניין, ניין! — אַסטאַפּ האָט די הענד פערבראָכען. — איך
וויל דיך ניט בעליידיגען, נאָר דו ביזט פאַר מיר אַלעקסאַנדער דער
גרויסער, בייראָן, קאַרל דער צוועלפטער.

גאַרדאַן האָט זיך ניט גערן אויסגעדרעהט און געוואָלט געהן וויי־
טער. אַסטאַפּ האָט איהם מיט כח פערהאַלטען.

— נעה ניט אוועק! עס וועט דיר באַנג טהאָן. עס זידט אין מיר
א שטורם פון שרעק, א שטורם, פערשטעהסט... חע, חע. האָסטו גע־
זעהן אַמאָל א לופט־שטורעם? הייזער, בוימער, גאַנצע דערפער ווע־

רעז, ווי שטיקלעך שטרוי, פון דער ערד־אויבערפלעכע פערשוואונדען.
עס וועט דיר באנג טהאן... אויסער דעם האב איך אויף יעדען פאל
גענומען מיט זיך...

ער האט גארדאן'ען א רעוואלווער געוויזען. נאר זיין האנד האט
אזוי שטארק געציטערט, אז ער האט איהם שיעור ניט אראבגעווארפען.

דריי מאנאט האב איך געטרונקען, געטרונקען אהן אן אויפהער.
און דו ווייסט, אז טרינקען קען איך.

גארדאן האט זיך לאנג איינגעקוקט אין אסטאפ'ן און שווייגענדיג
האט ער זיך צוזאמען מיט איהם צו הוט'ן געלאזט. ווען זיי האבען זיך
ווידער אין צימער אוועקגעזעצט, האט גארדאן אין גאנצען א נייע ענ־
דערונג אויף אסטאפ'ס געזיכט בעמערקט.

זי האט אויסגעדריקט אן אונבעגרענצטע, הינטישע אונטערטהע־
ניגקייט. די אויגען האבען פיעבערהאפט געברענט, ווארפענדיג פונקען
ארום זיך.

— וואס ווילסטו? פיעלייכט וויין? זעה, איך האב נאך דא דריי
פלעשער. און פיעלייכט קאשיא'ן אריינרופען? זי וועט א גאנצע נאכט
זינגען, אויב דו וועסט דאס פערלאנגען... זי האט דיך ליעב: זי האט
מיר אמאל געזאגט, אז זי וואלט דריי יאהר פון איהר לעבען אבגעגעבען
פאר איין איינציגער נאכט מיט דיר פערברענגען...

לאז שוין מיך צורוה מיט די פלאפלעריי!

גארדאן האט זיך אונגעדולדיג אויף דער שטוהל געשאקעלט.

אסטאפ האט לאנג אויף איהם געקוקט און פלוצלינג מיט א ספאז־
מאטיש געלעכטער ארויסגעפלאצט.

גארדאן האט מיט די פינגער אויפ'ן טיש געפויקט.

אסטאפ האט זיך מיט אמאל בערוהיגט און מיט אן אנגעשטרענג־
טער נייגיעריגקייט איהם גלייך אין די אויגען אריינגעקוקט.

— זאג מיר, גארדאן, גאנץ ערנסט: ווארום בעהאלטסטו אזוי
קליינליך דיינע סודות? איך קען דאך דיר בעהילפיג זיין אין פיעלע
זאכען... אלזא, זאג מיר, האסטו ווירקליך געדענקט אויפצורייצען די
פאבריק־ארבייטער און מיט זייער הילף די שטאדט אויפרודערען.

— ניין.

— ווירקליך ניט? אבער דאס איז וואונדערבאר. איך פערשטעה

דיך ניט. דאס איז דאך א געדאנק. וואס לעגט זיך גלייך אויפ'ן שכל. אויב מען בעקלעהרט נאר לאגיש דעם גאנצען פלאן! וואונדערבאר! אבער דו האסט דאך געטראכט וועגען דעם, אז די ארבייטער זאלען זייערע פערדיענסטען פערלירען...

— ווער האט דיר ווירקליך געזאגט, אז איך דענק אין אלגעמיין די פאבריק אונטערצוציינדען? אפילו אין חלום איז מיר דיזער געדאנק אין קאפ ניט אריינגעקומען.

אסטאפ האט געקוקט אויף איהם מיט אן אונבעשרייבליכע פערוואונדערונג.

— דו האסט ניט געדענקט וועגען דעם? אבער דאס איז דאך די וויכטיגסטע זאך. וואס ועסטו ערדייכען מיט אזא קליינער סומע געלד? און וואס קענען מיר אין אלגעמיין אויף אזא אופן פערווירקליכען? אם העכסטען, וואס מיר קענען בעקומען איז א פופציג טויזענד מארק. און די הויפט־זאך איז דאך אויפצופלאקערען אן אונגעהייער פלאמענדען אויפשטאנד, צו בעקענען מיט איהם די ארבייטער, צו ארגאניזירען אומעטום קליינע אבטהיילונגען פון דער בעוועגונג, צו ראבעווען די קראמען... יא, פריהער פון אלץ דארף מען פערניכטען די עהרע פאר פריוואט אייגענטהום, לערנען דאס פאלק, אז עס האט אליין רעכט צו נעהמען זיך אלץ, ניט ווארטענדיג ביז די רעגיערונג וועט זיי פערלייכטערונגען מאכען... חע, חע, דו ביזט א טרוימער, א פאנטאזיאר. דיין טעאריע איז שעהן, פראכטפול — קיינמאל איז נאך פון קאטעלעני'ס צייטען אן ניט איינגעפאלען קיינעם קיין בעסערער געדאנק, א גע־דאנק — צוזאמענצוקלייבען ארום זיך דעם טייפעל'ס קינדער, אום מיט זייער הילף צו פערווירקליכען די טהאט פון פערניכטונג. אבער די הויפט־זאך, די גרונד זאך איז, פריהער פון אלץ צו ערציהען ערשט מיליאנען מענשען פאר דעם שטן'ס קינדער, און וועגען דעם האסטו שניטלער'ס פאבריק! דו וועסט אויף אזא אופן ביי טויזענדער ארבייטער דאס ברויט אבנעהמען. וואו וועט אימיצער יעצט, ווינטערצייט, ארבייט בעקומען? ניט די רעגיערונג, ניט די שטאדט וועלען ביי דעם בעסטען ווילען זיין אימשטאנד אזא גרויסע צאהל ארבייטער צו בעשעפטיגען. טויזענדער ארבייטער, טויזענדער ארבייטער אהן ברויט!..

אַסטאַפּ האָט זיך פֿערהיקעט: זיינע אויגען האָבען, ווי צופּלאַקער־טע קויהלען, געפֿינקעלט; אויף זיין געזיכט האָט זיך בעוויזען אַן אויס־דרוק פֿון פֿאַנאַטישען טריאומף.

— טויזענדער אַרבייטער אַהן ברויט! דאָס הייסט, הונדערטע וועלען פֿון הונגער שטאַרבען, הונדערטע וועלען ווערען בעטלער און שלעפּער, אָבער דאָס איז נאָך גאָר נים! הונדערטע וועלען זיך נעהמען פֿאַר גנבה און מערדעריי... פֿערשטעהסט! יעצט פֿאַנגט די זאַך אָן צו ווערען אינטערעסאַנט. אַ גרויסע טהייל פֿון די פֿרויען וועט זיך איי־בערגעבען צו פּראָסטיטוציע און וועט טויזענדער מענער מיט וועגערי־שע קראַנקהייטען אַנשטעקען... און אַלע — אַלע וועלען זיך צו דער מאַכט פֿון טייפעל איבערגעבען. מענשען גיבען זיך אימער איבער צו דער מאַכט פֿון טייפעל, ווען מען נעהמט ביי זיי צו די מעגליכקייט צו פֿערדיענען.

גאַרדאַן איז געזעסען פֿאַרטראַכט.

— איך האָב ווירקליך קיינמאָל וועגען דעם נים געטראַכט. איך וויל זיך נים בענוצען מיט'ן המון, אום מיין ציעל צו ערדייכען.

— אַהאַ! אַהאַ! אַט וואו אונזער קאַנאַריק איז! יאַ, דאַ האָבען מיר איהם!

אַסטאַפּ האָט זיך געמאַכט, דאָס כלומר'שט עס שטיקט איהם אַ הוסט.

— דער ראָמאַנטיזם שווימט אַרויף פֿון אויבען. דו ביזט עהנליך צו פֿוריע אָדער באַביעף. דו בעציהסט זיך מיט רחמנות און מיטגע־פֿיהל צו די אונטערדריקטע... חאַ, חאַ, חאַ! דו ליידסט צוזאַמען מיט זיי! יאַ, דאַ ליגט אונזער קאַנאַריק בעהאַלטען!

— ניט וועגען רחמנות, ניט וועגען מיטגעפֿיהל רעדט זיך דאַ. עס שטימט נים בלויז מיט מיינע פּלענער. און אויסער דעם, קומט אַרויס וועניג נוצען פֿון אַזאַ אַגיטאַציע, ווייל דאַ זיינען פֿאַראַן וועניג אַרביי־טער.

אַסטאַפּ האָט אַ שאַרפֿען און דורכדרינגענדען בליק אויף גאַר־דאַן'ען געוואָרפֿען.

— דערפֿאַר טאַקי איז מיין פּלאַן גוט. דיינע פּלענער זיינען צו

גראנדיעז, צו ברייט. דו שטיצט זיך אימער אויף פאנטאסמאגאריען, דו בויסט דיינע פלענער אויף טויזענדער, אויף מיליאנען. און דאס איז ווירקליך אידעאלאגיע — מיט דעם עראינערסטו טאקע קארל דעם צוועלפטען... דו בענוצט זיך דאך מיט אקאנעק'ן; און דאס גאנצע פאלק איז אויך אזא נארישער אקאנעק, וועלכען מען קען פיהרען, ווי עס געפעלט.

אסטאפ האט פלוצלינג א שטארקע פארמאטערטקייט דערפיהלט. זיין גאנצע היץ איז מיט אמאל אויסגעלאשען געווארען. ער האט זיך אויף דער זאפע אוועקגעלעגט און האט מיט א גלייכגילטיגען, צושטריי־טען בליק אין דער ווייטקייט געקוקט.

— דו ביזט אין אלגעמיין קראנק — האט ער אם ענדע א זאג געטהאן. — דו הערסט, ווי דאס גראז וואקסט, דו האסט גיגאנטישע פלענער, נאר דו פעראייניגסט זיי מיט דער אונערפאהרונג פון א קינד.

— פילייכט וואלסטו דאך אויפגעהערט מיט מיין פערזאן זיך צו פערנעהמען?

נארדאן איז שטארק אויפגערעגט געווען.

אסטאפ האט זיך פון דער זאפע אויפגעהויבען און האט אויף איהם מיט א בייזען שמייכעל געקוקט.

— און דו האסט ווירקליך ניט געטראכט וועגען דער ערציהונג פון נייע דורות פון מיקראבען? האסטו ווירקליך ניט געטראכט?... נו, נו, לאז מיך צורוה! געה אהיים! געה! געה! איך וועל באלד קא־שיא'ס מיידעלשע חלומות צושטערען. געה, געה און פערגעס ניט דאס, וואס איך האב דיר געזאגט! חע, חע, איך בין גרייט פאר דיין גע־פעלינקייט. איך וועל איינארדענען, מען זאל פאר דיר מיט פאקעל־ליכט מארשירען, אזוי גיך, ווי די פאבריק וועט אבגעברענט ווערען — עס וועט זיין א מארש מיט פאקעל־ליכט, מיט רויב, מיט מארד און מיט אלץ, וואס עס פאסט זיך צו דעם, אום צו בעעהרען די פלענער פון קארל דעם צוועלפטען. אבער פערגעסט ניט, אז דו ביזט א קראנקער מענש. זאלסט זיך אליין ניט צופיעל אנפערטרויען. דו האסט פראכט־פולע אידעען, ווי, צום ביישפיעל, יענע, אז דעם שטן'ס אלע קינדער דארפען ניט קענען איינער דעם צווייטען, נאר זיי דארפען פון דעם זעל־

בען אנפיהרענדען גערדאנק בעאיינפלוסט זיין, אדער, מיט אנדערע ווערטער, זיי דארפען האבען אן אנדרייטענדען אבמאך, וואס זאל האבען צווייגען אויף דער גאנצער וועלט. דאס אלץ איז זעהר געהיימניספול, זעהר פסיכאלאגיש, נאר דו ביזט צו געאיילינג און דו שענקסט ניט קיין אויפמערקזאמקייט אויף סאמע געוועהנליכע זאכען... די סאמע געוועהנליכע, די איידעלסטע, די פראכטפולסטע לייזונג פון דער סאציאלער פראגע איז: פערשפרייטען מיקראבען פון חאלערע און טיפוס.

גארדאן האט לאנג אויף איהם געקוקט און האט איראניש א שמייכעל געטהאן.

— פון וואס לאכסטו? פון וואס? — האט זיך אסטאפ אווארף געטהאן.

— הער, אסטאפ, דיזער אבענד וועט פאר מיר א גוטער מוסר זיין. איך האב דיך הייגט דערקענט בעסער, ווי פאר די לעצטע צוועלף יאהר. הער נאר! דעם פלאן, אונטערצוציגדען די פאבריק און אוועקצונעהמען ביי די ארבייטער דאס ברויט האסטו דאך אויסגעטראכט נאר דערפאר, אום מיין געוויסען מיט פערברעכענס שווער צו מאכען? הא?

— צום טייוועל, ווי איבערגעשפיצט דו ביזט! איך האב דאך דיר געזאגט, אז דו הערסט, ווי דאס גראז וואקסט.

גארדאן איז פלוצלינג ערנסט געווארען.

— איבריגענס, האסטו דיזע אידעע ביי מיר גענומען, אדער גיכער פון די בראשורען, וואס דו האסט די לעצטע צייט געלעזען.

אסטאפ איז צורודערט געווארען.

— אלזא, ביסטו ווירקליך אליין אויף דעם גערדאנק געקומען? פריהער, איידער איך האב דיר געזאגט.

— יא, פריהער! דער פלאן איז ביי מיר בעשאפען געווארען נאך אין לאנדאן און איך האב איהם בעטראכט ביז די קלענסטע דעטאלען. איך האב דיר רוהיג אויסגעהערט, ווייל איך בין געווען נייגיעריג, אויב דו וועסט ניט זאגען עטוואס נייעס, ווענען וואס איך האב צופעליג פערגעסען... בלייב געזונד! מארגען זעקס א זייגער נאך מיטאג זיי צו הויז. הארטמאן וועט דיך בעזוכען.

— ווער?

— הארטמאן! דער אינזשעניער פון שניטלער׳ס פאבריק... חע, דו זעהסט, איך האב שוין ניט קיין סודות פאר דיר...

אסטאפּ איז שווייגענדיג איבער׳ן צימער ארומגעגאנגען.

— יא, גארדאן.... — ער האט זיך נעבען גארדאן׳ען אבגעשטעלט. — דו ביזט דער גרעסטער מערדער, וועלכען איך האב ווען עס איז געזעהען. דו ביזט אזא גרויסער מערדער, אז דו ביזט שוין זאגאר קיין אויסוואורף ניט... יעצט בעגרייף איך, ווארום איך פיהל זיך אזוי שטארק נעבען דיר: אין דיינע פערברעכענס פערשווינדען אלע אנדערע אהן א שפור... נאר דו זאגסט ליגען, דו זאגסט ליגען, און דעם גע־דאנק — אונטערצוצינדען די פאבריק, אוועקצונעהמען ביי די ארבייטער דאס ברויט און נויטען זיי דורך דעם די שטאדט צו בעראבעווען. דאס אלץ האסטו פון מיר צום ערשטען מאל געהערט. דו ביזט געווען פערוואונדערט, דו האסט קיינמאל ניט געטראכט וועגען דעם. מארגען, איבערמארגען וועסטו דעם פּלאן דורכפיהרען, אבער די אידעע איז מ י י נ ע. פערשטעהסט? מ י י נ ע ! זיי זיך מודה! — האט ער ווי א משוגענער געשריען.

— דו האסט מיינע אידעען גע׳גנב׳עט! דו האסט זיי שטענדיג ביי מיר גענומען! און איך, לעבערליכער נאר, האב געמוזט דיין דיענער זיין!

ער האט זיך אין גאנצען פערגעסען, ער האט געשריען אויפ׳ן קול און האט וואהנזיניג מיט דער פויסט אַן טיש געקלאפּט.

גארדאן האט מיט פעראכטונג אויף איהם א קוק געטהאן, האט זיך צולאכט כמעט פרעהליך און איז ארויסגעגאנגען.

נאר ער איז קוים אויף דער שוועל געווען, ווי אסטאפּ האט איהם א גאנצע פלאש נאכגעווארפען. דאך האט ער שוין ניט געפיהלט קיין מאכט אין די הענד, דארום איז די פלאש געפלויגען צו הויך און האט זיך אַן דער וואנד צובראכען.

10.

אין דרויסען האָט גערעגענט. גאַרדאַן איז זעהר צופריעדען גע־וועזען. דיזער פערפלוכטער שנעע האָט איהם אזוי פיעל זאָרג פערשאַפט. אבער יעצט וועט ער שוין גיך צוגעהן. אין צוויי טעג...

ער האָט אויפ'ן זייגער א קוק געטהאָן. עס איז באַלד פיער געוועזן. ער האָט נאָך געקענט צו הארטמאַן'ען געהן. אבער ניין! באַטקאַ האָט דאָס געדאַרפט פערזאָרגען. און אויסער דעם, איז ער זעהר פערמאַטערט געוועזן.

ער איז בעגאַנגען, ניט טראַכטענדיג וועגען גאָר ניט, כמעט אוי־טאָמאַטיש, ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאַמקייט אויפ'ן רעגען. ער איז גיך צום הויז צוגעגאַנגען און, אריינקומענדיג אין צימער, האָט ער זיך מיט א טויטער מיעדקייט אוועקגעלעגט אויפ'ן בעט, ניט אויסגע־טהאָן, און איז גלייך אנטשלאָפען געוואָרען. נאָר אין א שטונדע ארום האָט ער זיך שוין אויפגעכאַפּט און, דורכגעהענדיג אייניגע צימערן, איז ער אין קליינעם קאַבינעט געקומען.

— באַטקאַ!

קיין ענטפער.

גאַרדאַן האָט פייער אָנגעצונדען.

באַטקאַ איז געשלאָפען.

גאַרדאַן איז געשטאַנען איבער איהם א לאַנגע צייט, ביז ער האָט איהם אויפגעוועקט.

— מען וואָלט ביי דיר אונטער'ן אויער געמעגט מיט קאַנאָנען־שיסען, וואָלסטו נאָך אלץ רוהיג געשלאָפען.

— איך בין צוריקגעקומען ערשט מיט צוויי שטונדען צוריק. איך בין אזוי שרעקליך מיעד.

— נו?

— איך בין אומעטום געוועזן.

— און?

— און ? ווארט א ביסעל. איך מוז זיך אויפהויבען. אז ניט, וועל איך ווייטער אנשלאפען ווערען.

— מיר מוזען זיך צושיילען. דיזער ווראנסקי קען ניך שטארבען. ער ליידט אפילו פון פיבער, נאר דאס שאדט ניט: אין גענענטהייל, עס שאפט דעם נויטיגען פאנאטיזם. אלזא, דו זעהסט, גארדאן, יעצט דארפסטו ניט מעהר אבלייגען. ווראנסקי איז פאר אונז וויכטיג, ווייל דאס גאנצע ראטה־הויז מוז אבגעברענט ווערען, אויב ניט, וועט מען נאך אונזערע שפורען געפינען.

— יא, יא, דאס איז וויכטיגער פון אלץ.

— נאכהער בין איך ביי הארטמאן'ען געוועזן. — באטסקא האט גערעדט מיט א לעבהאפטער שטימע און האט א פאפיראס פעררויכערט. — דיזער מענש איז זיכער. איך קען זיי, דיזע אידעאלאגען. אויב עס קומט אויס, וועלען זיי ערמארדען א מענשען מיט דער זעלבער רוהיגקייט, ווי מען בייט אוים געלד... זיי ווייסען ניט פון געוויסענביסע, זיי ווייסען ניט פון שרעק.

גארדאן האט א פערטראכטער אויף דער ערד געקוקט.

— די וויכטיגסטע זאך איז, אז דאס ראטה־הויז זאל אבגעברענט ווערען ביז'ן גרונד — האט ער פערטראכט א זאג געטהאן — אין אלגעמיין איז דאס א זעלטען גוט מיטעל פאר רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע. אין משך פון א יאהר וועלען אבגעברענט ווערען אלע רעגירונגס־געביידעס אין דעם געגענד. ביז יעצט איז נאך קיין מענש אויף דעם געדאנק ניט געקומען. באקונין האט געוואלט פערברענען בלויז די געזעלשאפטליכע דאקומענטען. אבער איך וועל פערברענען די געזעלשאפטליכע געביידעס.

— ווענען נאך האסטו געזעהן ?

— איך האב לאנג מיט אקאנעק'ן געשמועסט. אלס אן ארבייטער איז ער זעהר אינטעליגענט. ער פערשטעהט זעלטען גוט זיין אויפגאבע. די ארבייטער־מאסע איז שרעקליך אויפגערעגט. דאס איז פיעל־וועניג זיכער: אזוי גיך ווי די פאבריק וועט אבגעברענט ווערען, וועט דער המון זיין גרייט צו טהאן כמעט אלץ. אין אלגעמיין פלאקערט אין זיי א געפיהל פון ראכע צום אייגענטהימער פון דער פאבריק — נו, ווי הייסט ער דארט ?

— שניטלער.

— יא, שניטלער. פון דיזען עהרליכען מענשען זיינען א העלפּט פון די פאבריק־מיידלאך שוואנגער געווארען. דאס איז א זעהר אנגע־נעהמער צוזאמענשטוים פון אומשטענדען... אקאנעק האט צוהילף נאך צוויי יונגע לייט. איינער, שיינט מיר, האט זאגאר א געוויסע בילדונג; ער איז דא ערשט א קורצע צייט. אקאנעק בעשטעטיגט, אז אין דרייען וועלען זיי אלץ קענען אבטהאן.

— האט אקאנעק די לעצטע פּראקלאמאציע בעקומען?

— ער פערשפּרייט זי מיט דער הילף פון ווראנסקי'ס שוועסטער־קינד.

באטקא האט א נייעם פּאפּיראס פערדרייכערט.

— ווי האלט עס ווירקליך די זאך מיט סאבעק'ן? — האט ער נייגיעריג א פרעג געטהאן.

— ער איז געשטארבען מיט צוויי טעג שפּעטער, ווי אקאנעק האט מיין וואלד־וועכטער דערשאסען. ער ליעגט אין טיעפען טראף־גרוב, וואס איז יעצט פערשאטען.

— אבער ווי אזוי איז דיר געלונגען זיין טויט צו בעהאלטען?

— דאס איז גאנץ שווער געוועזן.

— האסטו ווירקליך ניט געהאלפען משלח זיין איהם אויף יענער וועלט?

— ניין! ער איז געשטארבען פונקט אין דער רעכטער צייט און זיין טויט איז זעהר שנעל געקומען. ער איז אין גאנצען צוויי טעג קראנק געוועזן.

— אויף זיין געוויסען האט זיך שוין פון יענער צייט אן א שעהן ביסעל זינד אנגעקליבען! — האט באטקא גוטמוטהיג געשמייכעלט.

— א, יא, ער טהוט פאר מיר אלץ.

זיי האבען ביידע הערצליך געלאכט.

— עס איז פערשפּראכען טויזענד מארק אלס בעלוינונג פאר דעם, ווער עס וועט איהם כאפּען. — גאררא האט געלאכט, ווי א קינד. — מען זעהט איהם, פערשטעהט זיך, זעהר אפט. ערשט מיט דריי טעג צוריק האט איהם א פויער אין מיין וואלד געזעהן. ער שווערט, אז דאס איז סאבעק געוועזן, חא, חא, חא... איך האב איהם געהייסען ווער־

גען דעם דער פאליציי מיטטהיילען...

זיי האבען ווידער אנגעפאנגען צו לאכען. נאר פלוצלינג איז באטקא זעהר ערנסט געווארען.

— דו האסט ניט מורא פאר זיך? דענקסטו ניט, אז מען קען דיין שפור געפינען?

— ניין... ניין, איך דענק ניט. דיזע אלע מענשען וועל איך דאס מויל פערמאכען מיט וואסער־עס־איז־פערברעכען, וועגען וועלכען איך וויים... אם העכסטען קען מען מורא האבען פאר אקאנעק'ן. מען קען קיינמאל דיזע לייט ניט אנפערטרויען; אמת, ער איז גאנץ אינטעלי־גענט, אבער דאך קען ער פערראטהען, ווייל ער רעדט צופיעל און האט א מאל דאס ווייסע פיעבער געהאט.

זיי האבען א ווייל געשוויגען.

— און וואס איז מיט ווראנסקי'ן? — האט באטקא געפרעגט, פערקנייטשענדיג דעם שטערען — פון היץ קען ער אלץ אויסזאגען.

— דו דענקסט אזוי?

— אמת, ער האט איין זין צו פערברענגען זיך אין זומער־הויז. אבער איך גלויב דאס ניט: דאס איז ניט מעהר, ווי א מאמענטאנער, היס־טערישער אויסברוך.

גארדאן איז שטיל געווארען.

באטקא איז פלוצלינג צורודערט געווארען. ער איז אונרוהיג הין און צוריק איבער'ן צימער געגאנגען.

— ביזטו אם ענדע בעפריעדיגט? — האט גארדאן א פרעג געטהאן.

— זעהר גוט! אבער יעצט לאז מיך אליין, איך מוז נאך וועגען פיעלעס איבערטראכטען. וועק מיך אויף פריה.

דריטער טהייל:

די שהאט.

1.

דער בירגער־מייסטער איז שרעקליך אויפגערעגט געווען. ער איז אונמעכטיג איבער'ן צימער געלאפען, האט די פאפּיערען איבער־געווארפען: שוויים איז פון זיין שטערען גערונען.

גאראן האט זיך בעמיהט איהם צו בערוהיגען.

— אבער, פעטער, דו דארפסט ניט פערלירען דאס בעוואוסט־זיין. עס איז דאך לעכערליך, אז אזעלכע קלייניגקייטען זאלען דיך אזוי אויפרעגען.

— קלייניגקייטען! קלייניגקייטען! גאט, צי ביזטו משוגע גע־ווארען? דו רופסט דאס קלייניגקייטען? טראכט זיך נאר איבער, די פינפטע פראקלאמאציע אין דיזען מאנאט. די פינפטע! איינע גע־פעהרליכער פון דער צווייטער. דאס איז ביי אונז עפּעס אויסערגע־וועהנליך.

— דו דארפסט זיך דאצו צוגעוואוינען. אין אנדערע פּראווינ־צען בעציהט מען זיך דערצו גאנץ רוהיג. און דו קלעהרסט באלד וועגען רעוואלוציעס, מארד, צוטהיילונג פון אייגענטהום. ניין, ליעבער פעטער, עס איז גאר ניט אזוי שלעכט...

דער בירגערמייסטער האט געקוקט אויף איהם אונפערטרויליך.

— אלזא, דענקסטו, אז עס איז ווירקליך ניטא קיין געפאהר?

— געפאהר! אבער אום גאטעס ווילען! אויף אזא אופן וואלט מען גערארפט איין טורמע פערשפארען אם ווייניגסטען צוויי מיליאן סאציאליסטען, אנארכיסטען און ווי נאך מען רופט זיי דארטען. נאר מען טהוט עס ניט. די רעגיערונג קען דאס ניט טהאן. זי מוז אנער־קענען אלע פּאליטישע פּארטייען און יעדע פּאליטישע פּארטיי האט די פרייהייט פון אגיטאציע. אבער יעדענפאלס דארפסטו דערשטיקען אזא בעוועגונג באלד פון געבורט און ווירקען מיט דער מעגליכסטער שטרענגקייט...

— יא, ניט אמת?

— נאַטירליך! נאַר דו דאַרפסט האַנדלען אויף דיין אייגענער פעראַנטוואָרטליכקייט. ווענדען זיך נאָך הילף צו דער רעגיערונג — הייסט ניט מעהר, ווי אַרויסגעבען זיך אליין אַ דיפּלאָם פון אָרימ־קייט. און פאָדערען מיליטער צו הילף, וואָלט אַרויסגערופען אַ צוויי־פעל צו דיין בעשטאַנד. אין רעגיערונגס־קרייזען וואָלט מען בלויז גע־זאָגט, אַז דו ביזט ניט פעהיג גענוג זיך צו אָרענטירען. בעטראַכט זיך נאַר! מיליטער! דאָס הייסט דאָך איינפיהרען בעלאַגערונגס־צושטאַנד!

דער בירגער־מייסטער איז מיט אונזיכערע טריט איבער דעם צימער געגאַנגען.

— יאָ, יאָ. דו ביזט גערעכט. איך דענק זיך גאַר ניט צו כאַפּען פאַר די לעצטע מיטלען. אָבער איך קען זיך גאַר קיין עצה ניט גע־בען. שניטלער קומט צולויפען אַהער יעדען טאָג און פאָדערט שוץ, ווייל זיינע אַרבייטער זיינען שרעקליך אויפגערייצט. קוק! אָט איז ווייטער אַ בריעף פון איהם.

גאָרדאָן האָט מיט נייגיעריגקייט דעם בריעף דורכגעלעזען.

— נאָך מיין מיינונג, איז דאָס אַ געוויסענלאָזער בריעף. וואָס געהט דאָס דיך אָן? אויב שניטלער'ס אַרבייטער זיינען אויפגערייצט און אונצופריעדען, איז דאָס בלויז זיין אייגענע שולד. ער איז פּראָסט אַן אויסוואורף. יעדע מיידעל, וואָס געפעלט איהם, נעהמט ער אין קאָנטאָר אַריין און פערגוואַלטיגט זי. טו זאָל ער יעצט אליין איבער־צייגען די אַרבייטער, אַז אַלץ, וואָס ער טהוט, איז ניט איבערגעטראַ־טען די רעכטע פון יעדען אַרבייטס־געבער. ווען דו זאָלסט זיך מיט דער זאַך פערנעהמען, וואָלט דאָס נאָר מעהר אויפרעגונג אַרויסגערו־פען: דאָס וואָלט געהייסען, אַז דו ביזט מיט שניטלער'ן סאָלידאַריש.

דער בירגער־מייסטער האָט ברייט די אויגען געעפענט.

— אָט ווי די זאַך זעהט יעצט אויס! איך האָב אַ סך ווענען דעם געהערט, נאָר איך האָב עס ניט געוואָלט גלויבען.

גאָרדאָן איז אויפגערעגט געוואָרען.

— א י ה ם וואָלסטו געדאַרפט אין טורמע פערשפּאַרען. ער פערגיפטעט די גאַנצע שטאָדט. אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר און פערשאַפט דיר אַזוי פיעל זאָרג, איז דער רעזולטאַט פון שניטלער'ס אויסגעלאַ־סענהייט. ער איז דער אייגציגער, וואָס איז שולדיג אין דעם, וואָס

די אניטאציע האט װירקליך אזא פראכטפולען באדען געפונען.

— יא! דו ביזט טאקע גערעכט. איך װעל איהם געבען א גוטע לעקציע. דאס איז דאך אן אונפערשעהמטקײט, צו שרײבען מיר דראָ־הענדע בריעף.

— אויב ער װעט זיך דאס נאך אמאל װאגען, װעל איך ענטפערען אין דײן נאמען.

דער בירגער־מײסטער איז אין גאנצען צורודערט געװען.

— דו האסט געהײסען ארעסטירען די הױפט־שרײערס פון זײן פאבריק? — האט גארדאן אין א װײלע ארום געפרעגט.

— יא. פיעלײכט האב איך עס ניט געדארפט טאן?

— פערקעהרט. זעהר גוט. אבער יעצט דארפסטו זיך בענעהן פאר־זיכטיג, אויב ניט, קענסטו נאך די לאגע ערגער מאכען און דײן שטעלע פערלירען. קײן פערמעגען האסטו ניט, און איך װעל ניט שפעטער, װי אין א יאהר, מוזען באנקראטירען.

דער בירגערמײסטער איז אונרוהיג איבער דעם צימער געלאפען.

— יא, יא, דו ביזט גערעכט. װאס פאר א גליק, דאס איך האב דיך געבען זיך. בעטראכט זיך נאר, איך האב שוין געװאלט שרײבען קײן בערלין נאך עטליכע פעהיגע פאליטישע געהײם־אגענטען.

— דו װאלסט זיך דאס שעהן קאמפראמעטירט. װײסטו דעם ענטפער דערױף? דו װײסט? נײן? טו הער: אויב א בירגער־מײס־טער פון א שטאדט מיט צעהן טױזענד אײנװאױנער קען זיך אזױ אי־בערשרעקען פאר עטליכע פאליטישע פראקלאמאציעס, איז דאס א בע־װײז, אז ער איז אין גאנצען אונבעקאנט מיט די פאליטישע אומ־שטענדען פון אונזער צײט... דאס װאלט זיך געקענט זעהר שלעכט ענדיגען...

— יא, יא, יעצט פערשטעה איך גוט. איך קען איצט געװעליך ניט פערשטעהן, װאס איך האב זיך פריהער אזױ איבערגעשראקען: נאר דיזע שטענדיגע בריעף, דיזע אנאנימע בריעף...

גארדאן האט געלאכט.

— אום גאטעס װילען, װי נאאיװ דו ביזט, פעטער! דאס איז דאך די געװעהנליכסטע און נארישסטע טאקטיק אין דער װעלט. אנארכיסטען רופען דאס: ערװעקען שרעק. דו װײסט, פאר װאס אנאר־

ביסטען וואַרפען באַמבעס? נאָר דערפאַר, אום דאָס קליינבירגערטהום אין טשענדריגער טויט־שרעק צו האַלטען. דיזעס מיטעל — אַנצושרע־קען מיט בריעף — איז אַזוי פערשפרייט אין פראַנקרייך, אַז דאָרט שענקט קיינער דערויף קיין אויפמערקזאַמקייט ניט. דער פראַנצויזי־שער פּרעזידענט ערהאַלט טעגליך הונדערטער אַזעלכע בריעף, וואָס עס שטערט איהם פונדעסטוועגען ניט, צו געהן פריי איבער די גאַסען..

— יא, יא, איך ווייס... — דער בירגער־מייסטער, האָט אויסגע־זעהן, שעהמט זיך פאַר זיין אונוויסענהייט. — אָבער איך בין אַזוי נערוועז, איך קען ניט שלאָפען...

— צייג מיר נאָר דיזע בריעף. און ווי מיט אַ געפיהל פון פעראַכ־טונג, האָט גאַרדאַן מיט די פּלייצעס אַ הויב געטהאַן.

דער בירגער־מייסטער האָט איהם אַ גאַנץ פּעקעל בריעף דער־לאַנגט.

גאַרדאַן האָט זיי אויפמערקזאַם דורכגעקוקט, נאָר פּלוצלינג האָט ער דעם שטערען פערקנייטשט.

— וואונדערבאַר, וואונדערבאַר — האָט ער געזאָגט מיט אַ זעהר ערנסטען טאָן.

— וואָס איז וואונדערבאַר? — דעם בירגער־מייסטער האָט ווידער אַ שטאַרקע אונרוהיגקייט בעהערשט.

— דיזער בריעף... דו ווייסט, פונקט אַזעלכען האָב איך ערהאַל־טען מיט דריי מאָנאַט צוריק, ווען מיין שפּייכלער איז אָבגעברענט געוואָרען.

— יא, איך עראינער זיך.

— און יעצט ווילען זיי דאָס ראַטה־הויז אונטערצינדען.

— וואָס? וואָס זאָגסטו?

גאַרדאַן איז געזעסען פערקלעהרט און האָט זיך מיט'ן בריעף געשפּיעלט. פּלוצלינג איז ער אויפגעשפּרונגען, גלייך ווי עס וואָלט איהם אין קאָפּ אריין אַ גוטער געדאַנק געקומען.

— וואָס? וואָס זאָגסטו? — דער בירגער־מייסטער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען.

גאַרדאַן האָט זיך מיט דער האַנד אין שטערען אַ קלאַפּ געטהאַן, אַביסעל טהעאַטראַליש, ווי עס האָט זיך איהם אַליין אויסגערוכט.

— יעצט פערשטעה איך. א מאדנע זאך, ווי עס איז מיר פריי־חער גאר אויפ'ן געדאנק ניט געקומען. מיין וואלד־וועכטער, וועלכען מען האט לעצטעס יאהר דערשאסען, האט אויך געהערט צווישען אנאָ־נימע בריעף...

— אבער וואס, וואס?

— אלזא, קענסטו זיך נאך ניט אנשטויסען, ווער עס האט דיזע בריעף געשריבען?

— ניין!

— נאטירליך, סאבעק!

— אבער געסטערן האב איך בעקומען א נאכריכט, דאס ער איז די גרענעץ אריבער.

— אין אזא פאל איז ער קליגער פון אונז אלע. ער מאכט אונז גלויבען, אז ער איז אנטלאפען און אליין זיצט ער, פיעלייכט, ערגעץ דא, אין א לאך. מיין שפייכלער האט ער פערברענט, נעהמענדיג ראכע דערפאר, וואס איך האב איהם פער'מסר'ט צום געריכט, דאס ער איז א מערדער: יעצט וויל ער דאס ראטה־הויז אונטערצינדען, ווייל דער שטאדט־ראטה האט בעשטימט א בעלוינונג פון טויזענד מארק, אויב מען וועט איהם כאפען.

דער בירגער־מייסטער איז מיט אן אפען מויל געשטאנען.

— דאס שטימט אפילו. אבער ווארום בענאכריכטעט אונז דיזער לומפּ?

— דאס איז שוין זיין עזות'דיגע זיכערהייט. און אויסער דעם, האנדלען זיי אלע אזוי. עס איז ביי זיי, וואהרשיינליך, אן אלטער מנהג, נאך פון אונבעשטימטע צייטען.

— יא, מעגליך, יא...

נארדאן איז א פארטראכטערביים טיש געשטאנען.

— א לומפּ איז דרייסט. אבער דיזע דרייסטקייט איז אויס פער־צווייפלונג. דאס מאל וועט ער זיך פון אונז ניט אויסדרעהען.

ער איז פלוצלינג שטיל געווארען.

— הער, פעטער, אויב דיזער לומפּ שרייבט, אז ער וויל דאס ראטה־הויז אונטערצינדען, דענקט ער וואהרשיינליך וועגען מאנאסטיר.

— ווארום?

— ווייל דער שטאָרט־פּערוואַלטער וואוינט דאָרט און דער מאַ־נאַסטיר געפינט זיך הינטער דער שטאָדט.

— יא, אַזוי איז דאָס! פערשטעהט זיך! — דער בירגער־מייס־טער האָט זיך דעם שוויים פון שטערען אַבגעווישט. — יא, אַזוי איז דאָס ווירקליך! איך האָב ניט געקענט גלויבען, אַז איין מענש זאָל וואַגען... דאָס ראַטה־הויז געפינט זיך דאָך אין מיטען שטאָדט.

— ער האָט דיך, וואַהרשיינליך, געוואָלט אין צווייפעל פערפיה־רען. אָבער דאָס וועט זיך איהם ניט איינגעבען.

— ניין, ניין! איך וועל בעפעהלען, מען זאָל דעם מאַנאַסטיר הי־טען ביי־טאָג און ביי־נאַכט.

— אָבער האָסטו געגוג מענשען דאַרויף? דו מוזט דאָס גאַנצע מאַנאַסטיר אַרומרינגלען מיט אַזוי פיעל וועכטער, ווי נאָר מעגליך. און טאָקי באַלד, היינט נאָך. סאַבעק לייגט קיינמאָל ניט אָב.

— פערשטעהט זיך, באַלד!

— אָבער האָסטו געגוג פּאָליציי־לייט?

— איך וועל אַלע מיינע מענשען צוהילף נעהמען. דריי דיענער פון ראַטה־הויז, זעקס פּאָליציי־לייט, צוזאַמען ניין. דאָס וועט זיין גענוג.

— יא, דאָס וועט זיין גענוג. דו מוזט נאַטירליך, שטרענג בע־פעהלען, זיי זאָלען שוויינען, דאַרפסט זיי דאָס פאַרשטעלען אַלס אַ טיעפע רעגיערונגס־געהיימניס. אויב ניט, וועט זיך די שטאָדט בע־אונרוהיגען!

— געוויס, געוויס!

— יעצט איז דריי אַ זייגער. אַרום זיעבען בעפעהל זיי די פּלע־צער צו פערנעהמען. איך מוז יעצט אַוועקגעהן.

— יא, נאַרדאַן, קום צו מיר היינט אָבענד אויף אַ פּאַרטיע וויסט. נאַרדאַן האָט זיך פאַרטראַכט.

— מיט פערגעניגען.

— אָבער קום אַביסעל פריהער, פּיליי̈כט אַרום אַכט.

— גוט.

— און פערגעס ניט דיין גליק צו קאַרטען מיטצונעהמען.

— ניין, ניין, איך וועל ניט פערגעסען...

2.

גלייך ווי גארדאן איז אין קארידאר ארויסגעקומען, האט ער בע־געגענט דעם אלטען אסטאפ, טראגענדיג א פאק דאקומענטען אונטער'ן ארעם. ער איז געווען אזוי פערטראכט, דאס ער האט איהם אין גאנ־צען נים בעמערקט.

„דאכט זיך, אז ער צעהלט" — האט גארדאן געטראכט, שפירענ־דיג דערביי אן אונאנגענעהמען געפיהל. דאס הארץ האט ביי איהם שטארקער געקלאפט.

אויף דער גאס האט ער זיך ארומגעקוקט. אויף דער צווייטער זייט גאס איז באקטא מיט לאנגזאמע טריט געגאנגען.

דער טייפעל אליין וואלט איהם מיט דיזער בארד איצט נים דער־קענט.

גארדאן האט געשמייכעלט מיט צופרידענהייט.

זיי האבען זיך מיט פערבייגעהענדע בעמערקונגען איבערגעוואר־פען. גארדאן איז געגאנגען פארווערטס. באקטא האט איהם נאכגעקוקט אויף א געוויסער שטרעקע.

אין מיטען שטאדט איז א פארק געווען. גארדאן איז אהין אריינ־געגאנגען. דער אבענד איז צוגעפאלען. אין פארק איז קיינער נים גע־ווען. גארדאן איז דעם גאנצען פארק דורכגעגאנגען און האט זיך אומ־געקעהרט. אין מיטען וועג האט ער באטקא'ן בעגעגענט.

— עלף א זייגער קענסטו אנפאנגען פון דער פאבריק — האט גארדאן צו איהם געמורמעלט. — בעמיה זיך, דאס מען זאל דיך אין וואס א גרעסערער צאהל פלעצער זעהן. פריהער פון אלץ געה צו הוט'ן און טרינק קאשיא'ן אן. איהר קען מען אויסערגעוועהנליכע זאכען איינ־רעדען.

זיי זיינען זיך פארנאנדערגעגאנגען.

ווי גארדאן איז נאר פון פארק ארויסגעגאנגען, האט ער זיך מיט'ן יונגען גלח בעגעגענט.

ער האט ביי זיך אין הארצען א שמייכעל געטהאן.

— א! גוטהארציגער פאטער!

— גוטען אבענד, העדר גארדאן.

זיי האבען זיך די הענד געדריקט.

— האט איהר שוין געהערט, אז עס קאכט זיך ביי שניטלער'ן אויף דער פאבריק?

גארדאן האט אומעטיג מיט'ן קאפ געשאקעלט.

אין דעם איז שולדיג שניטלער אליין. ער בעהאנדעלט שלעכט די ארבייטער. און אויסער דעם דעמאראליזירט ער זיי. ער איז דער פאטער פון א העלפט אונגעזעצליכע קינדער, וועלכע מען ברענגט אייך צו בענשען. אזא מענשען וואלט מען געדארפט אין טורמע פערשפאַרען. זיין פאבריק איז געווארען א וואולקאן, וועלכער קען פּלאצען צו יעדער מינוט.

דער גלח האט מרה שחורה'דיג געקוקט פאר זיך.

— גאט'ס האנד איז דא! קיינמאל אין מיין לעבען האב איך נאך ניט געזעהן אזא גייסטיגע צופוילטקיים, ווי טאקע דא.

— יא, צום בעדויערען... גארדאן האט זיך געמאכט, דאס ער איז זעהר פערזארגט. — דאס פּראסטע פאלק נעהמט די שלעכטע ביישפּיעלע פון אויבען. עס געהט ניט פערביי קיין וואך, אז עס זאל אין דער געזעלשאפט עפּעס א סקאנדאל ניט פּארקומען. און, פערבייגעהענדיג: האט איהר די לעצטע פּראקלאמאציע געלעזען? איך האב זי ביי מיין פעטער געזעהן. עס איז אויפרעגענד! עס האט זי געשריבען אנטיקריסטוס אליין, ווייל נאר א געגנער פון קריסטוס קען אויפרייצען דאס פאלק צו געוואלדטהאטען אין נאמען פון גאט.

— יא, עס איז שלעכט — האט גארדאן געזאגט.

— יעצט וועל איך זיך ניט לאזען בעאיינפלוסען פון קיין שום מיינונג! — דער גלח האט מיט פאנאטיזם געברענט. — עפענטליך וועל איך פעראורטהיילען פון דער בימה דיזע נעסט פון אנשטעקונגס־גיפט, אין וועלכען דער שטן אליין פייערט זיין ארגיע. דא ארום איז — די גאלדענע יונגוואַרג.

ער איז שטיל געבליבען, די אויפרעגונג האט איהם מעהר ניט געלאזט רעדען.

— מיר וועלען זיך היינט, וואהרשיינליך, ביי מיין פעטער טרעפען? — האט גארדאן געפרעגט.

— יא, איך האב ווירקליך אן איינלאדונג בעקומען.

— אלזא, צום וויעדערזעהן.

זיי האבען זיך הערצליך די הענד געדריקט.

גארדאן איז ערנסט געווארען. עס איז איהם קאלט געווארען, און אונאנגענעהמער ווינד האט זיין געזיכט געשניטען.

„וואס פאר א גליק, דאס דער שנעע איז צוגאנגען"... האט ער זיך געטראכט.

יעצט האט ער געמוזט צו ווראנסקי'ן געהן.

א געפיהל פון שרעק און מיטלייד האט זיין נשמה אנגעפילט. נאר ער האט זיך ניט געלאזט בעהערשען.

ווראנסקי וועט דאך סיי־ווי־סיי שטארבען.

ער איז די גאנצע לענג פון מארק דורכגעגאנגען, ער האט זיך געפיהלט איינזאם און פערלאזען.

ער האט וועגען אסטאפ'ן געטראכט. ווארום האסט איהם אזוי שרעקליך דיזער מענש?

נאר דאס טראכטען אליין האט איהם א וועהטאג פארשאפט. ער האט מעכאניש צו העלא'ס פענסטער א קוק געטהאן.

ער האט אומעטיג געשמייכעלט.

ווען ער האט זיך אריינגעדרעהט אין געסיל, וואס האט צו ווראנסקי'ס הויז געפיהרט, האט ער א שרעקליכע משא דערפיהלט. ער איז אין גאנצען אזוי אונמעכטיג געוועזען; א געפיהל פון אונאויסדריקבארען אומעט האט זיך, ווי סם, אין יעדען נערוו זיינעם איינגעגעסען.

ער איז ארויפגעגאנגען און איז גלייך אין צימער אריין, ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער נאך זיין אנקלאפען.

ווראנסקי איז איהם אנטקעגען געקומען. זיין פנים האט זיך פערענדערט זייט יענער צייט, ווען גארדאן האט איהם דאס לעצטע מאל געזעהן. גארדאן האט זיך פערוואונדערט. ער האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, אז א געזיכט זאל אין משך פון עטליכע טעג קענען זיך אזוי פערענדערען.

ווראַנסקי האָט פונדעסטוועגן אויסגעזעהען צו זיין זיכער מיט זיך.

— אַלזאָ, וואָס, סטעפאַן?

גאַרדאַן האָט נייגיעריג געקוקט אויף איהם.

— וואָס?

— זיים איהר פערטיג?

— יאָ.

— אַלזאָ, היינט!

— היינט?

ווראַנסקי האָט זיך אומבעוואוסט אַבגערוקט און האָט אַ ציטער געטהאָן.

— היינט?! — האָט ער מיט אַ פערשטיקטער שטימע איבערגע־חזר'ט.

— יאָ, היינט. פיהלט איהר ניט גענוג קרעפטען אין זיך? — האָט גאַרדאַן געפרעגט און מיט אַ שמייכעל געקוקט אויף איהם.

ווראַנסקי איז מיט מיה געקומען צו זיך.

— יאָ. פערשטעהט זיך... אַבער עס איז געקומען אַזוי אומגע־ריכט... איך בין ניט געשלאָפען איינינגע נעכט... איך בין אַזוי נערוועז.

ער האָט זיך פערהוסט.

— אַלזאָ, היינט! — גאַרדאַן האָט גערעדט מיט אַ בעפעהלענדען במעט שטרענגען טאָן.

— צעהן אַ זייגער וועט איהר זיך לאָזען פאַרמאַכען און נאָכהער וואַרטען ביז איהר וועט אַ גלאָקען־קלאַנג הערען.

ווראַנסקי האָט ווי אַ בלאַט אַ ציטער געטהאָן. ער האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען, און ער וואָלט געוועזען אומגעפאַלען, ווען גאַר־דאַן זאָל איהם ניט געוועזען צוהאַלטען.

— האָט איהר מורא? — האָט גאַרדאַן געפרעגט מיט אַן אויס־דרוק פון גרעסטער פערוואונדערונג.

ווראַנסקי האָט ניט געענטפערט. ער האָט דאָס פנים מיט די הענד פערדעקט, נאָר די אַקסלען האָבען ביי איהם אַזוי געציטערט, דאָס עס האָט אויסגעזעהן, אַז זיין גאַנצער קערפער שאָקעלט זיך.

גאַרדאַן איז אונרוהיג געוואָרען.

— וואס איז מיט אייך? — האט ער מיט אן אויפגערעגטער שטימע געמורמעלט.

ווראנסקי איז אויפגעשפרונגען, האט זיך מיט בלאנדזשענדע אוי־גען ארומגעקוקט, נאכהער האט ער זיך א ווײלע אויף גארדאן'ען פער־טראכט. זײנע ליפען האבען שרעקליך געציטערט און זיך אויסגע־קרימט, נאר ער האט קײןווארט ניט געקענט אויסרעדען.

— איך קען ניט! — האט ער אין א ווײלע ארום מיט פיעל מיה ארויסגעזאגט.

גארדאן האט א ציטער געטהאן. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דער גאנצער פלאן זײנער איז צושטערט געווארען און האט איהם אונטער זײנע חורבות בעגראבען.

ער האט אויפמערקזאם אויף ווראנסקי'ן א קוק געטהאן.

— נו, אויב איהר דענקט, אז איהר האט ניט גענוג מוטה, טו...

— רייד ניט ווייטער! — האט ווראנסקי פלוצלינג א געשריי געטהאן. — רייד ניט!

— ענטשולדיגט, מײן ליעבער ווראנסקי, די זאך איז א צו ערנסטע...

ווראנסקי האט זיך פיעל מיה געגעבען, אום דאס שטארקע ציי־טערען צו בעהאלטען.

— א זעהר ערנסטע זאך! אויף איהר איז דער גאנצער פלאן גע־גרינדעט.

ווראנסקי איז א צוציטערטער איבער דעם צימער ארומגעלאפען.

—בערוהיגט זיך, ווערט ניט אזוי אויפגערעגט... און נאך אלעם, לאמיר דאס לאזען צורוה.

גארדאן האט זיך געקליבען אוועקצוגעהן.

ווראנסקי איז צו איהם צוגעשפרונגען.

— איך וועל טהאן! איך וועל דאס טהאן! רייד נאר מיט מיר... רייד... בלויז אין יענער מינוט, ווען איהר האט אזוי אונגעריכט ארויס־געזאגט: היינט!... בלויז דאמאלס האט זיך מיר געדוכט, אז א דונער האט אין מיר א קלאפ געטהאן. יעצט בעקום איך א קאנטראל איבער זיך... עס איז דא אין מיר עטוואס אנדערעס, וואס האט יענעם „ניין" געזאגט...

— ניין, ווראנסקי, איך האב נים קיין ציים. איך קען נים רעזי־סירען, אז אין דעם ענטשלאסענעם מאמענט זאל איך פון אייך ווייטער הערען: ניין!

ווראנסקי האט געשוויגען. א שרעקליכער כעס האט אין איהם געברענט. שוים איז ביי איהם אויף די ליפען ארויסגעקומען.

גארדאן האט געקוקט אויף איהם אונרוהיג און פערוואונדערט.

— אויב איך — איך... ווראנסקי'ס שטימע האט געציטערט אזוי, דאס עס איז זעהר שווער געווען איהם צו פערשטעהן — אויב איך זאג: איך וועל טהאן, טו — טו וועל איך טהאן!

גארדאן האט זיך ווייטער אוועקגעזעצט.

— הערט, סטעפאן, אויב איהר קענט דאס נים טהאן — גארדאן האט גערעדט זעהר פריינדליך — וועל איך עס אליין טהאן... ווערט נים אויפגערעגט. איך רעד צו אייך זעהר רוהיג. און איך וועל אויף אייך דערפאר געגצליך נים בייז זיין.

— גענוג! איך וועל טהאן!

פון ווראנסקי'ס אויגען זיינען פונקען געפלויגען.

— האט איהר טהעע, ווראנסקי? איך האב ציים ביז זיעבען, ביז האלב־אכט; איך וואלט מיט פערגעניגען געזעסען און געפלוידערט מיט אייך.

— ווילט איהר דאס? — ווראנסקי האט פריי אבגעאטהעמט.— דאס איז גוט, זעהר גוט. איהר זעהט, איך בין ווייטער געווארען דער זעלבער, ווי פריהער. איך פערשטעה פשוט נים דיזע פלוצלינגע שוואכ־קייט. איך בין אזוי לאנג נים געשלאפען, און פאליא איז אויך קראנק...

— פאליא איז קראנק?

— יא, זי האט זיך שטארק צוגעקיהלט, אבער עס איז נים גע־פעהרליך... מיר איז אויך בעסער... חע... חע.. וואהרשיינליך, ווייל ס'איז פראסטיג. די פייכטקייט דערה'הרג'עט מיך. אבער דאס איז נאַ־רישקייט. איך מוז דאך שטארבען, אזוי, צי אזוי.

גארדאן האט ליעבליך אויף איהם א קוק געטהאן.

— הערט, היינט וועט איהר נים איינער אליין ארבייטען... עס וועט געשעהן אזעלכעס, דאס אלע גלאקען וועלען קלינגען... נים ווייט הינטער דער שטאדט... אלע מענשען וועלען אהין לויפען... די גאנצע

שטאָרט....

װראַנסקי האָט געהערט. ער האָט מאָדנע לײַכטקײט געפּילט.

— און איך שװער, אַז עס װעט זאָגאַר אַ שאָטען פון פערדאַכט אויף אײַך ניט פאַלען... איך װעל אויף אײַך װאַרטען הינטער דער בריק.

װראַנסקי האָט געשפּירט אַ געפּיהל פון הערצליכער דאַנקבאַר־קײט. ער האָט גאַרדאַן׳ס הענד אָנגעכאַפּט און פעסט געדריקט זײ.

— האָט איהר ניט הײַנט קײן פיבער? — האָט גאַרדאַן גע־פרעגט — דו הוסט ניט אויך.

— נײן, נײן... איך האָב זעהר פיעל קרעאָזאָט בענוצט... איך האָב שוין קײן פיבער אויך ניט.... נײן, נײן... װראַנסקי האָט געשײנט פון פרײד.

— דאָס װעט אַן אילומינאַציע זײן. אָבער איך האָב אַזוי דעם מוטה פערלוירען. מיט עטליכע טעג צוריק האָב איך געמאַכט אַ פּראָ־בע... װעלכע האָט זיך ניט אײַנגעגעבען... אָבער דאַמאָלס האָב איך אַ שטאַרקען פיבער געהאַט. איהר האָט דאָך צוטרוי צו מיר?

— איך האָב אין אײַך, װראַנסקי, געצװײפעלט בלויז אַ װײַלע, אָבער איך האָב פערשטאַנען, אַז איהר אַלײן האָט זיך אויף דערפון קײן רעכענונג ניט אָבגעגעבען.

װראַנסקי איז אויסערגעװעהנליך אויפגערעגט געװאָרען. אַלע גליעדער זײנע האָבען געציטערט, גלײך זײ װאָלטען זעלבסטשטענדיגע אָרגאַניזמען געװען.

גאַרדאַן האָט אונרוהיג געקוקט אויף איהם.

— האָט איהר ניט אַ ביסעל קאָניאַק?

— איך האָב, איך האָב...

יעדער פון זײ האָט אַ פולע גלאָז אויסגעטרונקען.

װראַנסקי האָט זיך װײטער בערוהיגט.

— איך האָב אַלץ אַזוי אײַנגעאָרדענט, דאָס מען קען אײַך ניט כאַפּען — האָט גאַרדאַן געזאָגט. — עס קען בײַ אײַך אַפילו אַ האָר פון קאָפּ ניט פאַלען.

— גוט, גוט... אָבער װאַרט אויף מיר! איך מוז אײַער אַנװעז־זענהײט פיהלען... איך מוז דאָס פיהלען, איהר פערשטעהט?

— יא.

זיי האבען א ווײַלע געשוויגען.

ווראנסקי איז ביסלעכווייז אין אן אפאטיע אריינגעפאלען.

גארדאן האט ווייטער אויף איהם אונרוהיג א קוק געטהאן.

— דענקסט איהר נאך וועגען דעם זומער־הויז — האט ער געפרעגט.

— דאס זומער־הויז ?

ווראנסקי האט איהם אנגעקוקט, גלייך ער וואלט זיך פון שלאף אויפגעכאפט.

— יא, דאס זומער־הויז !

— אך, יא ! פערשטעהט זיך. איך האב געסטערן אלץ צוגעגרייט. אלץ איז אין ארדנונג. איך האב עס צוגעגרייט צוזאמען מיט מיין שוועסטער־קינד. עס וועט זיין א סך, א סך ליכט. דער אלטער געטהע וואלט זעהר צופריעדען געווען.

ער האט פלוצלינג א ציטער געטהאן, ווי פון א פיבער.

— וואס איז מיט איך ?

— גארנישט, גארנישט ! עס איז שוין פאראיבער. — ער איז במעט פלוצלינג אויפגעשפרונגען. — זעהט איהר, עס איז מיר היינט בעסער, אבער — אבער איך פיהל איהם אלץ נעהנטער און נעהנטער. איך האב איהם נאך קיינמאל אזוי נאהענט כיט געפיהלט.

— וועמען ?

— דעם טויט ! דעם טויט ! איך פיהל מיין טויטען קערפער, איך זעה, ווי ער ווערט פערלענגט, ווי ער ווערט אין פויקיים פערוואנדעלט.

א טויט־שרעק איז אין איהם געוואקסען.

— און היינט איז מיין לעצטע פרייד... מאנכעס מאל פערגעס איך אויף עטליכע מינוט, אז איך דארף שטארבען און דאמאלס האב איך מורא, אז דאס אדער יענעס קען מיר שאדען. אבער מיר קען דאך שוין גאר גיט שאדען...

ער האט זיך ווייטער אויף דער שטוהל אוועקגעזעצט.

— א מענש קען ניט זיין אין נארמאלען צושטאנד, אויב ער ווייסט, דאס ער מוז שטארבען — האט ער מיט א שטילען, קרענקליכען שמייכעל געזאגט.

— קען איך זיך מיט אייער שוועסטער זעהען?

— ניין, ניין, זי שלאפט. לאזט צורוה דאס ארימע הינדעלע... האט איהר געזעהן אמאל א קראנקע הינדעלע? דאס איז א שרעקלי־כער אנזיכט! עס קען ביי א מענשען דאס הארץ פלאצען... און זי איז קראנק. דאס הארץ איז ביי איהר קראנק. עס שיינט מיר, אז דאס האט העליא מיזערסקי אויף איהר אזא שרעקליכען איינפלוס געהאט. זי רעדט גאר נישט, זי איז אזוי פלוצלינג אויסגעדארט געווארען.

ווראנסקי האט א ספאזמאטיש געוויין ארויסגעלאזט, אבער נאר אויף א מינוט.

— איך האב זי ליעב — האט ער געזאגט און האט מיט א קינדי־שען, מורא'דיגען שמייכעל אויף גארדאן'ען א קוק געטהאן.

גארדאן האט ווייטער געפיהלט, ווי אונענדליכע איינזאמקייט און בענקשאפט פערשפרייטען זיך איבער איהם. נאר ער האט זיך אבגע־טרייסעלט און האט אויסגעטרונקען א גלאז ביז צום דעק.

— איהר האט שטארקען קאניאק — האט ער געזאגט.

— א, יא, הא? מיין שוועסטערקינד ברענגט איהם מיר.

פלוצלינג האט זיי ביידע מיט אמאל א פראכטפולע שטימונג בע־הערשט.

— מיין שוועסטערקינד איז אן אנהענגער פון דער אידעע פאר א צוטהיילונג פון אייגענטהום.

זיי האבען הערצליך געלאכט.

ער איז דרייסט און, ווי א קאץ, קריכט ער אויף די וואנד.

זיי האבען ווייטער געלאכט פון דעם געלונגענעם וויץ.

— ער קלעפט פארנאנדער פראקלאמאציעס אויף געזעלשאפט־ליכע געביידעס. — ווראנסקי האט געשיינט פון פרייד. — געסטערן האט מען איהם שיער ניט געכאפט. ער איז געלאפען אזוי שנעל, ווי ער האט געקענט. א פלינקער פאליציי־מאן איז איהם נאך. פלוצלינג האט זיך מיין שוועסטערקינד אבזיכטליך אויף דער ערד אוועקגעלייגט, דער פאליציי־מאן איז מיט'ן גאנצען איספעט איבער איהם אריבער־געשפרונגען און האט זיך, ווי א זשאבע, אויף דער זייט־גאס אויסגע־צויגען.

זיי האבען אזוי געלאכט, אז ווראנסקי האט קוים געקענט ווייטער

רערען.

— די גאנצע הויט פון געזיכט האט ער זיך אן די גאסען־שטיי־נער אבגעריבען.

— האט מען איהם ניט דערקענט?

— מען ווייסט כמעט ניט וועגען זיין עקזיסטענץ. ער פיהרט א לעבען מיט א שאטען פערשטעלט, איבריגענס, ווארט איך אויף איהם יעצט, ער דארף מיר די לעצטע נאכריכט ברענגען.

— אלזא, קען איך יעצט פאליא'ן ניט זעהן? — האט גארדאן גלייך א פרעג געטהאן.

— ניין, ניין... יעצט ניט... זי שלאפט.

פלוצלינג האט זיך די טהיר שטיל געעפענט, און אכט־יעהריג איינ־געל איז אין צימער אריינגעקומען, האט זיך ביים אויוען אוועקגע־שטעלט און האט אונרוהיג אויף זייביידען געקוקט.

— וואס איז ד א ס? — האט גארדאן א פרעג געטהאן.

וורא‌נסקי איז צורודערט געווארען.

— איך האב איהם געפונען מיט עטליכע מאנאטען צוריק... די מוטער איז ביי איהם געשטארבען און דער פאטער האט איהם ארויס־געשיקט בעטלען...

גארדאן האט זיך וועגען דעם קאנאריק דערמאנט. ער איז אונרו־היג געווארען. ער האט אליין ניט געוואוסט פאר וואס. צי דען איז אסטאפ ווירקליך געראכט געוועזן?

ער האט זיך אויפגעהויבען.

— אלזא, צום ווידערזעהן, סטעפאן, נאך דער אויספיהרונג פון טהאט...

ער האט א שמייכעל געטהאן, האט א הויפען געלד פון קעשענע ארויסגענומען און האט עס דעם אינגעל אוועקגעגעבען.

— האט איהר ליעב קינדער? — האט ווראנסקי א פרעג געטהאן.

— יא, זעהר. איך וואלט זעהר געוואלט קינדער האבען... גריסט פאליא'ן אין מיין נאמען... און... — האט ער מורמלענד געענדיגט.

— פערגעסט ניט, אז איהר דארפט ווארטען אויף דעם גלאקען־קלאנג.

— ניין! ניין!

3.

אזוי ניך ווי גארדאן איז ארויסגעגאנגען, האט ווראנסקי'ן אויף דאס ניי א שרעקליכע אונרוהיגקייט בעהערשט.

ער האט זיך געוואלט צושטרייען, שפּיעלען זיך און רעדען מיט'ן אינגעל, נאר עס האט גאר ניט געהאָלפען.

אם ענדע האט די אנוועזענהייט פון אינגעל איהם אנגעפאנגען אויפצורעגען. ער האט געפיהלט א נויטווענדיגקייט צו פערבלייבען אליין, ער האט געמוזט מיט זיך אליין זיך דורכרעדען. ער האט גע־הייסען דעם אינגעל אוועקגעהן.

ער האט זיך אויפ'ן בעט אוועקגעלעגט.

ער האט מורא געהאט פאר א נייעם אנגריעף פון פיבער און האט אנגעשטעלט דעם וועק־זייגער אויף ניין.

„ווען ער זאל מיך קענען פון טוידט־שלאף אויפוועקען" — האט ער א טראכט געטהאן און געשמייכעלט. נאכהער האט ער אנגעהויבען צו טראכטען, וואס פאר אן אילומינאציע דאס וועט זיין! עס איז א שאד, וואס היינט איז ניט גארדאן'ס געבורטס־טאג. א שאד! אבער גוט. וואס גארדאן וועט דארט שטעהן: ווען איך וועל זיין אנוועזענהייט דערפיהלען, וועט אלץ גוט זיין. ער האט שוין יעצט געזעהן, ווי פאר־זיכטיג ער קריכט צו גארדאן'ען, ווי גארדאן קוקט אויף איהם מיט פערוואונדערונג. זיין הארץ איז געוואקסען פון פרייד.

א שוידער האט איהם ווייטער ארומגעכאפּט. ער איז פערוואונ־דערט געווען.

— פון וואנען קומט דאס פערפלוכטע שוידערן? איך האב דאך נאר וועגען עפּעס אנדערש געטראכט... ניין! מען דארף נאר ליגען רוהיג און אלץ וועט פערגעהן...

אבער עס איז ניט פערבייגעגאנגען. פערקעהרט, עס איז נאך שטארקער געווארען.

דאס איז דאך קיין שרעק ניט געווען. ניין, אפילו קיין שפור פון

שרעק. ערשט געסטערן האט ער געציטערט פון פרייד, דענקענדיג וועגען דער פראכטפולער אילומינאציע... ווען עס זאל זיך צו איהם ניט אומקעהרען דער ליידענשאפטליכער האס פון געסטערן!

אין געדאנק האט ער געווארפען אן איבערבליק אויף זיין גאנץ לעבען, יאהר פאר יאהר, איין יאהר פון נויט, הונגער און קראנקהייט נאך דעם אנדערען; ער האט געטראכט וועגען טויזענדער ערנידרונגען, וועלכע ער האט געדארפט אויסשטעהן, בעטלענדיג ברויט יעדען טאג פאר זיך און פאר פאליא'ן. ער האט געטראכט וועגען דער שרעקליכער נויט און וועגען דעם שמוץ, ער איז שיער משוגע געווארען, אבער דער נעכטיגער האס האט זיך צו איהם ניט אומגעקעהרט.

— נו! אין אזא פאל וועל איך זיך לערנען האסען! — האט ער, ווי א וואהנזיניגער געשריען. — איך וועל אליין די נויטיגע האס בעשאפען!

— דאס איז א שווינערייו! מען האט איהם ערנידריגט, אויסגעלאכט, פערראכטעט מיט ווערטער און בליקען, און ער האט זאגאר קיין האס ניט געפיהלט. צי האט שוין דיזע ארימקייט זיין גאנצע שטאלצקייט פערשלונגען? חע, חע, חע... וואס טויג דיזע לעבערליכע פלוידעריי? האט ער זיך דען אין אלגעמיין געדארפט צוגרייטען? ער וועט פראסט נעהמען און טהאן, ער מוז אלץ טהאן!

עס האט איהם בעהערשט אזא משוגעת, דאס ער האט זיך מיט מיה קוים איינגעהאלטען, אום זיך אליין אין פנים ניט צו פאטשען.

און ווי פראכטפול ער האט זיך פאר נארדאו'ען פארגעשטעלט! אן אויסגעמוטשעטער, אן אויסגעמאטערטער, א צובראכענער. און נאכהער דיזער פערוויינטער ענטפער: איך קען ניט!

ער דארף ניט מעהר טראכטען וועגען דעם. איבריגענס, האט דער הוסט זיין אויפמערקזאמקייט אבגעצויגען.

— יעצט קיין ווארט שוין ניט מעהר!

ער האט דאס אין זיך אליין אויסגעשריען.

אויסער דעם איז שוין צו שפעט. ער האט ניט געוואוסט, ווארום עס איז צושפעט געווען; עס זיינען דאצו קיין אורזאכען ניט געווען. יעצט האט ער געמוזט ווירקען מיט טהאט, ווען דאס הארץ זאל איהם זאגאר אויס שרעק פון דער ברוסט ארויסשפרינגען.

ער האט זיך אויפגעהויבען, האט א טרונק געטהאן און זיך ווייטער אוועקגעלייגט.

יעצט האט ער שוין קיין שרעק ניט געפיהלט. ער איז געווען גליק־ליך, וואס ער דארף מעהר ניט טראכטען וועגען דער מהאט. דער בע־שלום איז געווען אנגענומען. אלזא, וואס טויג נאך דאס קלעהרען?

— א מאדנע זאך, גאנצע פערצעהן טעג איז א מענש בעשלאסען געווען עטוואס צו טהאן און נאכהער, פלוצלינג, אין דער לעצטער מי־נוט, פאנגט ער אן צו צווייפלען...

דאס איז געווען יענע דערשראקענע היגטישע נאטור, וועלכע די גוים און ערנידערונג האבען אין איהם בעשאפען... די ערנידערונג, וועלכע ער האט געמוזט צוליעב פאליא'ן אויסשטעהן. האט ער דען געקענט ערלויבען, אז פאליא זאל פון הונגער שטארבען?

„די וויכטיגסטע זאך איז" — האט ער גערעדט צו זיך אליין — „אנצונעהמען א בעשלוס און אזוי שטארק איהם ענטוויקלען, דאס ער זאל זיין אימשטאנד א מענשען אין דער לופט אויפצוהויבען"... ער האט זיך דערמאהנט אן דעם כשוף־מאכער, שמעון בעל־נס, וועלכער האט אויך געקענט אין דער לופט זיך אויפהויבען. ווארום טאקע ניט?

ער פיהלט דייטליך אין זיך צוויי מענשען, וואס אונטערשיידען זיך שארף און זיינען גאנץ פערשיעדען איינער פון צווייטען. ווארום זאל דער מענש, וואס האט אנגענומען א בעשלוס, ניט קענען טראגען אין זיך א צווייטען מענש, וואס ציטערט פון שרעק? איינער פון דיזע מענשען איז גארדאן'ס ווילע, גארדאן'ס בעפעהל; אבער עס איז דאך אלץ איינס.

ער איז אויפ'ן בעט געלעגען. מאנכע מינוטען האט איהם א שרעק ארומגענומען. פון צייט צו צייט האט זיך איהם געדאכט, אז דאס בלוט אין זיינע אדערען ווערט פערהאלטען און ערשט אין א ווייל ארום פאנגט עס ווייטער אן צו צירקולירען. נאר דאס האט איהם ניט זעהר בעאונרוהיגט, ווייל ער איז דאך געוואוינט געווען דאצו.

ער האט זיך צוגעהערט צום טיק־טאק פון זייגער, ער איז בייז געווען, ווייל די קלעפ האבען איהם געשיינט אונרעגעלמעסיג צו זיין און ער האט זיך אליין בעמיהט איבערצוצייגען, אז דאס איז א טעות, נאכהער איז ער ווייטער אין א צושטאנד פון אפאטיע ארייגעפאלען.

פלוצלינג איז איהם אין קאפ אריין א מאדנער געדאנק:

— און וואס, אויב ער וועט ניט זיין אימשטאנד זיך אויפצוהוי־בען? אויב ער וועט ניט זיין אימשטאנד פון צימער ארויסצוגעהן, שטילערהייט דורך די גאסען צום ראטה־הויז זיך צו פער׳גנב׳ענען?...

עס האט זיך איהם געדאכט, דאס ער וועט ווירקליך ניט אימ־שטאנד זיין. ער האט פערצווייפעלט געקעמפפט מיט זיך אליין. זיינע גליעדער זיינען אבגעשוואכט געווארען. ער האט געפיהלט אזוי, גלייך די פיס וואלטען איהם פערשטארט געווען. ער האט קיין האנד ניט גע־קענט אויפהויבען. דער באלקען האט זיך לאנגזאם ארונטערגעלאזט, האט זיך פערוואנדעלט אזוי ווי אין א פליסענדער מעטאל־מאסע, וועלכע האט זיך געשאקעלט אהין און אהער און איינגעקייקעלט אין א גרויסער קויל און פלוצלינג האט זי זיך אין דער הויך אויפגעהויבען, ווי פאר א שטארקען אימפעט, אום מיט א שרעקליכער קראפט אויף איהם ארויפצופאלען און איהם צוקוועטשען.

— משוגעת! — האט ער געשריי געטהאן. — דאס איז דאך בלויז געדערם פון הייז.

ער האט געשמייכעלט מיט פעראכטונג.

אבער ליגען האט ער ניט געקענט. ער האט זיך געמוזט אויפהוי־בען און פאליא׳ן אויפוועקען... אבער אימיצער האט איהם געזאגט, דאס פאליא שלאפט. פון וואנען איז צו איהם געקומען דיזער נארי־שער געדאנק, אז פאליא שלאפט? פערשטעהט זיך זי שלאפט ניט.

ער איז פונדעסטוועגען אויפ׳ן בעט געבליבען ליגען און ער האט באלד פערגעסען, אז ער האט געוואלט געהן צו איהר.

ער האט זיך צו דער וואנד אויסגעדרעהט. די וואנד איז זעהר פייכט געווען.

— אהא! שימעל, שימעל!

ער האט אויפמערקזאם די צווייטע וואנד בעטראכט.

— יעצט איז א פיערט־חלק פון דער וואנד מיט שימעל בעדעקט. אין א מאנאט ארום וועט דער שימעל ביז צו די ברעגען פון די טאפע־טען דערגרייכען, נאך אין א מאנאט ארום וועט עס דערגעהן ביז די בלומען פון די טאפעטען...

ער איז אויפגעשפרונגען א דערשראקענער.

— אה, דאס ביזטו, פראנעק?

פראנעק האט פארזיכטיג די טהיר פערמאכט.

— וועט קיינער אהער ניט אריינגעהן?

— ניין!

פראנעק האט זיך צו ווראנסקי'ן צוגערוקט און האט געמורמעלט: אלץ איז אין בעסטען ארדנונג. דו וועסט אריינגעהן דורך דעם טויער פון ווינטער־גארטען. דער גערטנער און דער אנטרייבער זיינען אויף א חתונה. בלויז אוליחא איז אין דער היים. צוריק קענסטו ארויסגעהן דורך דער טהיר פון דער ווערանדע. איך וועל אויף דיר ווארטען און דיר אלץ אנצייגען.

— גוט, גוט! — ווראנסקי האט גערעדט מיט א טיעפער אפאטיע.

— דענקסטו ווירקליך דאס צו טהאן? — האט פראנעק מיט אונ־צופרידענהייט געמורמעלט.

ווראנסקי'ן האט א משוגעת ארומגעכאפט: ער האט אויף פראנעק'ן א בליץ־שארפען בליק געווארפען, נאר ער האט קיין ווארט ניט ארויסגערעדט.

— ניין... זיי ניט בייז — איך האב נאר געדענקט... איבריגענס, איז דאס בלויז א קינדער־שפיעל.

— וואס איז מיט דער פראקלאמאציע?

פראנעק האט א קנאק געטהאן מיט דער צונג און האט געשמייכעלט.

— איך וועל זי יעצט אויף די קלויסטער־דעכער פארנאנדערקלע־פען...

— האסטו עפעס צו טרינקען?

— יא, דארט!

אין א ווייל ארום האט ווראנסקי אויפגערעגט אויף איהם א קוק געטהאן.

— עס גלויבט זיך פראסט ניט, ווי אזא אינגעל קען דאס טרינקען.

פראנעק האט זיך בעליידיגט.

— אינטערעסאנט, וואס דו וואלסט אנגעפאנגען צו טהאן אהן דיזען אינגעל. דו קענסט דאך קוים קריכען! גיב מיר א קאלדרע אדער עטוואס עהנליכעס: איך וועל דערפרוירען... ווען דער שנעע איז געפאלען, האט

עס איהם אינעווענינ אריינגעבלאזען. ער איז אויף דער פאדלאגע צוגאנגען און נאכהער געפרווירען געווארען. מען קען זיך גליטשען...

— זאג ניט אזא אונפערשעהמטען ליגען!

— דו ביזט היינט זעהר עזות'דיג, סטעפאן. האסט, וואהרשיינ־ליך, ווייטער עפעס אן אנגריף... נו, דאס שאדט ניט. מיר קענען זיך דאך גוט... אויב דו וועסט דאס ניט קענען טהאן, וועל איך דאס אליין טהאן. איך וועל אויף דיר ווארטען ביז איינס אזייגער. נאכהער וועל איך עס אליין טהאן. צום ווידערזעהן!

— געה צום טייוועל! — האט איהם וורשנסקי נאכגעשריען.

ער האט זיך אבגעשטעלט פערטראכט אין מיטען צימער. ווי לאנג ער איז אזוי געשטאנען, האט ער ניט געוואוסט. ער האט זיך ניט גע־קענט דערמאנען, אויב ער האט וועגען עפעס געטראכט.

ער האט זיך ארומגעקוקט, איז אין קיך אריינגעגאנגען און האט זיך אונטערגעהערט, נאכהער האט ער פארזיכטיג די טהיר געעפענט און איז אריינגעגאנגען.

פאליא איז ניט געשלאפען.

זי איז אויפ'ן בעט געזעסען און האט זיך אין סטעפאן'ען איינ־געקוקט.

— ווי שפירסטו זיך, פאליא?

— אח, בעסער, בעסער... עס גלוסט זיך בלויז רוהיגקייט, סטע־פאן.

זי האט בעטענדיג געקוקט אויף איהם.

— יא, יא... אבער הער, איך מוז אוועקגעהן... זאל דיך דאס ניט בעאונרוהיגען... אין א שטונדע אדער צוויי ארום וועל איך זיך אומ־קעהרען.

דו געהסט אוועק יעצט? ביינאכט?

— ניין, ניין... בלויז אויף דער צווייטער זייט גאס. עס איז געקו־מען איינער פון די חברים און האט נאך מיר געשיקט... ער שטעהט אין האטעל אויפ'ן מארק.

ער האט זיך מעכאניש אוועקגעזעצט און האט אויף איהר א זוכענ־דען בליק געווארפען.

— וואס איז דיר, פאליא? וואס ביזטו אזוי טרויעריג?

זי האט ניט געענטפערט.

— דו ווילסט ניט, אדער דו קענסט ניט מיר ענטפערן?

— פרעג ניט: פרעג ניט!

— איז דאס צוליעב גארדאן'ען? — האט ער געפרעגט מיט א פערשטיקטען אטהעם און האט זיך אויפגעהויבען.

זי האט מיט שרעק אויף איהם א קוק געטהאן.

— איז דאס צוליעב גארדאן'ען? — האט ער מיט א ציטערענ־דער שטימע איבערגעפרעגט.

— וואס, וואס זאגסטו? — זי האט אויף איהם מיט וואקסענ־דער שרעק געקוקט.

— דו פערשטעהסט?

— ניין!

ער האט זיך ווייטער אוועקגעזעצט, האט איהרע הענד אנגענומען, האט זיי צערטליך געגלעט, נאכהער האט ער זיך אויפגעהויבען און ניט רעדענדיג א ווארט, איז ער ארויסגעגאנגען.

אויף די טרעפ האט ער גאנץ מעכאניש די קעשענעס אנגעטאפט.

— גאט מיינער, איך האב קיין שוועבעלאך ניט!

ער האט זיך אומגעקעהרט און איז ווייטער א לאנגע צייט אין מיטען צימער געשטאנען.

ער האט זיך איבערגעשראקען.

„אויב עס וועט ווייטער אזוי געהן, וועט מען מיך כאפען נאך איי־דער איך וועל צום ראטה־הויז צוקומען" — האט ער אין פערצווייפ־לונג געטראכט. — „איך מוז יעצט אנגעשטרענגען אלע קרעפטען און האבען קאנטראל איבער זיך.

ער האט אויפגעלעבט, האט אהן שום נויטווענדיגקייט זעהר לאנג שוועבעלאך געזוכט — און דערביי האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט גליקליך עטליכע שטערונגען ערוויטערט, — נאכהער האט ער די שוועבעלאך אין קעשענע אריינגעלייגט, פארזיכטיג איבערציי־גענדיג זיך, אז עס זיינען דארט קיין לעכער ניט פאראן; אם ענדע האט ער געוואלט דעם לאמפ אויסלעשען, נאר ער האט זעהר לאנג געטראכט וועגען דעם, כאטש ער האט ניט געוואוסט, ווארום ער זאל איהם טאקע ניט אויסלעשען; נאכהער איז ער ארויסגעגאנגען.

ערשט שפעטער האָט איהם אנגעפאנגען צו מאַטערען א געדאנק, װאָס ער האָט פערגעסען די טהיר צו פערמאכען.

4.

— גאט, גאט, ווי דו זעהסט אוים!

העליא האט זיך אויפגעהויבען, נאר זי האט זיך ווייטער געמוזט אוועקלעגען. זי האט אויסגעזעהען זעהר קראנק צו זיין.

אסטאפ האט געוואלט א שמייכעל טהאן, נאר דער שמייכעל איז ביי איהם אויף די ליפען אבגעשטארבען, און דאס געזיכט האט זיך ביי איהם מיט א קרענקליכער גרימאסע אויסגעקרימט.

— ווי אויסגעמאטערט דו ביזט! — האט זי ארויסגעקרעכצט — ווי דו זעהסט אוים!

— העליא, איך בין דיר אזוי דאנקבאר. איך האב גערעכנט, אז דו וועסט מיך גאר ניט אויפנעהמען, און דו האסט נאך זאגאר מיט־לייד מיט מיר.

זי האט ניט געענטפערט. עס האט א לאנגעס שווייגען געהערשט.

אסטאפ האט נערוועז דעם פאפיראס געביסען. פלוצלינג האט ער אויף איהר זעהר רוהיג א קוק געטהאן.

— גערענקסטו, העליא? — האט ער מיט א הייזעריגער און זעהר שטילער שטימע געזאגט — גערענקסטו יענע צייטען, איידער דיזער בעלזבוב, דיזער גארדאן האט דיך בעזוכט? דו האסט מיך ניט גע־ליעבט, נאר דו האסט זיך געפיהלט גוט נעבען מיר. האסט ביי מיר שוץ געזוכט און איך האב דיר דאס געגעבען. דו ביזט אויך שטאלץ געוועזען: דו האסט געפיהלט, אז דו האסט מיך פון אבגרונד גערע־טעט, און דאס האט דיר צוגעגעבען קרעפטען, האט דיין פערצווייפ־לונג אבגעשוואכט. גערענקסטו דאס?

זי האט זיך מיט ביידע הענד פאר דעם קאפ אנגעכאפט.

— רעד ניט וועגען דעם, רעד ניט! איך וואלט דיר מיין גאנץ לעבען אוועקגעגעבען, ווען דאס זאל דיר עפעס קענען העלפען: דיזער מענש האט פון מיר א תל געמאכט, האט מיין נשמה אויף שטיקלעך צוריסען. עס בלוטעט, עס בלוטעט! איך קען ניט טראכטען וועגען

עפעס אנדערש, איך האב ניט קיין אנדער געפיהל, איך — איך...
זי האט ארויסגעלאזט א געוויין.
אסטאפ האט זי פריהער קיינמאל ניט געזעהען וויינענדיג.
— ווארום ביזטו געקומען צו מיר, אסטאפ, ווארום? ווארום גראדע צו מיר?
זי האט וויינענדיג אויף איהם א קוק געטהאן.
ער האט ניט געענטפערט. ער האט זעהר דייטליך געזעהען אויף איהר געזיכט, וואס פאר א תל עס איז פון איהר געווארען. איהרע אויגען זיינען טיעף איינגעפאלען, זי איז שרעקליך אויסגעדארט געווארען... ער האט וועגען אלץ פערגעסען און בלויז מיט נייגיעריגקייט איהר אויסגעמאטערט געזיכט בעטראכט. וואס פאר א תל עס קענען מאכען ליידען פון א קלעגליך מענשליכעס געזיכט!
— ווארום ביזטו געקומען צו מיר? — האט זי איבערגע'חזר'ט און האט איהם פאר די הענד אנגענומען.
ער האט זיך פערטראכט, נאר ער האט ניט געקענט די געדאנקען קאנצענטרירען.
זי האט איהם פאר די הענד א טרייסעל געטהאן.
— וואס איז מיט דיר, אסטאפ? גאט, וואס איז מיט דיר?
ער האט פערצווייפעלט אויף איהר א בליק געווארפען.
און ער האט ווייטער אנגעפאנגען צו רעדען שטיל:
— דארט, אין אויסגעלאסענהייט, אין שאנד־הויז, איז מיר ארויפגעקומען א געדאנק, אז דו וואלסט מיך אם ענדע דאך געקענט רעטען. עס האט זיך מיר געדאכט, ניין, איך האב געטראכט וועגען דעם, אז מיר זיינען די אונגליקליכסטע, אז מיר ביידע...
ער איז פלוצלינג אנטשווינען געווארען.
— אבער דאס וועט זיין אונמעגליך אויסצופיהרען, — האט ער אין א ווייל ארום געזאגט — יעצט זעה איך, אז עס וועט זיין אונמעגליך...
איהרע ליפען האבען געציטערט, ווי זי וואלט געוואלט עפעס זאגען, נאר זי האט ניט געקענט.
זי האט ווייטער אנגעפאנגען צו וויינען און ערשט אין א צייט ארום איז איהר געלונגען זיך צו בערוהיגען.

— און וואס איז יעצט? — האט זי פלוצלינג געפרעגט.

— וואס יעצט? — האט ער איבערגעפרעגט ערנסט און האט א פרענקליכען שמייכעל געטהאן.

— אסטאפ! — איז זי אויפגעשפרונגען און האט איהם פאר די הענד אנגעכאפט...

ער האט דעם קאפ אן די הענד אנגעשפארט.

זי האט איהם פאר די אקסלען א טרייסעל געטהאן.

— אסטאפ!

ער האט אויף איהר א קוק געטהאן און געשמייכעלט.

— איך ליעב דיך, העליא. איך האב דיך נאך קיינמאל אזוי ניט געליעבט, ווי יעצט. איך האב אן אלץ פערגעסען. איך טראכט וועגען גאר נישט. איך זעה בלויז דיך אין דער הייליגער גרויסקייט פון לײדען און פערצווייפלונג. איך טראג דיך ביי מיר, אין מיין הארץ, אבגעריסען פון אלץ, וואס רינגעלט דיך ארום: נאר יעצט, י ע צ ט האב איך פלוצלינג פערשטאנען. אז איך האב א טעות געהאט, דענקענדיג, אז מיר קענען איינער געבען דעם צווייטען רוה געפינען.

— ניין! ניין! ניט מיר... ניט מיר!

— אך! — איך וויים ניט, וועמעס פערצווייפלונג עס איז גרעסער, דיינע אדער מיינע?

ער האט זיך אויפגעהויבען, האט זיך פאר איהר אויף די קניע געשטעלט, האט זי פאר די הענד אנגענומען און לאנג היים געקושט.

— אין נאמען פון מיין גרויס פערברעכען פערגיב איך דיר אלע זינד! — האט ער א זאג געטהאן פלוצלינג, מיט בעגייסטערונג, אזוי ווי האלב בעוואוסטזיניג.

נאר אין דער זעלבער מינוט איז ער געקומען צו זיך, האט זיך שנעל אויפגעהויבען און, ניט קוקענדיג אויף איהר, איז ער פון צימער ארויסגעגאנגען.

— אסטאפ! אסטאפ! — האט זי א געשריי געטהאן און איז ארויסגעגאנגען נאך איהם.

אבער ער איז שוין אויף דער גאס געוועזן.

5.

גלייך ווי ער איז א היים געקומען, האט ער אנגעהויבען איבער דעם צימער צו לויפען אין א פיבערהאפטער אויפרעגונג.

א משוגענע איינזאמקייט האט זיין נשמה בעהערשט. דאס הארץ האט געקלאפט שטארק און אונרעגעלמעסיג.

מיט דיזער פערפלוכטער אויסגעלאסענהייט האב איך מיין הארץ איבערגעפיהרט!

אביסעל אלקאהאל און איך וועל גלייך דעם גאנצען ארגאניזם אין ארדנונג ברענגען.

ער האט פון דער פלאש געטרונקען. ער האט ניט געקענט פער־שטעהן, פארוואס ער האט קיין גלעזעלע ניט גענוצט. א מאדנע זאך. יעצט האט ער שטענדיג געמוזט פון דער פלאש טרינקען.

דאס געהער אויך דער פסיכאלאגיע פונ'ם שטן'ס קינדער. ער האט מיט פעראכטונג א שמייכעל געטהאן.

דער אלקאהאל האט מיט זיך א שלעפעריגקייט געבראכט. ניין! גאר ניט דער אלקאהאל, נאר די ארגיע, הארציא'ס פריינד! צוויי שלאפלאזע נעכט אין קאשיא'ס אומארמונג! הו! ווי פארמאטערט איך בין... די ביינער זיינען ווי צובראכען! נו, פיעל־געשעצטער אס־טאפ פאטהומוס, לאז מיך יעצט צורוה. דער גנעהרטער פאטער וויל שלאפען.

אבער ער האט ניט געקענט אנטשלאפען ווערן. ער האט ניט געקענט.

— דאס איז ווירקליך ניט קיין אונגליק. אלקאהאליקער ווערען געשווינד, מיט אמאל איינגעשלאפען, פונקט ווי אזא אלעקסאנדר דער גרויסער, אזא בייראן, אזא גארדאן...

ער האט בייז א שמייכעל געטהאן.

— איז קארל דער צוועלפטער אויך אן אלקאהאליקער געווען?

— חא, חא, חא! — און דער מיסטישער סאבעק, דער אידעאלער סאבעק, וועלכער איז שוין א יאהר אין דער ערד! חא, חא, חא.. עהרע

דיר, קעניג פון ציון! סאבעק איז א גוטער... געלד וועט זיין. מען וואלט געקענט דאמים צעהן שטעדט אין אש פערוואנדלען. בראווא, גארדאן! איך האב זיך איבערגעגעבען צו דיר מיט לייב און זעעלע. איך דיען דיר מיט פערגעניגען, חע, חע, חע...

ער האט זיך פלוצלינג אומגעקוקט, דאס ער געפינט זיך ביי קא־שיא'ן, אין הוט'ס הויז... קאשיא! דאס איז די פראכטפאלסטע פרוי, וועלכע ער האט ווען עס איז געזעהן...

— קום אראפ צו מיר, מאדאנא טערעזא...

— חא, חא, חא! זי האט זיך אליין אין אונפערשעהמטקייט אי־בערגעשטיינט... אנשרייבען א פילאזאפיע פון אונפערשעהמטער טו־גענד, וואלט געווען...

אסטאפ האט געלאכט אונבעוואוסט, האט זיך שווער אויפגעהוי־בען, איז געזעסען נאך א וויילע, קוקענדיג אונבעוועגליך בעפאר זיך, נאכהער איז איהם מיט אמאל א טיעפער שלאף בעפאלען.

ער האט זיך פלוצלינג אויפגעכאפט און האט א שוועבלע אנגע־צונדען; ער איז מעהר ווי א שטונדע אבגעשלאפען. ער האט זיך וויי־טער צוגעלעגט. ער איז געווען שרעקליך פערמאטערט. דער קאפ האט ביי איהם וועה געטהאן. עס האט זיך איהם געדאכט, דאס ער שפירט א זעהר אונאנגענעהמען געפיהל: אזוי ווי א האלבער מארך זיינער וואלט זיך אין א פליסענדער מאסע צורונען.

דיזער געדאנק האט איהם אויסערגעוועהנליך גע‍ניאליש אויסגע־זעהן.

ער האט זיך ווייטער טיעף און שלעפעריג אין זיינע געדאנקען פערטיעפט. בלויז מינוטען־ווייז האט ער געפיהלט, ווי א געדאנק האט זיך לאנגזאם דורך דעם מארך פער'גנב'עט... פונקט ווי א געפלאצטער לופט־באלון, אום נאכהער פון דאס ניי ערגעץ אויף א צווייטען פלאץ זיך אויפצוהויבען.

עס איז א קורצע וויילע פעראיבער.

פלוצלינג איז ער אויף די אלטע טרעפ ארויפגעגאנגען. די טרעפ האבען איהם אויסגעזעהן מאדנע בעקאנט צו זיין. ער האט געלעזען די אויפשריפטען, וואס זיינען אויף די טהירען צוגעשלאגען געווען, און יענע האבען איהם אויך געשיינט בעקאנט צו זיין. ער האט זיי שוין

פריהער געמוזט לעזען...

זיין הארץ איז מיט אן אונענדליכע פערצווייפלונג פול געווען: ער האט ניט פערשטאנען, פאר וואס ער איז אזוי פערצווייפעלט: ער האט בלויז געפיהלט, ווי זיי וואקסען אלץ מעכטיגער און מעכטיגער. ער האט זיך אבגעשטעלט, ווייל ער האט ניט געוואוסט, וואו ער גע־פינט זיך... פלוצלינג איז ער צום בעוואוסטזיין געקומען: ער איז, נאַ־טירליך, אין זיין אייגען הויז געווען!

ער האט זיך איבערגעשראקען. נאך וואס איז ער אהיים געגאנגען? נאר עס האט זיך איהם אויסגערוכט, דאס ער ווערט פון אן אויסערלי־כער קראפט געטריבען. א טריט הינטער איהם איז עפעס אן אונענד־ליכע וואנד אויסגעוואקסען, און דיזע הימעל־גרייכענדע וואנד איז איהם הינטער זיינע פלייצעס טריט ביי טריט נאכגעגאנגען.

ער האט געמוזט געהן העכער, נאר עס האט זיך איהם געדאכט, אז די וואנד געהט איהם אלץ נאך טריט ביי טריט.

ער האט זיך אויף דעם גיגאנטישען טהורעם אויפגעהויבען. היני־טען איז א תהום אויסגעשפרייט. אראבגעהן האט ער ניט געקענט. ער האט זיך פלוצלינג דערמאנט, אז דער טהורעם האט קיין טרעפ ניט: ווי א בליץ, האט זיך דער טהורעם פון דער ערד אויפגעהויבען, און ער האט זיך געפונען יעצט אין העכסטען צימער אונטער'ן דאך, אין א צימער, וואס איז געווען לעער און איינזאם. דער הימעל האט די בלעך פון דאך אזוי צוברענט, אז ער איז ניט אימשטאנד געווען אבצואטהע־מען: נאכהער איז ווייטער קיהל געווארען: ער איז געפרווירען גע־ווארען, האט געציטערט, ווי א בלאט, די ציין האבען זיך ביי איהם פון קעלט געווארפען.

פלוצלינג האט ער א געשריי פון א קינד דערהערט... ער האט עס אויף די הענד געטראגען. עס האט זיך איהם געדאכט, אז דאס קינד האט אזוי געשריען, דאס זיין האלז וועט מוזען פלאצען. דער געשריי האט איהם שמערצליך די אויערען געענגבערט: ער האט געליטען, ווי נאך קיינמאל אין לעבען...

ער האט געוואלט אנטלויפען און האט ניט געקענט: ער האט דורכ־געלעבט א געפיהל, דאס ער וועט קיינמאל זיך ניט בעפרייען פון דיזען קינד, קיינמאל, קיינמאל... דער געשריי איז געווארען אלץ שטארקער,

אלץ שארפער, און דאס קינד איז געווארען אלץ שווערער און שווערער. ער האט עס קוים געקענט אויף די הענד האלטען...

דאמאלס איז ביי איהם, ווי א בליץ, א געדאנק דורכגעפלויגען: דער'הרג'ע עס! דער'הרג'ע!

ער האט זיך ארומגעקוקט, זוכענדיג עפּעס, מיט וואס ער וואלט עס געקענט דער'הרג'ען: נאר ער האט גאר ניט געפונען. ער האט זיך צום קינד געווארפען, האט עס מיט א טהירישער ווילדקייט אנגעכאפּט, האט דעם קינד'ס העמדעל צוריסען, און פון קעלט איז אין איין מי־נוט דאס קליינע קערפּעריל פערפרוירען געווארען.

א ווילדער טריאומף האט אין זיינע נערוון געשטראמט: ער האט געכאפּט א קרוג קאלטעס וואסער און האט עס אויף דעם קינד אויס־געגאסען.

דאס קינד האט אויפגעהערט צו שרייען. עס האט א פלאקערדיג, טייפלישעס שווייגען געהערשט: בלויז צוויי אויגען פונ'ם שטערבענ־דען קינד האבען געפינקעלט: ער האט דאס גוסס'דיגע שמייכלען גע־זעהן.

פלוצלינג האט דאס קינד אין דער הויך א שפּרונג געטהאן... ניין... ניט קיין קינד... א ווילדע קאץ. זי האט זיך אויף איהם ארויפגעווארפען. האט זיך מיט די נעגעל איהם אין האלז איינגעגראבען... אסטאפּ האט זי אבגעריסען, פיהלענדיג, דאס ער רייסט שטיקער פון זיין אייגען לייב. ער האט די קאץ מיט די הענד צוזאמענגעדריקט, האט זי אויף דער ערד געשליידערט, מיט די פיס געטרעטען, נאר די צורייצטע חיה האט געביסען, געדראפּעט, געריסען זיין קערפּער...

דאמאלס האט ער געכאפּט פון ערגעץ א שטיק אייזען און האט געשלאגען דערמיט די חיה, מיט פערצווייפעלטע קרעפטען. די קאץ האט געשריען און געקרעכצט, ווי א קינד... אסטאפּ האט געשלאגען, ווי א משוגענער, ער האט גארניט געזעהן, גאר ניט געהערט, פיהלענדיג בלויז, דאס די קאץ לעבט נאך, דאס ער וועט זיך קיינמאל פון איהר ניט בעפרייען: זי איז ווייטער אויף איהם ארויפגעשפּרונגען, האט זיך שטארק אין זיין פּנים איינגעגראבען...

ער האט זיך אויפגעכאפּט. די ציין האבען ביי איהם שרעקליך גע־קלאפּט. ער האט געהערט אויסגעצויגענע, הייזעריגע טענער און ער

האט זיך אליין ניט געקענט בעהערשען: יעדער מוסקול פון זיין גע־זיכט, יעדער נערוו האט זיך פון שרעקליכען וועהטאג געריסען.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האט ער געזעהן, דאס ער זיצט איינ־געקארטשעט אין ווינקעל ביים סאמע אויווען.

ער איז מיט א ווילדער פערצווייפלונג אויפגעשפרונגען.

— אהא! יעצט דערנעהענטערט זיך דאס אונבעוואוסטזיין! אהא! אהא!

ער האט געוואלט דעם לאמפ אנצינדען, נאר די הענד האבען איהם אזוי געציטערט, דאס דער אבאזשור איז ארויסגעפאלען און האט זיך אויף טויזענד שטיקלעך צוברעקעלט.

— אהא! יעצט דערנעהענטערט זיך עס! יעצט קומט עס! — האט ער אהן אן אויפהער איבערגע'חזר'ט.

אם ענדע האט זיך איהם איינגעגעבען דעם לאמפ אנצוצינדען.. און ער איז אין א מאדנעם, געדאנקענלאזען צושטאנד געקומען.

פלוצלינג האט זיך אימיצער צו איהם צוגעריהרט.

ער האט לאנגזאם זיין בליק אויפגעהויבען.

— איהר געדענקט מיך ניט?

— א, דאס זייט איהר, הארטמאן? צי בין איך געשלאפען?

— שיינט מיר, אז ניט. דאס איז גיכער געווען א מין לעטארגיע— האט הארטמאן גאנץ רוהיג געענטפערט. — איך האב געזעהן אמאל עטוואס עהנליכעס ביי איינעם פון מיינע פריינד אין לאנדאן. ער איז אויף אזא ארט מעהר ווי צוואנציג שטונדען אבגעזעסען.

— ווירקליך? און וואס אייגענטליך קען דאס בעדייטען? — האט אסטאפ צורודערט א פרעג געטהאן. — ווי דענקט איהר?

— וואס קען בעדייטען ביי אייך, ווייס איך ניט... מיין פריינד האט זיך געהאנגען מיט צוויי טעג שפעטער.

— האט זיך געהאנגען?

— יא. ער האט אימער געדענקט, אז דאס איז דער בעסטער ארט טוידט, ווייל עס איז מיט אנגענעהמע געפיהלען פערבונדען. איהר ווייסט, וואהרשיינליך, אז אין לעצטען מאמענט ערוועקען זיך גע־שלעכטליכע אויפרעגונגען. איבריגענס, גלויב איך ניט אין דעם. הארטמאן האט אויפ'ן זייגער א קוק געטהאן. אסטאפ האט זיך

טיעף פערטראכט.

— מיר האבען נאך אביסעל צייט. קען מען פון אייער פענסטער די פאבריק זעהן.

— די פאבריק.

— יא.

— צי דארף זי אבגעברענט ווערען? — אסטאפ האט ביין א שמייכעל געטהאן. — אלזא, האט ער מיין ראטה געפאלגט? חע, חע, חע...

— אזוי ניך, ווי די שרפה וועט אויסברעכען, דארפען מיר פאר דער ארבייט זיך נעהמען — האט הארטמאן זעהר ערנסט א זאג גע־טהאן.

— אהא!

זיי האבען זעהר לאנג געשוויגען.

— אייער פאטער איז געווים אוועקגעפאהרען?

— איך דענק: איך האב זיך מיט איהם ניט געזעהן.

זיי האבען ווייטער א לאנגע צייט געשוויגען.

— אייערע נאכשליסלען זיינען געוועזן פראכטפול. — הארטמאן האט אויפמערקזאם אויף אסטאפ'ן געקוקט. — וואהרשיינליך האט איהר זיך שוין פריהער מיט זיי בענוצט?

— יא! אסטאפ האט מיט א מאדנע אויפרעגונג געענטפערט.

זיי האבען לאנג געשוויגען.

— איהר האט פיעלייכט חשק זיך צו איבערציינען, דאס קיינער איז אין ראטה־הויז ניט פערבליבען?

אסטאפ האט זיך מעכאניש אויפגעהויבען.

— איהר וועט דערווייל טהען מאכען. דארט שטעהט בראנפען...

ער האט געוואלט א לאנטערנע אנצינדען.

הארטמאן האט אויף איהם א צושראקענעם קוק געווארפען.

— וואס טהוט איהר? איהר ווילט זיך פערראטהען?

אסטאפ האט זינלאז געקוקט אויף איהם.

— יא, אמת... איך בין אזוי אויפגערעגט...

ער איז ארויסגעגאנגען.

6.

— דריי קארטען טרומף! — האט גארדאן געזאגט און האט ווייטער קארטען פארנאנדערגעגעבען.

— שטעלט איך פאר, מיינע הערדען, אז די רעכענונגען, וועלכע דער אלטער אסטאפ האט דעם פרעזידענט צוגעשטעלט, זיינען כלומר'שט געפעלשט!

דער בירגער־מייסטער האט דאס געזאגט מורמלענדיג און האט זיך ארומגעקוקט.

— דאס איז, פערשטעהט זיך, א רעגיערונגס־געהיימניס. ער האט געמוזט גלייך צום פרעזידענט פאהרען. א פאליציי־אגענט האט איהם אבגעפיהרט.

— איז ער שוין אוועקגעפאהרען? — האט גארדאן געפרעגט צוטראגען.

— געוויס! דער אלטער איז פערצווייפעלט געווען. איך פער־שטעה דאס ניט: עס איז פארגעקומען עפעס א מיספערשטענדניס. אסטאפ איז אימער געווען דער עהרליכסטער פון אונזערע בעאמטע.

זיי האבען די קארטען אין די הענד גענומען.

— אבער היינט קען מען זיך אויף קיינעם ניט פערלאזען — האט דער בירגער־מייסטער געזאגט מיט א זיפץ.

ביים שפיעל האט א טיעפע שטילקייט געהערשט.

פלוצלינג האט זיך אריינגעריסען אין צימער א ווילד געשריי: עס ברענט! עס ברענט!

עפעס א פערסאפעטער מענש איז אין צימער אריינגעלאפען.

— הערר בירגער־מייסטער!... די פאבריק ברענט... די פאב־ריק...

אויף דער גאס האט געהערשט אן אונבעשרייבליך געטומעל. די פרייוויליגע פייערלייטע זיינען הילפלאז געלאפען אהין און אהער.

דאס וואסער איז געפרוירען געווארען! — האט אימיצער צום

בירגער־מייסטער א געשריי געטהאָן, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט דער־מיט א פאָרוואורף מאַכען.

דער בירגער־מייסטער איז געשטאַנען אויף דער גאַס א טוידט־בלייכער, אָהן א הוט; ער האָט אין גאַנצען דאָס בעוואוסטזיין פערלאָ־רען.

— אהער, פעטער... נעהם מיינע פערד און פאָהר גלייך צו דער פאַבריק... איך...

גאַרדאַן איז אוועקגעלאָפען צו די שטאָדט־געביידעס, וואו עס האָבען זיך די אינסטרומענטען פון פייער־לעשונג געפונען.

דאָ האָט זיך א גרויסער המון מענשען צוזאַמענגעקליבען. איינער איז דעם צווייטען אין וועג געשטאַנען. די פייער־לעשער אַליין האָ־בען זיך קוים געקענט דורכשטופּען.

גאַרדאַן האָט א וואונדערבאַרע ענערגיע ארויסגעצייגט.

עס איז איהם געלונגען אָרדנונג איינצופיהרען: אויף זיין בעפעהל האָט מען באַלד פערד געבראַכט, און מיט עטליכע מינוט שפּעטער זיי־נען שוין די פייער־לעשער צו דער פאַבריק געפלויגען.

אַן אונצעהלבאַרער המון האָט דעם פּלאַץ פון דער שרפה ארומגע־רינגעלט. די פאַבריק איז אין גאַנצען אין פלאַמען געווען. זי האָט פון אַלע זייטען געברענט. נייע פייער־זיילען האָבען זיך אונאויפהערליך פון פערשיעדענע פּלעצער ארויסגעריסען. וועגען איינצאַמען דאָס פייער האָט גאָר קיין רייד ניט געקענט זיין. די קלענגליכע מאָס וואַסער, וואָס מען האָט צוגעבראַכט, איז אויסגעשעפּט געוואָרען אין איין מינוט...

— וואַסער! וואַסער! — האָט דער אויפגערעגטער המון גע־שריען.

דער טומעל איז געוואַקסען פון מינוט צו מינוט. אַלע זיינען גע־לאָפען אהין און אהער, געשריען, בעפוילען, געזידעלט איינער דעם צווייטען. אומזיסט האָט זיך גאַרדאַן בעמיהט זיין שטאַרקען ווילען ארויסצוצייגען. קיין מענש האָט איהם מעהר ניט געהערט.

אם ענדע איז געלונגען מעהר וואַסער צו ברענגען, אבער וואָס צו ראַטעווען איז שוין מעהר ניט געווען. די מעכטיגע פאַבריק־גע־ביידע איז אין גאַנצען אין פלאַמען ארומגענומען געווען. ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט מען דאָס איינציייטיג אויף עטליכע ערטער אונטער־

געצונדען.

נעבען דער פאבריק האבען זיך גרויסע לאגערען פון האלץ געפונען. עטוואס ווייטער איז די בראנפען דיסטילאציע געשטאנען. די האלץ־לאגערען זיינען שוין מיט פלאמען ארומגעכאפט געווען און כמעט אין איין אויגענבליק אבגעברענט געווארען. מען האט געמוזט די פאבריק אויף איהר אייגען גורל איבערלאזען און אלע קרעפטען אנווענדען דארויף, אום די דיסטילאציע פון פייער צו פערהיטען.

די היץ איז געווען אזוי שרעקליך, אז עס איז כמעט אונמעגליך געווען נאהענט צו דער שרפה צוצוקומען. אויסער דעם, האט זיך ארויסגעצייגט, אז די גרעסטע טהייל פון די פייער־לעשער־אינסטרומענטען זיינען געווען אלט און אונמעגליך צו געברויכען. די הענטלאך, ווי עס האט אויסגעזעהען, זיינען געווען צושניטען אדער בעגאסען מיט א שארפער פליסיגקייט, ווייל זיי האבען געפלאצט איינס נאכ'ן אנדערען, און די קליינע וואסער־פאמפעס, וואס זיינען געקומען צו הילף פון נאהענטע געגענדען, האבען ניט פיעל געקענט העלפען.

צווישען די ארבייטער איז שניטלער ארומגעלאפען א פערצווייפעלטער. ער האט זיך געבראכען די הענד, האט געבעטען מענשען, מען זאל ראטעווען, ער האט גאלדענע בערג צוגעזאגט, נאר דער המון האט געקוקט אויף איהם שטום און גלייכגילטיג: מען האט דאך גאר ניט געקענט ראטעווען. וואס קען מען דא אבראטעווען?

פלוצלינג האט זיך צווישען די ארבייטער פערנאנדערגעטראגען א קלאנג, אז שניטלער אליין האט די פאבריק אונטערגעצונדען, אום א גרויסע סומע געלד פאר פייער־פערזיכערונג צו בעקומען.

פון וואנען דיזער קלאנג האט זיך גענומען, האט קיינער ניט געוואוסט. וואהרשיינליך, האט מען נאך פריהער גערעדט, דאס שניטלער טראגט זיך ארום מיט דיזען געדאנק, ווייל דער קלאנג האט זיך פלוצלינג אין א זיכערהייט פערוואנדעלט. פריהער האט מען גערעדט וועגען דעם בלויז מורמלענדיג, אבער יעצט האט שוין קיינער ניט געצווייפעלט.

דער המון ארבייטער איז אויפגערייצט געווארען.

— דיזער הונט וויל אנטלויפען קיין אמעריקא מיט זיינע געליעבטע — האט געשריען א געזונדער ארבייטער מיט א ווילדען אויסזעהן.

— און מיר קענען דא יעצט פון הונגער שטארבען.

— וואו וועלען מיר יעצט ארבייט בעקומען? — האט א צווייטער געשריען. — יעצט אין מיטען זומער?

און דיזע פראגע האט זיך אזוי ווי אין א קריעגס־געשריי פער־וואנדעלט: די פרויען האבען אנגעפאנגען א בילעריי, די מענער האבען געשאלטען און מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען געסטראשעט...

שניטלער איז ווידער צוגעלאפען, ער האט געבעטען און זיך די הענד געבראכען, נאר דער המון האט טרויעריג געקוקט אויף איהם.

א יונגער ארבייטער איז צו איהם צוגעלאפען און האט איהם מיט א ווילדקייט א קלאפ געטהאן.

שניטלער איז שטום געווארען.

אין דער זעלבער מינוט האט אן ארבייטער, וועלכען מען האט צור געגעבען חשק דורך אויסגעשרייען, שניטלער'ן אין קאפ אריין א קלאפ געטהאן.

שניטלער איז אומגעפאלען, נאר ער האט זיך באלד אויפגעהויבען.

— דער'הרג'עט איהם, דיזען הונט! — האט געברומט דער המון.

עטליכע מענשען האבען זיך אויף איהם א ווארף געטהאן, נאר אין דער זעלבער מינוט איז גארדאן צוגעלאפען.

— וואס טהוט איהר? — האט ער געשריען. — איהר ווילט אין טורמע אריינפאלען?

ווי עס האט אויסגעזעהן, איז גארדאן זעהר געשעצט געווען ביי דער מאסע, ווייל זי האט זיך באלד צוריקגעצויגען.

שניטלער האט מיט אן אונאויסדריקליכען צארן אויף די ארביי־טער געקוקט. ער האט זיך שוין ניט געקענט קאנטראלירען. שוים איז אויף זיינע ליפען ארויסגעקומען. ער האט גארדאן'ען איז א זייט אב־געשטויסען, נאר גארדאן האט איהם געכאפט פון הינטען און פעסט געהאלטען.

— צי זייט איהר משוגע געווארען? איהר ווילט, מען זאל אייך דער'הרג'ענען?

שניטלער האט געקעמפפט מיט גארדאן'ען, ער האט זיך געוואלט ארויסרייסען, אום אויף די ארבייטער זיך צו ווארפען.

— אהער! ראטעוועט די בראנפען־דיסטילאציע; יעדער איינער וועט א טאלער בעקומען! — האט גארדאן געשריען.

דאס האט געהאלפען. די ארבייטער זיינען זיך צולאפען, אין איין מינוט איז דער פלאץ געווארען לעער פון מענשען.

גארדאן האט זיך בעמיהט שניטלער'ן צו בערוהיגען.

— די מאדעלען! די מאדעלען! — האט שניטלער, ווי אונבעוואוסטזיניג, פלוצלינג א געשריי געטהאן און איז געלאפען צום צווייטען פליגעל פון דער פאבריק, וואו די לאבאראטאריע האט זיך געפונען.

דא זיינען געשטאנען עטליכע ארבייטער, וואס האבען זיך קאלטבלוטיג צו דער שרפה צוגעקוקט.

— באלד וועט די פאבריק איינפאלען — האט איינער פון זיי בעמערקט.

— באלד! באלד! — אלע האבען מיט אנגעשטרענגטע אויפמערקזאמקייט געווארט.

— וואו איז הארטמאן? — האט שניטלער אויסער זיך פון פערצווייפלונג געשריען.

ער האט פערגעסען, דאס ער האט הארטמאן'ען אויף צוויי טעג פון דער שטעלע בעפרייט.

מיט זוכענדיגע אויגען האט ער זיך ארומגעקוקט.

אין דעם זעלבען מאמענט האבען אנגעהויבען אויסצוברעכען פלאמען פון די רעזערוואארען מיט בראנפען, וועלכע האבען צו דער דיסטילאציע געהערט.

א ים פון פלאמען האט זיך אויף א שטרעקע פון עטליכע הונדערט מעטער צוגאסען.

א שרעק האט דעם המון ארומגעכאפט. אלע זיינען צו דער בראנפען־דיסטילאציע געלאפען.

גארדאן האט אויפ'ן זייגער א קוק געטהאן. לאנגזאם און אונבעמערקט, האט ער זיך פון דער שרפה דערווייטערט. ער איז איבערגעגאנגען פון איין קופע ארבייטער צו דער צווייטער. ער האט געהערט דאס שילטען און דאס זידלען, ער האט געהערט דאס געוויין פון די פרויען. ער האט געזעהן די שרעק און פערצווייפלונג.

„יעצט וועל איך קלייבען די פרוכט, וואס איך האב פערזייעט!"
— האט ער געטראכט און האט אומעריג א שמייכעל געטהאן. עס זיינען איהם א שאד געווען די ארבייטער, וואס האבען זייער בעשעפטיגונג פערלארען. ער איז געגאנגען אין שטאדט אריין, אום צו בעפעלען, מען זאל מיט די גלאקען קלינגען.

7.

ווראנסקי האט זיך אונבעמערקט אין ראטה־הויז אריינגע׳גנב׳עט. באלד נאך דעם האט ער געהערט, ווי דער זייגער האט צעהן געשלאגען.

און פיעלייכט איז דאס גאר ניט געווען באלד נאך דעם. די צייט־רעכנונג האט איהם אויסגעזעהן אזוי מאדנע. צייטענווייז איז א שטונ־דע פערביינגעלאפען, ווי א סעקונדע, און צייטענווייז האט זי זיך אין אן אונענדליכקייט אויסגעצויגען.

ער איז פאלקאם רוהיג געווארען. ער האט זאגאר קיין שאטען פון שרעק ניט געפיהלט.

נאר מאדנע משונענע געדאנקען האבען איהם אונאויפהערליך געמאטערט.

מיט שרעק האט ער זיך דערמאנט, דאס ער האט געוואלט אויפ׳ן מארק א שוועבעלע אנצינדען, ווייל עס האט זיך איהם געדאכט, אז זיי זיינען אין גאנצען דורכגעווייקט.

— וואס וואלט פונדעסטוועגען געווארען, ווען איך וואלט ווירק־ליך אויפ׳ן מארק א שוועבעלע אנגעצונדען? — האט ער בערוהיגט געטראכט.

נאך ערגער איז געווען, ווען ער האט געפיהלט אן אונבעשטריים־בארען פערלאנג אנצולאפען ביי אסטאפ׳ן אין טהיר און איהם אלץ דערצעהלען.

יעצט איז ער אויף א פאק פאפירען געזעסען און האט אויף דעם גלאקען־קלאנג געווארט.

נאטירליך, וועט עפעס מיט דער פאבריק געשעהן. די לעצטע פראקלאמאציע וועט געוויס איהר ציעל ניט פערפעהלען.

די פאבריק וועט, נאטירליך, אויך אבגעברענט ווערען. פער־שטעהט זיך! ער האט זיך עראינערט, אז גארדאן האט שוין לאנג וועגען דעם דערמאנט.

נאר דאס ראטה־הויז איז אהן שום צווייפעל די וויכטיגסטע זאך

געווען.

ער האָט געלאַכט. דער געדאַנק, אַז באַלד וועט דאָס ראַטה־הויז אין פלאַמען צופאַלען, האָט איהם אויסגעזעהן אַ גוטער צייט־פערטרייב צו זיין.

נאַטירליך, וועט דאָס ראַטה־הויז ניט אַבגעברענט ווערען, עס וועט בלויז צורינען אין דעם ריינסטען, פערפאַלקאָמסטען עלעמענט פון פייער, פון גאָט אַגני, דעם הייליגען פייער.

ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָהנט, אַז באַטקא האָט וועגען קעראָסין גערעדט.

עס איז פּראָסט געווען שרעקליך, ווי ער האָט כסדר וועגען די וויכטיגסטע זאַכען פערגעסען.

אַ פערצווייפלונג האָט איהם ארומגעכאַפּט... ער איז אין געדאַנק דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען געשפּרעך מיט באַטקאַ און מיט שרעק האָט ער זיך איבערצייגט, דאָס ער געדענקט גאָר ניט.

ער איז אויפגעשפּרונגען.

יעצט האָט ער שיער וועגען קעראָסין פערגעסען.

ער האָט פאַרזיכטיג געטאַפּט ארום זיך.

ווירקליך! ביי דער טהיר איז אַ גרויסע כלי מיט קעראָסין געשטאַנען.

ער האָט זי גענומען און די גאַנצע צייט אין האַנד געהאַלטען.

אויב ניט, האָט ער נאָך געקענט פערגעסען אַז דעם אין לעצטען מאָמענט.

ער האָט זיך ווידער אוועקגעזעצט און האָט פיבערהאַפט די כלי אין ביידע הענד צוזאַמענגעדריקט.

יעצט איז ער צופריעדען געווען. ער האָט לאַנג און גענוי געטראַכט וועגען זיין אַרכעלאָגישער אַרבייט, וועגען די שווירינקייטען, מיט וועלכע איהם איז אויסגעקומען דיזע אַלע פאַפּירען דורכצוקוקען..

פּלוצלינג איז איהם איינגעפאַלען די געניאַלע קאָמבינאַציע פון די קינסטליכע לעכער, וועלכע מען האָט אויסגעבויערט אין די ציינגעל פון אַ מאָנאַסטיר פון זיעבצעהנטען יאָהר־הונדערט.

ער האָט באַלד געמוזט זיין אַרבייט פערווירקליכען. קיין מענשען איז נאָך דיזע קאָמבינאַציע ניט איינגעפאַלען. אַזעלכע לעכער האָבען

זיך אין פיעלע וועגד פון יענער צייט געפונען.

מיט פערגעניגען האט ער דעם געדאנק ענטוויקעלט, נאר ער איז גיך אויף דאס־ניי אריינגעפאלען אין א צושטאנד פון אומעט און שלעפֿעריגקייט.

אויף דער גאס האט זיך געהערט דאס קלאפען פון רעדער, און פון ערגעץ ווייט האבען זיך געהערט ווילדע, איבערגעריסענע געשרייען...

יעצט וועט ער, וואהרשיינליך, באלד דעם גלאקען־קלאנג דערהערען.

ער איז געווען רוהיג, כמעט אפאטיש.

ער האט אין גאנצען פערגעסען, נאך וואס ער געפינט זיך דא.

ער איז געזעסען אזוי בעקוועם. ער האט אויך ניט געפיהלט קיין אויסערגעוועהנליכע קעלט: ניין, אין גאנצען ניט... אין אלגעמיין האט ער זיך געפיהלט פאלקאם געזונד; פאלקאם געזונד, — האט ער איבערגע׳חזר׳ט שטיל און האט צופריעדען געשמייכעלט.

עס איז נאר מאדנע, וואס ער איז אזוי שלעפעריג געווען. ווען ער זאל נאר די אויגען צומאכען, וואלט ער באלד, מיט אמאל איינגעשלאפען.

ווארום זאל ער טאקי ניט איינשלאפען? ער איז דאך אזוי פיעל נעכט אויף געווען?

א שרעקליכער פחד איז איהם בעפאלען.

— גאט! צי בין איך פון זינען אראב?

אן אונבעגרייפליכע אויפרעגונג האט איהם בעהערשט. וואס האט אייגענטליך מיט איהם פאסירט? זאל דאס א פיבער זיין?

אין קאפ האט ביי איהם אזוי גערוישט.

זאל דאס האבען אויף איהם דער פיבער אזוי שטארק געווירקט, דאס ער האט וועגען אלץ פערגעסען? ער האט זיך דערשראקען פאר דעם געדאנק, אז דאס איז בלויז א חלום, נאר פלוצלינג האט ער דערפיהלט אין האנד די כלי, וועלכע ער האט פיבערהאפט צוזאמענגעדריקט.

דאס האט איהם געגעליך צום בעוואוסטזיין געבראכט.

ווען ער זאל נאר וויסען, וויפיעל עס איז דער זייגער!

דער שמערצליכער פערלאנג צו ערפאהרען, וויפיעל עס קען זיין

דער זיינער, האט איהם געמאטערט מעהר, ווי אלע פריהעריגע רעיונות.

גאט, גאט! ווען ער זאל נאר אויף וואס־ער־ניט־איז אופן קענען ערפאהרען.

מויזענדער געדאנקען זיינען ביי איהם אין קאפ דורכגעפלויגען, אויף וואס פאר אן ארט ער וואלט עס געקענט טהאן; נאר אינ'ם זעלבען מאמענט איז ער ווייטער צו זיך געקומען.

וואהנזינען! עס זעהט אוים אויף דאס־ניי א פיבער.

נאכהער האט ער ווייטער וועגען נארדאן'ען געטראכט. ער האט זיך דערמאהנט, אז גארדאן דארף אויף איהם ווארטען צווישען די צווייגען, הינטער'ן בריק. ער האט, אלזא, געמוזט דורכקריכען דעם געפעהרליכען וועג אין דער לענג פון טהאל. עס קען איהם נאך אי־מיצער בעמערקען פון בריק, ווען ער וועט זיך דורכ'ן טהאל דורכ־גנב'ענען.

א מאדנע זאך, וואס די אלע געדאנקען האבען איהם געגצליך ניט בעאונרוהיגט.

ער האט זיך זעהר געוואונדערט.

די גאנצע זאך האט איהם אויסגעזעהען אזוי לעכערליך גרינג. מיט אונבעגרענצטע פעראכטונג האט ער געטראכט וועגען דער שרעק, וועלכע ער האט פריהער דורכגעלעבט. ער האט אין אלגעמיין ניט געוואלט מעהר טראכטען וועגען דעם, אויב ניט, וואלט ער זיך גע־מוזט שעהמען פאר זיך אליין.

יעצט וועט ער, וואהרשיינליך, באלד דעם גלאקען־קלאנג דער־הערען... ער וועט שוין לענגער ניט דארפען ווארטען. ער האט עס דייט־ליך געפיהלט.

און פלוצלינג האט ער שרעקליך א ציטער געטהאן. ער האט אנ־געפאנגען צו ציטערען אזוי, דאס די כלי האט זיך ביי איהם אין האנד געשאקעלט. די ציין האבען זיך ביי איהם געווארפען און ער האט א דורכדרינגענדע קעלט געפיהלט.

שוין באלד! נאך איידער ער וועט מויזענד אבצעהלען.

א קאלטער שוויים איז איהם אויפ'ן שטערען ארויסגעקומען. ער האט אנגעפאנגען צו צעהלען.

אין דעם — פלוצלינג — עס קלינגט !...

דאס הארץ האט ביי איהם אויפגעהערט צו קלאפען. האט ער ווירקליך א גלאסטן־קלאנג געהערט? ער איז ניט זיכער געווען. גאט! דאס איז, וואהרשיינליך, בלויז דער גערויש פון בלוט, וואס האט איהם אין קאפ אריין א קלאפ געטהאן.

ער האט געוואַרט. עס איז א גאנצע עוויגקייט פערבייגעגאנגען. ער האט געוואלט זיך בעהערשען, נאר ער איז ניט אימשטאנד געווען.

און דער גלאקען־קלאנג האט גערוישט אין זיינע אויערען אלץ שטארקער: א לאנגער, אומעטיגער קרעכץ.

ער האט זיך צוגעהערט...

ניין, ער האט קיין טעות ניט געהאט!

מעכאניש האט ער די בלעכענע כלי געעפענט און האט מיט איהר אין דער לופטען א ידרעה געטהאן; נאר ער האט די קרעפטען פערלארען און איז צוזאמען מיט דער בלעכענער כלי אויף דער ערד אנידערגעפאלען.

ער איז אויפגעשפרונגען, האט מיט ציטערענדע, פיבערהאפטע, שווידערענדע הענד דעם קעראסין אויף דער קופע פאפירען אויסגעגאסען, ער האט די שוועבעלאך געפונען, נאר ער האט געציטערט אזוי שטארק, דאס ער האט קיין שוועבעלע ניט געקענט אנצינדען. אם ענדע האט זיך איהם דאס איינגעגעבען. ער האט זיך מעכאניש אויף עטליכע טריט אבגערוקט און האט דאס שוועבעלע א ווארף געטהאן. אין איין אויגענבליק האט א פלאם ארויסגעפלאצט.

ער האט זיך צום ארויסגאנג געווארפען. נאר ער האט די טהיר ניט געקענט עפענען. אין דער זעלבער מינוט האט ער זיך דערמאנט, מיט וואס פאר א מיה ער האט זי געעפענט, איידער ער איז אריינגעגאנגען... ער האט שוין ניט געדענקט, ווי אזוי ער האט זי געעפענט... ער האט דאס בעוואוסטזיין פערלארען... דער רויך האט איהם געשטיקט... ארומגענומען מיט א טויט־שרעק, האט ער מיטביידע הענד די טהיר געריסען, האט זיך צובלוטיגט די הענד אן די פערראסטעטע שרויפען פון אלטען שלאס. מיט ווילדער פערצווייפלונג האט ער זיך אויף דער טהיר געווארפען, האט זי געריסען, געקלאפט מיט די פויסטען, מיט די פיס... אומזיסט.

דאמאלס האט ער אנגעפאנגען פון טויט־שרעק צו שרייען, ווי א חיה, אזוי, דאס די לונגען האבען ביי איהם שיער געפלאצט. דער הוסט האט איהם געשטיקט.

מיט א בליץ־שנעלקייט האבען זיך די פלאמען פערשפרייט. זיי האבען איהם שוין די פיס געלעקט. אונבעוואוסטזיניג האט ער פון זיך די קליידער אראבגעריסען, האט זיי אויפ'ן פייער געווארפען, בעמיהענדיג זיך צו פערלעשען עס; ער האט געארבייט מיט די לעצטע קרעפטען, האט געכאפט אלץ, וואס איז איהם אונטער די הענד געקומען, און האט עס אויף דעם פלאם געווארפען.

ער האט געשריען און געלאכט. ער האט וועגען דעם גאנצען נעבאהר פון לעבען פערגעסען. עס האט זיך איהם שוין געדאכט, אז ער האט דאס פייער פערלאשען. ער האט מיט די פיס געטרעטען, מיט די הענד דערשטיקט, ער האט געקעמפפט מיט דיזען טויזענד־קעפיגען הידרא—הידרא! נאר פלוצליגג האט א פלאם ארויסגעפלאצט פון דאס ניי. אנפאנגס בלויז רויך, נאכהער פלאם־שטריכען אין דער הויך — פייער־צונגען.. ער האט געהוסט אזוי, ווי ער זאל וועלען אלץ פון זיך ארויסווארפען: עס האט זיך א שרעקליכער בלוטשטורץ אנגעפאנגען.

ער האט אנגעהויבען ארומצולויפען און איז אומגעפאלען. א שרעקליך העלע ליכט האט איהם אויף א סעקונדע פאר די אויגען א שיין געטהאן....

נאכהער בלויז שווארצע רעדער — און פלוצלינג איז געווארען אזוי ווייך, אזוי אנגענעהם — אזוי.. אך! אזוי..

8.

גארדאן האט פערלארען זיין געקינסעלטע רוהיגקייט, וועלכע ער האט מיט דער אנשטרענגונג פון אלע קרעפטען א גאנצען טאג אנגע־האלטען.

ער איז געזעסען צווישען די צווייגען איבער'ן טהאל און האט אויף סטעפאן'ען געווארט.

די צייט אט איהם אויסגעזעהען אונענדליך לאנג צו זיין.

וואס, צום טייוועל, האבען די ביידע אזוי לאנג געטהאן? צי דען איז עס אזוי שווער צו עפענען א נארישע שאפע מיט דער הילף פון פראכטפול נאכגעמאכטע שליסלען?

א שטערונג? פלוצלינג, אונערווארטעט?...

ער האט א ציטער געטהאן.

און, פילייכט, האט סטעפאן נאך אלץ קיין מוט ניט געהאט?...

נו, ער איז דאצו צוגעגרייט געווען. ער וועט נאך א פיערטעל שטונדע ווארטען. נאכהער וועט ער אליין געהן און טהאן.

ער האט וועגען פערשיעדענע שוועריגקייטען געטראכט.

עס איז ווירקליך ניט גוט געווען, וואס ער האט זיך מיט אזא צוטרוי אויף סטעפאן'ען פערלאזט... אבער, ניין, עס איז אונמעגליך: סטעפאן וועט עס געוויס טהאן.

פלוצלינג האט ער דערזעהן דעם ערשטען פלאם, וואס האט זיך פון ראטה־הויז ארויסגעריסען.

ער האט געקוקט אזוי, ווי ער וואלט זיך קיינמאל דארויף ניט געריכט. ער איז אויסערגעוועהנליך פערוואונדערט געווען.

נאכהער האט ער א ווילדען שטורעם פון בייזע פלאמען געזעהן: ער האט כמעט די גלייכגעוויכט פערלארען.

א טהירישע פרייד האט איהם ארומגעכאפט. דאס געזיכט האט זיך ביי איהם אויסגעקרימט. ער האט געהאט אן אונגעהייערען פערלאנג צו שרייען פון פרייד, ער איז גרייט געווען מיט א ווילדען טאנץ ארום

דעם ראטה־הויז צו שפרינגען... דער פערלאנג ארויסצולאזען א פרייד־געשריי איז געווען אזוי גרויס, אז ער האט געמוזט אנווענדען אלע קרעפטען, אום זיך איינצוהאלטען.

אין דער זעלבער מינוט איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאנק אס־טאפ׳ס ווערטער: דו איינער ביזט צווישען אונז א משוגענער!

דאס האט איהם צום בעוואוסטזיין געבראכט, נאר דאך האט ער מיט וואקסענדער בעגייסטערונג ווייטער געקוקט אויף די פלאמען, וועלכע האבען זיך, ווי מעכטיגע פייער־צונגען, פון יעדען פענסטער ארויסגעריסען.

עס איז איהם דורכגעפלויגען א געדאנק, דאס ביי אזא העלער, ווי ביי־טאג, בעלייכטונג קען מען איהם בעמערקען.

ער האט זיך טיעפער צווישען די צווייגען פעררוקט.

אזוי איז ביי א פערטעל שטונדע פערבייגעגאנגען.

סטעפאן האט שוין געדארפט צוריקקומען.

זאל מען איהם האבען געכאפט, ווען ער איז אנטלאפען?

אונמעגליך! אלע זיינען ביי דער פאבריק געווען.

מיט אנשטרענגונג האט ער זיך איינגעהערט, נאר ער האט בלויז געהערט דאס טויבע געפילדער פון המון, וועלכעס האט זיך מיט יע־דער מינוט דערנעהענטערט.

אהא! יעצט האבען דיזע בהמות בעמערקט, אז דאס ראטה־הויז ברענט.

ער האט א שמייכעל געטהאן מיט פעראכטונג.

ער האט דייטליך געהערט דאס געשריי פון מענשען, וואס זיי־נען איבער די גאסען געלאפען: ער האט זיך פארזיכטיג ביז׳ן סאמע בריק פער׳גנב׳עט און האט אויפמערקזאם אויף אלע זייטען זיך ארומגעקוקט.

ער האט געווארט, ציטערנדיג מיט׳ן גאנצען קערפער. די שרעק איז אלץ געוואקסען און געוואקסען.

און, פיעלייכט, איז סטעפאן געלאפען צום זומער־הויז גלייך דורכ׳ן פעלד?

אבער אין אזא פאל האט ער איהם געמוזט אונבעדינגט בע־מערקען...

פונדעסטוועגען האָט ער זיך שטאַרק צו דעם געדאַנק צוגעטשע־פּעט. אַבוואָהל ער האָט אַליין ניט געגלויבט אין דעם.

און, פּילייכט, איז ער דורך דער שטאָדט געגאַנגען?...

אונמעגליך! אונמעגליך! עס איז אַלץ געווען אַזוי אויסגעשטעלט, דאָס ער האָט געקענט געהן נאָר מיט דיזען וועג...

ער האָט פּלוצלינג מיט אונצווייפעלבאַרער זיכערהייט פערשטאַ־נען, אַז סטעפאַן איז אין ראַטה־הויז אומגעקומען...

ער האָט וועגען פּאַרזיכטיגקייט פערגעסען, ער איז אין אַזאַ צושטאַנד פון פערצווייפלונג געווען, דאָס יעצט איז ער צו אַלץ גלייכגילטיג געווען ווען אימיצער זאָל איהם יעצט פרעגען, אויב די אַלע שרפות זיינען זיין ארבייט, וואָלט ער ניט געשטאַמעלט און גלייך מיט יא געענטפערט.

ער האָט זיך פערטראַכט.

וואָלט ער ווירקליך געזאָגט: „יא!"

ער האָט א ציטער געטהאַן. ער האָט זיך ווייטער וועגען דעם קאַנאַריק דערמאַנט.

דאָס האָט אויף איהם זעהר אונאַנגענעהם געווירקט. ער האָט געפיהלט א שרעקליכע אונצופריעדענהייט, וואָס ער האָט זיך ביי אַזאַ שוואַכקייט געכאַפּט.

אין איין אויגענבליק איז ער ווייטער בייז און גלייכגילטיג גע־וואָרען.

סטעפאַן איז שוין, וואַהרשיינליך, אין דער היים.

ער איז פּאַרזיכטיג געגאַנגען... ניין, די פּאַרזיכטיגקייט איז פּשוט לעעבערליך געווען. די גאַנצע שטאָדט איז אָדער ביים ראַטה־הויז אָדער ביי דער פאַבריק...

ער איז צו וורראַנסקי'ן צוגעגאַנגען.

נאָר אויף די טרעפּ האָט ער מיט זיכערהייט געוואוסט, אַז וורראַנס־קי איז אין ראַטה־הויז אומגעקומען.

די טהיר איז געווען אָפען. ער איז אַריינגעגאַנגען און האָט דעם לאָמפּ אָנגעצונדען.

נאָכהער איז ער אין פּאַליא'ס צימער אַריינגעגאַנגען.

דער לאָמפּ האָט אויפ'ן טיש געברענט, נאָר פּאַליא איז צו הויז

ניט געווען.

„דאכט זיך, אז זי איז ווירקליך ארויסגעגאנגען" — האט ער גע־טראכט און זיך אוועקגעזעצט.

פלוצלינג האט איהם א שרעק ארומגעכאפט. דאס בלוט האט איהם אין קאפ א קלאפ געטהאן.

פאליא איז דאך קראנק! — דער געפיהל פון שרעקליכען אונ־גליק, וועלכעס האט פאליא׳ן געקענט טרעפען, האט אויף איהם א פיבערהאפטע שרעק געווארפען.

זי האט, נאטירליך, וועגען דער שרפה געהערט. אויב זי האט עפעס געפיהלט.. אבער וואו קען ער זי זוכען?

זי וועט געוויס ביי׳ם ראטה־הויז זיין.

ער איז אויף דער גאס ארויסגעלאפען. ער האט שוין ניט געטראכט מעהר וועגען די מיטלען פון פארזיכטיגקייט, פאר וועלכע ער האט א פלאן אויסגעארבייט. עס וואלט איהם ווירקליך קיינער ניט גע־דארפט יעצט זעהן דא...

„אה, וואהנזין! ווער וועט יעצט דארויף אויפמערקזאמקייט שענ־קען" — האט ער א טראכט געטהאן, זיך בערוהיגענדיג.

אלע גאסען זיינען מיט מאסען מענשען אנגעשטאפט געווען. א שרעקליכע פאניק האט אלע ארומגעכאפט. מען האט געשריען און געוויינט און מען איז בעוואוסטלאז געלאפען אהין און אהער.

עס האט זיך פערנאנדערגעטראגען א קלאנג, אז די גאנצע שטאדט דארף אבגעברענט ווערען. דער קלאנג האט זיך באלד אין א זיכער־הייט פערוואנדעלט. גאהדאן׳ען האט זיך געדאכט, דאס ער האט אין גיהנום אריינגעטראפען. מיט פיעל מיה האט ער זיך צום ראטה־הויז דורכגעשטופט.

די פייער־לעשער האבען זיך אויסגעשטעלט אין א קייט, אום אויסצומיידען אן אומגליק, ווען די געביידע וועט איינפאלען. נאר אלע ווייל האט מען די קייט איבערגעריסען. יעדער איינער האט געוואלט ראטעווען און דערמיט א גרעסערען געטומעל געמאכט.

עפעס האט אימיצער צו ארדנונג גערופען און אויסגעשריען: „פייער־לעשער׳ס פון א שכנות׳דיגער שטאדט זיינען אנגעקומען". נאר קיינער האט איהם ניט געהערט. די זיכערהייט פון אונגליק

איז געוועזן אזוי גרויס, אז קיינער האט שוין די קלענסטע האפנונג נים געהאט.

פון די הייזער, וואס האבען זיך מיט'ן ראטה־הויז געגרענעצט, האט מען אויף דער גאס ארויסגעווארפען בעטגעוואנד און הויז־ווירטשאפט. מיט זינלאזער געאיילטקייט האט מען זיך בעמיהט עט־וואס אבצוראטעוועו. נאר דער שרעקליכער ים פון פלאמען האט שוין די ארומיגע הייזער פערגאסען.

— אין קלויסטער אריין! אין קלויסטער אריין! — האט עפעס א מענש געשריען... בעטען ביי גאט רחמנות...

דער המון האט די היטלען אראבגענומען און עס האט זיך באלד דערהערט א שרעקליך געזאנג, אין וועלכען עס האט א ווילדער פחד אבגעהילכט. דאס איז שוין נים קיין געזאנג געווען, נאר א שטורעם: אונטער דיין געטליכער השגחה... דער המון האט זיך לאנגזאם צום קלויסטער גערוקט. קיינער האט שוין נים געקלערט וועגען ראטעווען דאס ראטה־הויז און די ארומיגע הייזער. עס איז אלץ איינס אונמעגליך געווען. די וואסער פאמפעס האבען שוין נים געארבייט און מיט עמערס האט מען גאר נים געקענט מאכען.

נארדאן האט אלץ געזעהן און געהערט; א קאלטער שוידער איז איבער זיין קערפער דורכגעלאפען. ער האט נים געוואוסט, וואס עס טהוט זיך מיט איהם, דאס הארץ האט ביי איהם שרעקליך געקלאפט און דער האלז איז ביי איהם געווען ווי איינגעשטייפט.

ער האט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען זוכען פאליא'ן.

פלוצלינג האט זיך א הויך פרייד־געשריי דערהערט:

— פייער לעשער! פייער־לעשער!

מען האט נים געוואוסט פון וואנען זיי זיינען געקומען. ווי א נס איז עס געשעהן... עס זיינען קיין גאנצע פינף מינוט נים פערביי, ווי פאר דער ארבייט האט זיך גענומען א גוט־אויסגעלערנטע קאמפאניע פייער־לעשער.

דאס ראטה־הויז האט מען צום פייער מקרב געווען; די ארומיגע הייזער האבען שוין אין העלע פלאמען געברענט; מען האט זיך בלויז אנגעשטרענגט צו פערהאלטען דאס פייער פון ווייטער זיך צו פער־שפרייטען.

עס איז נאך קיין פערטיל שטונדע ניט פערבייגעגאנגען, ווי דער המון האט א נייע פערצווייפעלט געשריי ארויסגעלאזט:

— קארטום'ס זומער־הויז ברענט!

גארדאן האט א ציטער געטהאן פון פרייד. אלזא, סטעפאן לעבט.

עס האט זיך איהם געדאכט, אז עפעס אן אויסערליכע קראפט אטהעמט איין זיין נשמה אריין.

ער האט זיך ווייטער געפיהלט שטארק. נאר האט נאך געמוזט פאליא'ן געפונען...

„זי איז וואהרשיינליך ביי העליא'ן" — האט ער געטראכט.

ער איז אריינגעפאלען צווישען א המון מענשען, וואס האט זיך צוזאמענגעקוועטשט אויף איין פלאץ, ניט זייענדיג אומשטאנד פון ארט זיך צו ריהרען.

די נאכריכט, אז דאס זומער־הויז ברענט, האט נאך מעהר די אלגעמיינע פערצווייפלונג פערשטארקט. עס האט זיך געדאכט, אז די גלאקען האבען נאך העכער געקרעכצט; דאס געזאנג, וואס איז אויף א וויילע שטיל געבליבען, האט מיט א נייער שרעקליכער קראפט אבגעקלונגען. גארדאן האט דיזע יאמערען פון פערצווייפלונג מעהר ניט געקענט הערען. ער האט זיך דורך דעם המון דורכגעשטופט און איז מיט א זייטיג געסיל צום מארק געקומען. דער גאנצער מארק איז מיט מענשען אנגעשטאפט געווען; אלע זיינען אויף די קניע גע־שטאנען פאר דעם בילד פון הייליגען וואויצעק און האבען געזונגען. מען האט בילדער פון הייליגע ארויסגעטראגען און אויף די הייזער זיי אויפגעהאנגען.

דאס געזאנג האט זיך געענדיגט.

עפעס אן ארבייטער האט אנגעהויבען הויך צו זאגען א תפילה צו דער יונג־פרוי מאריא.

מען האט בלויז געקענט הערען דאס צוזינגען, ווען דער המון האט מיט געוויין און קרעכצען צום הימעל געוועגדעט: בעט פאר אונז! זאלסט אונז בעשיצען!

יעדע מינוט האט מען נאכריכטען וועגען א נייע אונגליק ער־וואַרטעט; דער פאנאטישער עקסטאז פון טויט און פערניכטונג האט דעם המון צו אונזין געבראכט. קיינער האט שוין וועגען ראטעווען זיין

איינענטהום נים געטראכט; די זיכערהייט, אז די גאנצע שטאדט וועט א קרבן פון פייער ווערען, האט פאראליזירט יעדע מעגליכקייט צו דענקען. עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז אין א האלבע שטונדע ארום וועט דעם שטאדט פערוואלטער'ס הויז זיך אנצינדען. מען האט ערווארטעט אלץ מיט געדריקטער פערצווייפלונג. און אין א פענס־טער ערגעץ האט א פייער א בלישטש געטהאן; מען האט באלד גע־גלויבט, אז דאס הויז פאנגט אן צו ברענען.

די פאניק האט יעדען פערשטאנד פאראליזירט. עס איז שוין קיין האפנונג נים געווען. גאט האט די שטאדט פערשאלטען און פערלאזט. זי איז פעראורטהיילט געווען אהן רעטונג אבגעברענט צו ווערען...

א וועה! א וועה! הייליגער פאטער!

ביי דער זיים פון קלויסטער האט זיך א פראצעסיאן געצויגען. און דער שפיצע איז אונטער דער חופה געגאנגען דער יונגער גלח מיט דעם הייליגען ברויט קעסטיל אין האנד.

א ניי געזאנג, א נייער יאמער פון פערצווייפלונג:

ווער וועט זיך אויף גאט'ס בעראט פערלאזען?...

עס האט אנגעהויבען א שטילקייט צו הערשען. עס האבען זיך בלויז געהערט די אויסגעשרייען פון די פייער־לעשערס, וואס זיינען ביי'ם ראטה־הויז געשטאנען.

דער גלח האט דאס הייליגע ברויט־קעסטיל אויפגעהויבען.

די מענשען זיינען צו דער ערד געפאלען, האבען זיך גע'צלם'ט און זיך אין הארץ געקלאפט.

עס איז געווען ליכטיג ווי ביי־טאג.

ווי צומישט איז גארדאן פאר עפעס א הויז געשטאנען. ער האט געקוקט אויף דיזער שרעקליכער סצענע און געטראכט. זיין נשמה איז פערשטומט געווארען. ער האט שוין וועגען פאליא'ן נים גע־קלערט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז פאליא האט אויפגעהערט צו עקזיסטירען. ער האט געוואלט בלויז אנטלויפען, ווייט־ווייט אנט־לויפען...

אבער וואוהין?

פערשטעהט זיך, צו סטעפאנען... ער מוז דאך שוין יעצט אין

דער היים זיין.

מיט א געוויסען פערגעניגען האט ער געטראכט וועגען דעם, דאס קיינער האט וועגען קארטום'ס זומער־הויז ניט געזאָרגט. דער הונד, וועלכער האט דערלאָזט, אז סטעפאן זאל פון הונגער שטארבען, וועט דעם גרעסטען שאדען ליידען.

ער האט חשק געהאט הויך זיך צוצולאכען.

די פערצווייפלונג פון דיזע מענשען האט איהם פלוצלינג אזוי לעכערליך אויסגעזעהן.

„אזא ביסעלע פייער!" — האט ער מיט פעראכטונג געטראכט.

„אזא ביסעלע פייער!" — האט ער איבערגע'חזר'ט און האט דערביי א האס געפיהלט.

דער געדאנק וועגען דיזען גליקליכען ביסעלע פייער האט איהם ניט פערלאזט.

ער האט ניט פערשטאנען, ווי ער האט מיט עטליכע מינוט פריהער געקענט זיין אזוי געריהרט פונ'ם געוויין און טהירישען יא־מער פון דיזען נארישען המון. ער האט זיך דורכגע'גנב'עט צווישען די הייזער און איז באלד פון מארק וויים געווען.

אסטאפ קען ווארטען! זאל ער זיך אברוהען נאך'ן טהאט...

ווען ער איז וויימער אויף די טרעפ צו סטעפאן'ס וואוינונג בעגאנגען, האט ער געפיהלט, ווי דער קאפ פערדרעהט זיך איהם. ער האט זיך געמוזט אן דער וואנד אנכאפען, אום ניט אומצופאלען.

די טהיר האט זיך שנעל געעפענט.

סטעפאן! האט פאליא'ס שטימע אבגעקלונגען.

— דו... דאס ביזט דו....

גארדאן איז געבליבען שטעהן פאר איהר, ניט רעדענדיג אווארט, און האט א שמייכעל געטהאן.

וואו איז סטעפאן?

ער איז נאך אין דער היים ניטא?

וואו איז סטעפאן? ! ער איז אין האטעל ניט געווען. דו ווייסט, וואו ער איז! דו—דו!... וואו איז ער?

— איך... איך וויים ניט!

— דו ווייסט! דו ווייסט!... דו ביזט דא געווען... האסט זיך

מיט איהם אבגערעדט... איך האב געהערט, ווי ער האט געזאגט: איך קען ניט!

גארדאן האט זיך דערשראקען און איז בלייך געווארען, ווי א מת.

זי האט זיך א ווײלע אין איהם איינגעקוקט. עס האט זיך גע־דאכט, אז די ליכט פון איהרע אויגען האט זיך אין טויט־שרעק צר־שמאלצען.

— צו האט ער דאס געטהאן? — האט זי אויפ'ן ראטה־הויז אנגעצייגט.

— צי האט ער דאס געטהאן? — האט זי געשריען מיט א היסטעריש געלעכטער און האט בייז די האנד אויפגעהויבען.

— דו האסט איהם פאר א מערדער געמאכט... דו! דו!..

— ניין! דאס אלץ האט סאבעק געטהאן — האט גארדאן גע־זאגט בייז און רוהיג. ער האט אליין ניט פערשטאנען, ווי ער האט אין יענער מינוט זיך געקענט בעהערשען.

נאר ער האט ווידער געפיהלט ווי דער קאפ פערדרעהט זיך איהם. ער האט זיך אויף א שטוהל אוועקגעזעצט; פונדעסטוועגען איז ער אין א מינוט ארום בעוואוסטלאז צו דער ערד געפאלען.

ער האט פאליא'ס געשריי געהערט; נאכהער האט ער געפיהלט, אז ער שלינגט עפעס.

ער איז געקומען צו זיך, האט פון איהר האנד די פלאש גענו־מען און האט מיט חשק דעם קאניאק געטרונקען.

ער האט געוואוסט, דאס זי שטעהט נעבען איהם אויף די קניע און קוקט זיך מיט שרעק אין איהם איין.

— איז דיר בעסער? — האט זי א פרעג געטהאן.

— עס וועט באלד איבערגעהן. ער האט זיך אויפגעהויבען און זיך אוועקגעזעצט.

— נאט מיינער! ווי בלייך דו ביזט! לעג זיך אויפ'ן בעט.

— ניין, דאנקע!

ער איז א ווײלע אזוי געזעסען.

— דו ווייסט ניט וואו סטעפאן קען זיין?

— געווים ביי דער שרפה.

— אבער איך האב איהם אומעטום געזוכט — האט זי אנגע־

פאנגען צו וויינען.

— איך האב דיך אויך געזוכט, אבער אין דיזען געטומעל איז אונמעגליך אימיצען צו געפינען.

זיי האבען לאנג געשוויגען. פאליא האט זיך בערוהיגט.

— ביזט נאך קראנק, פאליא?

— יא, קראנק, זעהר קראנק; עס איז מיר אזוי קאלט. איך האב פיבער.

זי האט געציטערט.

— איך האב אזוי מורא געהאט, אז דו, אז סטעפאן זיינען שולדיג אין דעם... איך בין געזעסען אין קיך און געהערט... איך האב אזוי מורא פאר דיר... פאר איהר אויך... זי האט מיך אזוי געמאר־טערט. און אבענד־צייט פלעגט זי מיר דערצעהלען וועגען דיר אזעלכע שרעקליכע זאכען...

גארדאן האט קיין ווארט ניט גערעדט.

זי איז אויפגעשפרונגען.

— רייד שוין עפעס! רייד! רייד!

— איך האב זיך געשראקען פאר דיר, פאליא.

זי האט זיך גיפטיג צולאכט.

— אט, זעהסט, זעהסט, האסט זיך געשראקען... פאר מיר שרעקסטו זיך, אבער זי, זי ליעבסטו. נאר זי!

זי האט איהם אבגעשטויסען.

— פאר איהר האב איך מיך קיינמאל ניט געשראקען.

זי האט זיך ווייטער אוועקגעזעצט. זי איז שרעקליך פערמאר־טערט געווען.

— עס איז אזוי שווער צו דענקען. איך קען די געדאנקען ניט צוזאמענקלייבען... דער קאפ איז ביי מיר אזוי שווער...

זי האט געציטערט פון קעלט און האט זיך צו איהם געטוליעט.

ער האט זי צערטליך ארומגענומען. יעצט איז ער זיכער געווען, אז סטעפאן איז ערגיץ אומגעקומען, נאר ער האט זיך שוין מעהר וועגען איהם ניט בעאונרוהיגט. ער האט פערגעסען וועגען איהם, ער האט נעבען זיך בלויז דאס ארימע קאנאריקעל געפיהלט.

קאנאריקעל! דאס ערשטע מאל האט איהם דיזער געדאנק שעהן

אויסגעזעהן.

עס איז ווידער פיעל צייט פערשוואונדען.

פאליא האט היץ געהאט. מינוטענווייז האט זי אן אונרוהיגער שטאלץ ארומגענומען, זי האט וועגען סטעפאן'ען געפרעגט און איז ווידער איינגעשלאפען.

גארדאן האט אויפ'ן זיינער א קוק געטהאן.

עס איז א פערטעל צו פיער געווען.

יעצט איז ער געווען זיכער, דאס סטעפאן וועט שוין קיינמאל נים צוריקקומען, קיינמאל...

ער האט מעהר נים געטראכט וועגען דעם. סטעפאן האט דאך אלץ איינס געמוזט שטארבען.

פאליא האט איין גאנצען דעם בעוואוסטזיין פערלארען... זי האט גערעדט צואווארפען, אהן א צוזאמענהאנג, האט געלאכט, נאכהער ווידער געוויינט און זיך אויף וועהטאג געקלאגט.

גארדאן איז מאכטלאז געווען.

וואס זאל ער אנפאנגען צו טהאן? ער האט דאך נים געקענט איבערלאזען פאליא'ן אליין אין אזא צושטאנד.

ער האט זי אויפ'ן בעט געלעגט. זי האט קיין ווידערשטאנד נים ארויסגעצייגט.

זי האט בלויז א שמייכעל געטהאן אויס דאנקבארקייט.

ער האט זיך פלוצלינג פערטראכט.

דאס איז דאך גאנץ פערשטענדליך: ער וועט זי נעהמען צו זיך.

סטעפאן לעבט נים.

ער דארף בלויז פערד ברענגען.

— פאליא!

זי האט די אויגען געעפענט.

— איך וועל באלד צוריקקומען.

— וואס? וואס? געה נים אוועק! איך האב מורא!

זי האט מיט זוכענדע בליקען זיך ארומגעקוקט.

סטעפאן איז נאך נים צוריקגעקומען.

— אה, ווי נים גוט מיר איז! — האט זי אבגעקרעכצט און איז ווידער אויפ'ן בעט אנידערגעפאלען.

אין א האלבע שטונדע ארום האט זיך גארדאן אומגעקעהרט.

זיין פעטער האט זיך אויפגעפיהרט, ווי א משוגענער, נאר גארדאן האט דארויף קיין אויפמערקזאמקייט ניט געשענקט.

אויף די גאסען איז פערהעלטניסמעסיג רוהיג געווארען. די מענשען זיינען מאסענווייז אהיים געגאנגען.

גארדאן האט א קוק געטהאן אויף דער פאבריק, אויף'ן ראטההויז, אויף די חורבות פון אייניגע הייזער, אויף קארטום'ס זומערהויז.

„אזא ביסעלע פייער!" — האט ער געטראכט דערביי מיט פעראכטונג....

„אזא ביסעלע פייער!" — האט ער אויסגעשפיגען.

עס האט איהם אן אונבעגרענעצטע אפאטיע ארומגענומען. זיין געדאנק האט אין גאנצען מעכאניש געארבייט. ער האט ניט געוואוסט צו וואס ער האט דאס אלעס געטהאן. נו, פערשטעהט זיך, אז ער האט עס געטהאן דערפאר, ווייל עס איז איהם דאמאלס אזוי געפעלען.

פאליא איז אין א שטארקע היץ געלעגען.

— יעצט וועסטו פאהרען מיט מיר. סטעפאן'ען האב איך געשריבען, אז ער זאל באלד נאך אונז אונטערקומען.

ער האט גערעדט כמעט מיט פערצווייפלונג, ווייל ער האט געדענקט, אז זי וועט דארויף ניט איינשטימען.

— יא. וואס? ווי?

— צו מיר.

— יא, יא, צו דיר... איך בין אזוי קראנק... אזוי קראנק...

ער האט זי אין א קאלדרע איינגעוויקעלט און אראבגעטראגען. די וואוינונג האט ער געלאזען אפען. יעצט איז דאך דאס אלץ איינס געווען.

ער האט זי פארזיכטיג אין שליטען אריינגעלעגט.

אויפ'ן וועג איז איהר בעסער געווארען. די קאלטע לופט האט זי אבגעפרישט.

— און סטעפאן? — האט זי דערשראקען געפרעגט.

— ער וועט קומען נאך אונז.

— אזוי גיך ווי זי וועט זיין ביי מיר — האט גאַרדאַן־געטראַכט — וועט מיר לייכטער זיין איהר אַלץ צו דערצעהלען... וואָרום לייכטער?

ער האט זיך אין דעם קיין רעכנונג ניט אָבגעגעבען.

ווען ער האט זיך ביי'ם הויז אָבגעשטעלט און זי פון שליטען אַרויסגענומען, האט זי אָנגעהויבען זיך אָבצושפּאַרען. זי האט זיך ביי איהם פון די הענד אַרויסגעגליטשט און האט די קאַלדרע אָבגע־שטויסען.

— איך וויל ניט געהן צו דיר! איך וויל ניט! — האט זי גע־שריען. — איך וויל געהן אהיים, צו סטעפאַן'ען...

גאַרדאַן איז ווי אין אַ משוגעת אַריינגעפאַלען.

—זיי פערשטענדליך! — האט ער געקריצט מיט די ציין און זי מיט כח אויף די הענד גענומען.

זי האט זיך איבערגעשראָקען און האט שטיל געוויינט.

— אַך, אַך, דו קוועטשסט מיך... די גליעדער טהוען מיר אזוי וועה... איך וועל שוין געהן אַליין.

זי האט זיך געוואַקעלט, נאָר גאַרדאַן האט זי אונטערגעהאַלטען און האט די טהיר פון קאַבינעט געעפענט.

— וואס איז דאס? — האט פּאַליא מיט ניט קיין מענשליכער שטימע אַ געשריי געטהאַן און איז בעוואוסטלאָז צו דער ערד גע־פאַלען.

גאַרדאַן איז צומישט געוואָרען פון שרעק.

אין מיטען צימער, אויף דעם האַקען פון לאָמפּ, איז אַסטאַפּ געהאַנגען.

פיערטער טהייל:

אויפ׳ן צווייטען טאָג.

1.

— איז דאס ראטה־הויז אין גאנצען אבגעברענט געווארען ?— האט גארדאן געפרעגט, ניט קוקענדיג אויף באטקא'ן.
— ווען איך בין אוועקגעגאנגען, זיינען בלויז חורבות פון די ווענד געבליבען... קארטום'ס זומער־הויז ברענט נאך מיט אלע פלאמען.
— און אלע זיינען איבערצייגט, אז סאבעק האט עס געטהאן?
— א, ניין! און דאס איז טאקי די צרה. דאכט זיך, אז אקאנעק האט אויף זיך עפעס א פערדאכט געווארפען...
— דאס איז ווירקליך א צרה ! — האט גארדאן צוגעשטימט, ניט שענקענדיג פונדעסטוועגען מעהר קיין אויפמערקזאמקייט דארויף.
— דאס געלד האט הארטמאן ? — האט ער ווייטער געפרעגט.
— דו ווייסט דאך שוין וועגען דעם.
— האסטו גערעדט מיט אסטאפ'ן, איידער ער האט זיך אויפ־געהאנגען ?
— יא.
— האט ער דיר געזאגט, אז ער וועט דאס טהאן ?
— יא. ער האט געבעטען, מען זאל איהם לאזען צורוה, ווייל פאר אזא טהאט איז פיעל רוה נויטיג.
— וויפיעל האט געקענט זיין דער זייגער, ווען ער האט זיך אויפ־געהאנגען ?
— ארום דריי.
— אלזא, ניט לאנג בעפאר איך בין צוריקגעקומען.
— יא. דענקסטו אנצונעהמען רעטונגס־מיטלען ?
גארדאן האט געשוויגען.
— דו האנדעלסט ניט פערנינפטיג, גארדאן, — האט באטקא בעמערקט — דו דארפסט ניט יעצט קיינע זייטיגע מענשען אין הויז אריינפיהרען. וואס דענקסט דו צו טהאן מיט דיזער קראנקער ?
— וואס איך דענק צו טהאן ?
ער האט געטראכט.

— וואס דענק איך צו טהאן? וואהרשיינליך גאר נישט. דערוויי׳ל זיצט נעבען איהר מיכאלינא, און מאטשעי איז אין שטאדט אריין נאכ׳ן דאקטאר געפאהרען.

באטקא האט דערשראקען אויף איהם א קוק געטהאן.

— אבער אום גאטעס ווילען! אויף אזא ארט מוזען מיר איהם אוועקנעהמען! — האט ער אויף דער זאפע אנגעוויזען.

אויף דער זאפע איז געלעגען אסטאפ. זיין פנים האט אויסגע־זעהען שרעקליך. די ליפען זיינען געווען אויסגעקרימט מיט א בייזען שמייכעל, די צונג ארויסגעשטעקט, די אויגען האלב אפען.

גארדאן איז אויפגעשפרונגען.

— יא, גאט מיינער! מיר מוזען איהם גלייך אוועקנעהמען.

— אבער וואוהין?

— אין שפייכלער אריין, פערשטעהט זיך, אין שפייכלער אריין. מיר וועלען איהם אין שטרוי בעהאלטען און נאכהער דעם שפייכלער אונטערצינדען. וויפיעל איז דער זייגער?

— האלב נאך זעקס... קיינער וועט אונז ניט בעמערקען?

— ניין, ניין...

— אלזא, געשווינד! נעהם איהם פאר׳ן קאפ!

באטקא האט אסטאפ׳ן פאר די פיס געכאפט.

גארדאן האט אויף א ווייל זיך איינגעקוקט אין באטקא, ווי ער וואלט בעוואוסטלאז געווען.

— ניין, ניין!

גארדאן האט אלע קרעפטען צוזאמענגענומען. ער האט זיך פאר זיין שוואכקייט געשעהמט. ער האט געעפענט די טהיר, וואס האט צום הויף געפיהרט, און האט ברוטאל דעם אמת פאר די אקסלען אנגעכאפט. באטקא האט איהם, שוויינענדיג, פאר די פיס אויפגעהויבען.

זיי זיינען פארזיכטיג איבער׳ן הויז געגאנגען, נאר פלוצלינג האט באטקא זיך אין עפעס אנגעשטויסען און אסטאפ׳ס פיס אבגעלאזט.

גארדאן האט זיך בייז צולאכט.

— געה, עפען דעם שפייכלער, איך וועל זיך שוין אליין אן עצה געבען...

ער האט אסטאפ׳ן אויף די הענד גענומען, נאר ער האט די גאנצע

צײַם פערטשעפעט דעם טויטען'ס קאָפּ אָן די וואַגענס, וואָס זײַנען בײַם שפּײַכלער געשטאַנען: אַ משוגעת איז איהם בעפאַלען: ער האָט דעם טויטען אויף דער ערד אוועקגעלעגט, האָט איהם אונטער די הענד אָנגעכאַפּט און איבער דער ערד געשלעפּט. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער טויטער האָט טויזענדער פונטען געוואויגען. מיט פיעל מיה איז ער צום טויער פון שפּײַכלער געקומען.

— דו ביזט דאָ? — האָט ער געמורמעלט — טו העלף מיר.

בײדע האָבען אַסטאַפּ'ן אין שפּײַכלער אַרײַנגעטראָגען און איהם מיט שטרוי פערדעקט.

— עס וועט איהם דאָ וואַרים זײַן — האָט גאַרדאַן איראָניש געשמײכעלט.

ווען ער איז צוריק אין צימער אַרײַנגעקומען, האָט גאַרדאַן, אַ פערמאַטערטער אויף דער זאַפע זיך אַ וואַרף געטהאָן. באַטקאַ איז מיט גרויסע טריט איבער דעם צימער אַרומגעגאַנגען. ער איז פּלוצלינג שטעהן געבליבען.

— יעצט איז די אמת'ע צײַט, איך זאָל פערשווינדען. אַזוי גיך, ווי דער אָבענד וועט צופאַלען, וועל איך זיך אין וועג אַרײַן ריהרען.

— דו ווילסט ניט זעהן, וואָס הײַנט וועט פאָרקומען? — האָט גאַרדאַן גלײכגילטיג געפרעגט.

— נײן! איך ווײס אַלץ פאָראויס... אָבער הער! אײדער איך וועל אוועקגעהן... צי ווײסטו, אַז דו קענסט לײכט אויף זיך אַ חשד אַרויפוואַרפען?

— בלויז אײן אַקאָנעק לעבט נאָך — האָט גאַרדאַן געענטפערט.

זײ זײַנען פּלוצלינג שטיל געבליבען. בײדע זײַנען צורודערט געוואָרען.

— איך בין נײגיעריג, וואָס אַקאָנעק וועט מאָרגען טהאָן — האָט גאַרדאַן געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך.

באַטקאַ האָט ניט געענטפערט. זײ האָבען לאַנג געשוויגען.

— ער ווײסט ווירקליך צו גוט וועגען דײנע געשעפטען — האָט באַטקאַ אם ענדע אַ זאָג געטהאָן. — נעכטערן נאָך האָב איך גערעדט מיט איהם... ער איז זעהר איבערגעשפּיצט... עס האָט מיר אויסגעזעהן, אַז ער דענקט אויסצונוצען די געלעגענהײט...

גארדאן האט געהערט אהן חשק, נאר באטקא האט זיך דערפון נים בעליידיגט.

— א פויער קען מען ניט גלויבען. עס קען לייכט טרעפען, דאס ער זאל זיך פערראטהען... דו ווייסט דאך די פערפלוכטע בעדירפנים זיך אויסצורעדען ביי אזעלכע מענשען... און היינט דארף ער טאקי רעדען. מען וועט איהם אהן צווייפעל ארעסטירען...

זיי האבען געשוויגען.

— מיט צוויי יאהר צוריק פלעגט ער שיכור'ן — האט באטקא אין א ווײלע ארום געזאגט. — ער האט זאגאר פון משוגעת געליטען. ניט אמת?

— יא.

— אזעלכע מענשען זיינען אונפערטרויליך. און דו האסט זיך מיט איהם אונפארזיכטיג בעגאנגען. ער האט זעהר ליעב צו רעדען. נאר צו דער זעלבער צייט איז ער ניט קיין נאר. ער פערשטעהט אפילו, אז דו קענסט ווערען בעשטראפט פאר דעם אליין, וואס דו האסט בעוואוסט, אז ער האטווירקליך דיין וואלד־וועכטער דערשאסען.

— איך האב פאר איהם א פאספארט קיין רוסלאנד — האט גארדאן אונרוהיג א זאג געטהאן.

— ווי וויים וועט ער מיט איהם אבפאהרען? א פויער וועט זיך מיט אזא זאך קיין עצה ניט געבען.

— איך וועל איהם געלד געבען.

באטקא האט פערקנייטשט די ברעמען און האט נערוועז געביסען דעם פאפּיראס, וועלכער איז כסדר פערלאשען געווארען.

— היינט אבענד, אזוי ארום צעהן אזייגער, וועט ער ווארטען אויף דיר אין וואלד נעבען דעם גרויסען שטיין.

גארדאן האט מיט שרעק אין באטקא'ס געזיכט זיך איינגעקוקט.

— האסטו איהם דאס געהייסען?

— יא.

זיי האבען א ווײלע איינער דעם צווייטען מיט פריינדליכע בליקען אבגעמאסטען.

— דו מוזט דאס טהאן! — האט באטקא געמורמעלט — אויב ניט, זיינען מיר אלע פערלארען.

גאַרדאַן האָט זיך אוועקגעזעצט. ער איז געווען בלייך ווי לייוונט.

— דו מוזט! — האָט באַטקאַ מורמלענדיג ווידערהאָלט.

— שוין! — האָט גאַרדאַן פּלוצלינג אַ געשריי געטהאַן.

זיי האָבען לאַנג געשוויגען...

— אַ מאָדנע זאַך, וואָס מיזערסקי איז נאָך ניט געקומען צו פאָהרען — האָט גאַרדאַן אַ זאָג געטהאַן.

זיי האָבען ווייטער געשוויגען.

— דו האָסט געטהאַן זעהר פיעל, באַטקאַ, — האָט גאַרדאַן אַם ענדע געזאָגט — אָהן דיר וואָלט איך ניט אימשטאַנד געווען דאָס צו פערווירקליכען... מיין ענערגיע איז אָבגעשוואַכט געוואָרען. מען דאַרף זיין גענצליך פריי, אום רוהיג און זיכער אַזעלכע טהאַטען אויסצר פיהרען...

— און דו ביזט דען ניט פריי? — האָט באַטקאַ געפרעגט.

— איך וועל אין גיכען זיין...

ער האָט זיך אויפגעהויבען.

— דו מוזט יעצט געהן, באַטקאַ; דער דאָקטאָר קען יעדער מי־נוט אָנקומען. זאָג דיזע נאַרישע אידיאָטען אין לאָנדאָן, דיזען לע־בערליכען צענטראַלען קאָמיטעט — האָט גאַרדאַן גיפטיג געלאַכט — אַז איך שפּיי אויף זייערע אָרגאַניזאַטאָרישע איינפעלע. זאָג זיי, אַז איך וויל גאָר ניט וויסען וועגען זייערע אַלגעמיין־מענשליכע אידעען. דאָס, וואָס איך טהו, טהו איך בלויז דערפאַר, אום דאָס לעבען צו פערניכטען. זאָג זיי, אַז דער איינציגער דאָגמאַט מיינער איז — דאָס לעבען צו פערניכטען...

— דאָס וועל איך זיי ניט זאָגען.

— צי שפּיעלסטו מיט זיי אַ קאָמעדיע? — האָט גאַרדאַן מיט פעראַכטונג געפרעגט.

— יאָ... ווייל דאָס איז אויך דער זעלבער המון, וועלכען דו האָסט דאַ אויפגערייצט. צייטווייליג דאַרף איך זיי נאָך.

— ...צייטווייליג, מעגליך, אַז גיך וועלען מענשען הנאה האָבען פון דער פעראַכטונג פון לעבען, און דאַמאָלס וועט מען ניט דאַרפען מאָלען פאַר זיי בילדער פון אַ בעסערער צוקונפט.

— מעגליך... גאָרדאָן האָט זיך פערטראַכט.

— יאַ, יאַ, דו ביזט ווירקליך גערעכט — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטהאָן. — צייטוויילינ נאָך... פיעלייכט וועלען מיר שוין נעכס־טעם יאָהר זיין אימשטאַנד אַהן זיי אַלץ צו טהאָן? דו, פּריעסט, הארטמאַן און איך...

— הארטמאַן איז אַ וואונדערבאַרער מענש. נאָכ'ן אויסברוך, האָט ער מיט דער גרעסטער רוהיגקייט דיספּוטירט מיט אַסטאַפּ'ן וועגען באַקונין און שאָפּענהאַוער. חע, חע... ביידע זיינען זיי פּעסי־מיסטען, נאָר שאָפּענהאַוער וויל דאָס לעבען ניט אָפּפערען. באַקונין וויל אַלץ פערניכטען אַהן רחמנות. הארטמאַן איז זעלטען רוהיג. נו, בלייב געזונד. ביי פּיליפּ און זאָ ווייטער....

זיי האָבען זיך אומגעאַרעמט.

גאָרדאָן האָט זיך איינגעהערט; אַ שליטען איז צוגעפאָהרען.

— דו מוזט דאָס טהאָן! — האָט באַטקאַ מיט אַ זיכערען און שאַרפען טאָן אַ זאָג געטהאָן.

— גוט.

באַטקאַ איז פערשוואונדען.

גאָרדאָן איז אין פאָרהויז אַרויסגעגאַנגען, אום מיזערסקי'ן צו בעגעגענען.

מיט בעוואונדערונג האָט ער בעמערקט, דאָס צוזאַמען מיט איהם איז אויך העליא געקומען.

— העליא האָט דורכאויס געוואָלט מיט מיר פאָהרען, אום פּאַ־ליאַ'ן צו בעדיענען — האָט מיזערסקי געזאָגט. — זי איז דאָך, איי־גענטליך, אויך אַ דאָקטאָר. אָבער ווי אַזוי איז דאָס אָרימע מיידעל אַהער געקומען?

ער האָט אַליין קוים פערשטאַנען, וואָס ער זאָגט.

גאָרדאָן האָט געענטפערט מיט קורצע, אָבגעריסענע ווערטער.

אין דער זעלבער מינוט האָט ער בעמערקט, אַז העליא האָט איהם מיט אַ דורכדרינגענדען בליק אָבגעמאָסטען.

— איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר, פרייליין העליא, וואָס איהר האָט זיך בעשלאָסען צו קומען...

זי האָט דעם קאָפּ אין אַ זייט אויסגעדרעהט.

— וואו ליגט זי?

גארדאן האט די טהיר פון זיין שלאפצימער געעפענט און האט זיך אין קאבינעט אריין אומגעקעהרט. ער איז געווען אזוי פערמאטערט, דאס ער האט זיך קוים אויף די פיס געהאלטען.

— גוט, וואס עס איז אזוי געשעהן — האט ער געמורמעלט — אויב ניט, וואלט די אויפטרייסלונג, וועלכע איז ארויסגערופען געווארען דורך דער געשיכטע מיט'ן קאנאריק, אהן שפורען ניט פערשוואונדען.

און ער האט ווייטער געפיהלט די זעלבע גלייכגילטיגקייט, וואס געסטערן, בנוגע צו זיך און צו אנדערע.

הינטער איהם, ערגעץ אין דער טיעפעניס, האט א פייער די שטאדט פערשלונגען.

ווען אימיצער וואלט איהם געפרעגט „צי האסטו דאס געטהאן? וואלט ער אהן צווייפעל געענטפערט: יא.

יא, יא, טויזענד מאל יא.

ער האט זיך דאס פארגעשטעלט פראכטפולער, מעכטיגער.

אלץ איז איהם יעצט כמעט עקעלהאפט געווען.

ער האט געהאפט צו שטילען זיין האס, אבער ער האט בלויז פערלאכטונג געפיהלט.

ווי קלעגליך, ווי שמוציג דאס אלץ איז געווען. א קליין ביסעל פייער; א קליין ביסעל געלד. עס וואלט אפילו ניט געקלעקט, אום א גרויסען סטרייק אנצופיהרען.

און מענשען — ווי זינלאזע חיות — ווערען מיט וואהנזיניגען שרעק ארומגעכאפט! ער האט זיך דערמאהנט אן זייערע געשרייען, קולות, פראצעסיעס, זייער אונזיניגעס ארומלויפען אהין און אהער.

— לעכערליך!

אבער יעצט מוז ער ווייטער פארטזעצען זיין ארבייט, אום ער זאל קענען דעם גרויסען טהאט פערווירקליכען.

ער האט לאנג, לאנג געקוקט דורכ'ן פענסטער אין דעם שימערען פון טאג.

יא... עס האט געטאגט. דער לעכערליכער, באנאלער טאג מיט'ן בעגעהר פון לעבען איז אנגעקומען.

דער דאקטאר איז אריינגעקומען.

— דאס ארימע מיידעל האלט זעהר שלעכט...

ער האט זיך די הענד אבגעוואשען.

גארדאן האט שווייגענדיג אויף איהם געקוקט.

— וואס דענקט איהר וועגען דיזער שרעקליכער שרפה?

— דאס ביסעל פייער! — האט גארדאן געזאגט געגצליך בער־וואוסטלאז.

מיזערסקי האט אויפמערקזאם געקוקט אויף איהם.

— מיר שיינט, אז אויך איהר זיינט ניט פאלקאם געזונד. איהר האט פיבער...

גארדאן'ען איז אונאנגענעהם געווען, וואס דער אלטער האט מיט אזא אויפמערקזאמקייט אויף איהם געקוקט.

— איהר זעהט שוין אין מיר אייער צוקינפטיגען פאציענט. נו, דאס וועט ניט זיין אזוי גיך... ער האט פרובירט א שמייכעל מהאן, נאר ער איז געווען אזוי פערמאטערט, אז די בעוועגונג פון געזיכט האט איהם שמערצען פערשאפט.

— איך דענק.. — מיזערסקי האט דעם פוטער אנגעטהאן.

— העליא וועט דא פערבלייבען. איך האף, אז איהר וועט גאר ניט האבען געגען דעם.

— מהיכא תיתי, אין נעגענטהייל... איך שעץ זיך גליקליך.

— איך וועל אייך יעצט אליין אבפיהרען. איך מוז אויפזוכען דעם ארימען ווראנסקי.

ער האט דעם הוט ארומגעזוכט.

— וועט זי שטארבען? — האט ער פלוצלינג געפרעגט.

— עס וועט זיך נאך היינט ענדיגען.

— נאך היינט?

— אזוי דענק איך.

אין דיעזען מאמענט האט גארדאן געפיהלט מיט א מאדנער זי־כערהייט, אז פאליא וועט שטארבען, און אין דעם זעלבען מאמענט האט ער, ווי אין שלאף, דערזעהען העליא'ס אויגען, וועלכע האבען זיך מיט א שרעקליכען פארוואורף אין זיין הארץ איינגעגראבען.

ער האט זיך צולאכט מיט א קורץ געלעכטער.

— נו, דאָקטאָר לאַמיר פאָהרען.

גאָרדאָן האָט אַבגעשיקט דעם שליטען אהיים, האָט זיך פריינד־ליך מיט מיזערסקי'ן געזעגענט, איז נעגאַנגען אַ ווײַלע און האָט זיך אָבגעשטעלט.

ער האָט אייגענטליך געהאַט אַ פערלאַנג צו בעזוכען ווראַנסקי'ס קבר און, פּילייכט, זאָגען עטליכע ווערטער איבער דעם שטויב פון זיין קערפּער, אויף די חורבות פון'ם אָבגעברענטען ראַטה־הויז.

ווראַנסקי איז אָהן ספק אין ראַטה־הויז אומגעקומען.

גאָרדאָן האָט זיך פּלוצלינג דערמאָהנט, אַז ער האָט געסטערן סטעפּאַן'ס וואוינונג ניט פערמאַכט. — פּראַכטפול... ער האָט גע־קענט דאָרט רוהיג עטליכע שטונדען שלאָפען.

ער האָט צופריעדען אַ שמייכעל געטהאָן.

ער איז געגאַנגען און געטראַכט איבער'ן וועג, זאָגאָר מיט אַ גע־ווייסען פערגעניגען, וויפיעל חשד עס האָט זיך געגען איהם אָנגעקלי־בען. אין אמת'ען האָבען דאָך אַלע געדאַרפט ווייסען, אַז פּאַליאַ איז ניט אין פּיבער געקומען צו איהם צו לויפען, ווי ער האָט דאָס מי־זערסקי'ן דערצעהלט, נאָר אַז ער האָט זי אַליין געבראַכט צו זיך און ער האָט דאַרום געמוזט האָבען אַ ידיעה וועגען סטעפּאַן'ס געהיימניס־פאָלער פערשווינדונג. זיי האָבען אויך געדאַרפט ווייסען, אַז אַסטאַפּ האָט זיך אויפגעהאַלטען ביי איהם אין הויז און אַז דאָס זעלבע הויז האָט געדיענט אַלס בעהעלטעניס פאַר דעם געהיימניספולען מענש, דעם מענש, וועגען וועלכען קאַשיאַ וואָלט געווים פיעל געקענט דערצעהלען...

טאַקע יאָ, אָבער דאָך האָט דאָס אַלע ניט געקענט דיענען אַלס געריכטס־בעווייזע.

ער האָט זיך נאָר געבראַכען דעם קאָפּ איבער דער פראַגע, ווי דער פּראָקוראָר וואָלט זיך ערקלעהרט די פערשווינדונג פון צוויי מענ־שען...

דריי, דריי מענשען, צי מוז ער דאָס ווירקליך טהאָן? די פּיס האָבען ביי איהם אָנגעהויבען צו ציטערען, ער האָט זיך געוואַקעלט.

יאָ, דאָס האָט געמוזט געשעהן. ער האָט עס שוין לאַנג גע־וואוסט.

ער האָט די ציין צוזאַמענגעדריקט.

אָבער ווער האָט קאַרטום׳ס זומער־הויז אונטערגעצונדען? וואָהר־שיינליך וואָראַנסקי׳ס שוועסטער־קינד... אַ פּראַכטפאָלע זאַך, וואָס דאָס איז אַם וועניגסטען געשעהן...

וואָראַנסקי׳ס צימער איז פול מיט רויך געווען.

די קנויט פון לאָמפּ איז אין גאַנצען אויסגעברענט געוואָרען.

גאַרדאַן האָט דאָס פענסטער געעפענט, נאָכהער האָט ער פון אינווייניג די טהיר פערשלאָסען, איז אין פּאַליאַ׳ס צימער איבערגע־גאַנגען, האָט זיך אויפ׳ן בעט אַ וואָרף געטהאָן און איז גלייך איינגע־שלאָפען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט שפּעט נאָכמיטאָג. ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט לאַנג דאָס צימער בעטראַכט: דער קאַנאַריק איז געלעגען קראַנק ביי א י ה ם...

אין קיך האָט ער ברויט און פּוטער געפונען. ער האָט מיט גרויס אַפּעטיט געגעסען.

נאָכהער האָט ער דאָס הויז פערמאַכט, האָט דעם שליסעל אין קעשענע בעהאַלטען און איז אויף דער גאַס אַרויסגעגאַנגען.

פון ערגעץ וויים האָט ער אַ געשריי דערהערט, נאָכהער האָט וויי־טער אַ שטילקייט געהערשט און ווייטער האָט אַ לאַנג, אויסגעצויגען געשריי אַבגעקלונגען.

— אַהאַ! יעצט פאַנגט זיך אַן — האָט ער מיט אַ צופריעדענ־הייט געטראַכט. ער האָט זיך געפרעהט מיט דער פּינקטליכקייט, מיט וועלכער זיינע פּלענער האָבען זיך ענטוויקעלט.

אויפ׳ן מאַרק אונטער דעם אָפענעם הימעל, איז אַבגעהאַלטען געוואָרען אַ גראַנדיעזע אַרבייטער־פערזאַמלונג.

דאָס איז געווען עטוואָס אויסערגעוועהנליכעס אין יענער שטאָדט.

אין אַלע פענסטער האָט גאַרדאַן געזעהן מענשען, וואָס האָבען מיט אַנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט געקוקט אויף דיזען אונגע־וועהנליכען אַנזיכט.

אַקאַנעק איז געשטאַנען אויף אַ פאַס און, שרייענדיג מיט אַלע קרעפטען, האָט ער גערעדט, ווענדענדיג זיך צום המון.

עטליכע אינגלעך האבען פארנאנדערגעטהיילט צווישען די אר־בייטער פראקלאמאציעס, וועלכע זייגען אויף רויט פאפיער געדרוקט געווען.

אויף יעדער פראזע, וואס אקאנעק האט ארויסגערעדט, האט דער המון מיט דונערענדע אפלאדיסמענטען געענטפערט. א פיבער־האפטע אויפרעגונג האט די מענשען ארומגענומען. זיי האבען אויף דעם אינהאלט פון דער רעדע גאר קיין אויפמערקזאמקייט ניט גע־שענקט. זיי האבען זיך געפרעהט בלויז דערמיט, וואס זיי האבען בע־קומען די מעגליכקייט אויסצוגיסען פון הארץ די שנאה און פער־אכטונג.

— דיזער הונט איז אנטלאפען — האט אקאנעק געשריען — ער האט אונזערע טעכטער געשענדעט, האט פון אונזער שוויס גע־לעבט, האט דעם מארך פון אונזערע ביינער אויסגעזויגען, האט די פאבריק אונטערגעצונדען און מיט מיליאנען וואס ער האט בעקומען פון פייער־פערזיכערונג, איז ער אנטלאפען קיין אמעריקא צוזאמען מיט זיינע מוידען!...

דער המון האט א ווילע געשריען און געברומט.

— לעבען פון שוויס... איז א פראכטפולער אויסדרוק! אקאנעק איז שארפזיניג — האט נארדאן געטראכט און האט צופריעדען א שמייכעל געטהאן.

— ברידער! ברידער! — האט אקאנעק געשריען, בעוועגענדיג זיך ענערגיש מיט'ן גאנצען קערפער — וואס וועלען מיר יעצט אנ־פאנגען? וואו וועלען מיר ארבייט בעקומען? ברויט?! צי דען וועלען מיר פון הונגער שטארבען?

אייניגע פאליציי־לייט האבען צווישען המון זיך א וועג דורכ־געשניטען. שטופענדיג זיך, האבען זיי געשריען: „אין נאמען פון געזעץ!“ נאר דער המון האט זיי אויסגעלאכט און האט זיך אם ענ־דע אויף זיי ארויפגעווארפען; זיי זיינען פערשוואונדען, ווי דראבנע ווערים אונטער גרידעס שנעע.

— די שטאדט מוז ארבייט געבען. מיר פאדערען דאס — מיר וועלען צום בירגער־מייסטער געהן.

— צום בירגער־מייסטער! — האט דער המון געשריען.

— נו, דאס וועט זיין שעהן — האט נארדאן געטראכט — אריי־מער פעטער, ארימער שטאדט־ראטה...

אקאנעק האט מיט די לעצטע קרעפטען געשריען. זיין שטימע איז געווען אונגאטירליך שטארק. דאס איז שוין ניט קיין מענשליכע שטימע געווען; אין פאנאטיזם פון האס איז דיזער פויער אין א ריעזן אויסגעוואקסען.

— און אויב מען וועט אונז ניט געבען קיין ברויט, ניט געבען מעהר רעכטע, וועלען מיר זיך אלע אליין נעהמען! און יעצט רוהיג, ברידער, רוהיג!

ער איז צווישען המון פערשוואונדען. דער גאנצער מארק איז מיט מענשען געפאקט געווען. נאר עפעס ווי דורך א וואונק פון א צויבער־האנד האט זיך דער טויזענד־קעפיגער המון א ריהר געטהאן און האט מיט געשריי איבער דער ברייטער גאס געשטראמט. פלוצלינג האבען אנגעהויבען רויטע פאהנען צו פלאטערען. אימיצער האט אנגעפאנגען צו זינגען א ליעד, וועלכער עס האבען הונדערטער שטימען אונטער־געכאפט, א ליעד, וועלכע קיינער, אויסער די ארבייטער, האט אין שטאדט ניט געקענט, א ווילדע, הארץ־רייסענדע ליעד פון ראכע: „די רויטע פאהן".

נארדאן איז מיט'ן המון געגאנגען. דאס הארץ האט ביי איהם שרעקליך געקלאפט.

פאר דעם בירגער־מייסטער'ס הויז האבען זיך די ארבייטער אב־געשטעלט.

די גאנצע גאס איז מיט מענשען פול געווען. עס האט זיך אנגע־פאנגען א שרעקליכע ענגשאפט.

עס האט פלוצלינג א טויטע שטילקייט געהערשט. מען האט נאר געקענט הערען דאס צומאכען פון טהירען און די קראמען, דאס מורא'דיגע פארצאמען פון די אויסשטעלונגס־פענסטער: די איינוואוינער האבען זיך אין די היימען אײַנגעשלאסען...

— בירגער־מייסטער! — האט אימיצער א געשריי געטהאן. און באלד האבען אלע געשריען מיט הייזעריגע, בייזע שטימען: בירגער־מייסטער! בירגער־מייסטער!

דער בירגער־מייסטער איז אם ענדע אויפ'ן באלקאן ארויס־

געגאַנגען, שטום פון שרעק, מיט אַן אַפּאַפּלעקטיש פלאַמענדיק גע־זיכט. די אויגען זיינען ביי איהם אַרומגעלאָפען, ווי ביי א משוגע־נעם. ער האָט דאָס אַלץ ניט געקענט פערשטעהן. דיזער אויפשטאַנד אין מיטען העלען טאָג. פון ערגעץ קיין הילף. פון ־געץ קיין ראַטה. אפילו גאַרדאַן האָט איהם פערלאָזט.

די שוואַרצע מאַסע, וועלכע האָט די גאַס בעגאָסען, האָט ביי איהם דעם פערשטאַנד אָוועקגענומען.

— הערר בירגער־מייסטער! — האָט אַקאַנעק א געשריי גע־טהאָן. — אַט שטעהען די אַרימע מענשען, וועלכע האָבען, א דאַנק שניטלער'ס נידערטרעכטיגקייט, זייער ברויט פערלאָרען. יעצט מוז ד' שטאָדט זיי אַרבייט געבען!

— אַרבייט! אַרבייט!

— רוהיג! — האָט אַקאַנעק מיט א הייזעריגער שטימע א גע־שריי געטהאָן, און עס איז וויטער שטיל געוואָרען.

— וואָס? וואָס? דער בירגער־מייסטער האָט קיין וואָרט ניט פערשטאַנען.

— מיר ווילען פון הונגער ניט שטאַרבען! — האָט אַקאַנעק גע־שריען.

— פון וואַנען זאָלען מיר ברויט נעהמען?

אין דיזען מאָמענט איז דער בירגער־מייסטער אין א ווילדער פערצווייפלונג אַריינגעפאַלען. ער האָט געזעהען, ווי דער המון האָט א שרעקליך לאַנגע האַנד צו זיין האַלז אויסגעצויגען, ער האָט געפיהלט, ווי די טויזענד־קעפיגע היענע וואַרפט איהם אום, שטיקט איהם און צורייסט איהם אויף שטיקער...

— הינט! — האָט ער הייזעריג אויסגעשריען — איך וועל בע־פעלען צו שיסען אין אייך!...

דעמאָלט האָט זיך ערוועקט דאָס געשריי און געוויין פון טויזענ־דער הונגעריגע, ברויט־גיעריגע שטימען. אין איין אויגענבליק האָט זיך פערשפרייט א קלאַנג, אַז דער בירגער־מייסטער האָט נאָך מיליטער טעלעגראַפירט, אַז אין א ווײַלע אַרום וועט מען אויף זיי שיסען. דאָס האָט ביים המון דעם פערשטאַנד אָוועקגענומען. די ליידענשאַפטען

האבען זיך צושפּיעלט און האבען, ווי א ווילדער טייך יעדען צוים צושטערט.

— ברויט! ברויט!

עפּעס אַן ארבייטער האט אויסגעבראכען דאס פענסטער פון א פלייש־קראם. דאס איז א סיגנאל געוועז.

אין איין אויגענבליק האט זיך דער המון געווארפען אויף די פלייש־קראמען און בעקערייען. מען האט טהירען און פענסטער אויס־געבראכען, ווילדע טריאומף־געשרייען האבען פערהילכט דאס קרעכצען און געוויין פון די פערשטיקטע און צוטרעטענע.

גארדאן האט זיך צו דער וואנד צוגעדריקט. מיט פיעל מיה האט זיך איהם איינגעגעבען פון דיזער ענגשאפט זיך ארויסצורייסען. ער איז בעטויבט געוועזען פונ'ם געשריי, נאר זיין נשמה האט אוים פרייד פון פערניכטונג געפלאמט.

פּלוצלינג איז עטוואס שרעקליכעס געשעהן.

עפּעס א סוחר האט אין המון געשאסען.

דער המון האט זיך אין א ווילדער חיה פערוואנדעלט. די נקמה פון פאלק איז ביז'ן הימעל אויסגעוואקסען און, ארומנעהמענדיג די שטאדט, האט זי פערניכטונג פערשפּרייט.

און אויך גארדאן איז אויפגעוואקסען. א קראפט פון ענערגיע, וועלכע איז איהם פריהער אונבעוואוסט געוועזען, האט אין זיי נשמה ארוונגעשטראמט.

— דאס איז א פארשפּיעל — האט ער צו זיך אליין אין דער הויך געזאגט.

דאס איז געוועזען אין גאנצען עטוואס אנדערש, ניט ווי דיזע לעבערליכע שרפה פון נעכטען ביינאכט.

דאס איז כמעט א גליק געוועזען.

אבער נאך מעהר! מעהר! גאנצע שטעדט, גאנצע פראוווינצען, דאס גאנצע לאנד, די גאנצע וועלט פערניכטען: דאס וואלט אן א מ ת גליק געוועזען.

ער האט שווער געאטהעמט, ער איז שיער אין אונמאכט געפאַ־לען. עס איז איהם פאר די אויגען פינסטער געווארען: ער האט אייניגע סעקונדען גאר ניט געזעהען, גאר ניט געהערט...

ער האָט זיך אויף דער ערד אוועקגעזעצט. די שוואַכקײַט איז פאַרשוואונדען.

אָקאַנעק איז געשטאַנען און האָט געוואַרט.

2.

עס איז כמארנע געווארען און עס האט ווייטער אנגעהויבען צו רעגענען. א פייכטע קעלט האט זיינע גליעדער דורכגענומען. ער איז אין גאנצען דורכגענעצט געווארען און די ציין האבען ביי איהם גע־קלאפט, ווי אין א פיבער.

אין קאפ האט ביי איהם גערוישט. ער האט זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז די זאך וועט אזא כאראקטער אננעהמען. די גע־שעהענישען פון די לעצטע עטליכע שטונדען האבען זיך פאר זיינע אויגען פארגעשטעלט.

ער האט געזעהן, ווי דער המון האט זיך אויף די קראמען גע־ווארפען, ווי ער האט גערויבט און פערניכטעט. ער האט געזעהן דעם צובלוטיגטען, צוריסענעם קערפער פון סוחר, וואס האט אין המון אויס־געשאסען; ער האט געזעהן דאס מיליטער ארייןקומענדיג אין שטאדט; ער האט געזעהן, ווי מען האט דעם המון מיט שווערדען צוטריבען.

און פאר דעם אלעם האט ע ר געמוזט פעראנטווארטליך זיין.

ער איז שוואך געווארען פון שרעק.

אבער וואס פאר א שלעכטס האט ער געזאגט? ער האט דאך בלויז ביים בירגער־מייסטער געוואלט ארבייט בעטען. און ער האט ווירקליך געבעטען אונטערטהעניג און מיט דרך ארץ.

נאר נאכהער האט ער זיך דערמאנט אלץ, וואס ער האט גע־זאגט, ווי ער האט אויפגעהעצט די ארבייטער, ווי ער האט זיי אויפ־געפאדערט, דאס זיי זאלען פאר זיך אליין גערעכטיגקייט אויס־קעמפפען.

ער איז ניט אימשטאנד געווען אבצואטהעמען פון שרעק.

און ער האט זיך שוין געזעהן פערראטהען, געבונדען, אין טורמע ארייןגעווארפען...

דיזער פערפלוכטער גארדאן האט איהם צו דעם אומגליק גע־בראכט; אבער ער וועט אונשולדיג ניט ליידען, ער וועט אלעס דער־

צעהלען. מען האט איהם בעטויבט, מען האט איהם גענויט צו אלץ... און דאס — מיט'ן וואלד־וועכטער... ע־ע! גארדאן וועט זיך היטען צו דערמאנען וועגען דעם. פאר וויסען און פערשווייגען וואלט מען איהם שעהן בעשטראפט.

עס איז איהם שרעקליך קאלט געווארען. ער איז געלאפען אהין און צוריק, נאר זיין שרעק איז אונבגרענצט געוואקסען און האט געגצליך זיינע גליעדער אבגעשוואכט.

יעצט האט גארדאן איהם געמוזט העלפען — יעצט האט ער איהם געמוזט העלפען, ריזער לומפ!

אין דער זעלבער מינוט האט ער א שטילעס פייפען דערהערט. דאס איז גארדאן.

אקאנעק האט אבגעאטהעמט...

— וואס דענקסטו יעצט צו טהאן? — האט גארדאן געפרעגט.

— איהר מוזט מיר יעצט העלפען! איהר האט מיך צו דעם אומ־גליק געבראכט.

— האסטו דען ניט געוואוסט, וואס דו טהוסט?

— איך האב ניט געוואוסט. איך בין בעטויבט געווען. איהר האט מיר געזאגט, אז עס האנדעלט זיך דא וועגען אן אונשולדיגע אגיטאציע צום נוצען פון די ארבייטער, און געענדיגט האט זיך עס מיט רויב און מערדעריי... יעצט מוזט איהר מיר העלפען. איך זאג דאס נאר פאר אייער טובה וועגען.

— וואס הייסט פאר מיין טובה וועגען?

— איהר האט דאך אלץ אנגעפיהרט און איך בין בלויז א בלינד געצייג געווען.

גארדאן האט געשוויגען.

— אלזא, וואס דענקסטו יעצט צו טהאן? — האט ער פלוצלינג געפרעגט.

— יענער, דער אונבעקאנטער, האט מיר געזאגט, אז איהר וועט מיר געלד און א פאספארט געבען.

— נו, קום.

— וואוהין? — אקאנעק האט א מארגע אונצוטרוי ארויסגעווי־זען.

— דו דענקסט, אז דאס טהוט זיך אזוי געשווינד? איך וועל דיך איניגע טעג בעהאלטען ביי זיך אין הויז, ביז איך וועל אלץ איינ־ אָרדנען.

זיי זיינען געגאנגען און געשוויגען.

— ווען מען זאל מיך כאפען, וואלט די זאך א שלעכטע ווענ־ דונג אנגענומען — האט אקאנעק פלוצלינג א זאג געטהאן. ער האט געפיהלט אן אונבעקעמפפבארען פערלאנג צו רעדען.

— דענקסט, אז דו קענסט פאר זיך ניט גאראנטירען?

— אַה, איהר ווייסט ניט, וואס טורמע איז אזעלכעס. א מענש קען דארט משוגע ווערען, קען זיך מודה זיין אויף אלץ אין דער האפ־ נונג, דאס מען וועט איהם בעפרייען; מען קען אייגענע עלטערן פער־ ראטהען, אבי אויף דער פרייהייט ארויסצוקומען. געפענגנים איז ער־ גער פון טויט. און פאר דיזען אונטערצינדען, פאר דיזען מארד דראהט צוואנציג, דרייסיג יאהר געפענגנים...

גארדאן האט גאר ניט געזאגט.

אקאנעק האט געציטערט פון שרעק. ער האט געוואלט יעצט רע־ דען, אום זיין שרעק צו פערטויבען.

— די סאלדאטען האבען פינף מענשען דער'הרג'עט. נאר עס איז ווירקליך אונמעגליך געווען דיזע חיות איינצוהאלטען. זיי האבען געמוזט רויבען, פערניכטען, מארדען...

אקאנעק האט זיין לאנגע פערטהיידיגונגס־רעדע אנגעפאנגען.

... ער האט נאטירליך געמיינט, אז דאס אלעס וועט זיך אויף דעם בעסטען אופן איינאָרדנען; ער האט בלויז געוואלט לערנען די ארבייטער, וואס זיי האבען צו טהאן...

... גאָט, גאָט, ווען ער וואלט זיך געקענט פארשטעלען, וואס פון דעם וועט ארויסקומען...

ער האט גערעדט אהן אן אויפהער, איבער'חזר'ענדיג כסדר איינס און דאסזעלבע, ער האט זיך בלויז איבערגעשלאגען מיט אויסגעשרייען פון פערצווייפלונג בנוגע דעם אומגליק, אין וועלכען גארדאן האט איהם ארייננעשלעפט.

... אונטערצינדען! אונטערצינדען די פאבריק פון א פראצענט־ ניק. יא, דאס איז אין גאנצען עטוואס אנדערש! דאס איז א מין

פערזענליכע בעלוינונג פאר גערעכטיגקייט. אבער אויפהעצען אומשול־דיגע מענשען צו רויב און מארד... ניין! דאס טאר מען ניט. איבער־געגס, האט ער גארניט געוואוסט, וואס ער רעדט. מען זאל איהם גע־ווען אויף שטיקלעך צושניידען, וואלט ער קיין איין ווארט פון זיין רע־דע ניט געקענט איבער'חזר'ען. יענער אומבעקאנטער האט זי איהם געגעבען, און ער האט זיך אויסגעלערענט אויף אויסווענינ, ווי א פאפר גאי... דער אומבעקאנטער האט איהם אויך פערזיכערט, אז מען קען איהם דערפאר גארניט טהאן, אבער איצט יאגען זיך נאך איהם סאל־דאטען, ווי משוגענע, זוכען איהם, אום אין געפענגניס צו פאר־שפארען.

— פון וואנען ווייסטו דאס?

— איך האב געזעהן, דאס מען האט פיעלע מענשען ארעסטירט און יענע וועלען געווים אלעם דערצעהלען. גאט, ווי זיי וועלען דאס אויפזינגען!

זיי זיינען צום מארק־פעלד געקומען.

אקאנעק האט נאך אלץ הויך געפלאפעלט. וואס מעהר גארדאן האט געשוויגען, אלץ א גרעסערער פערלאנג צו רעדען האט זיך ביי איהם ערוועקט.

... גארדאן איז אין זיין גאנצען אומגליק שולדיג.

... זייט ער האט דעם וואלד־וועכטער דערשאסען — און ער האט איהם געמוזט דערשיסען, אום זיין אייגען לעבען צו פערטהיידי־גען — האט ער זיך אונטער דער מאכט פון א בייזען גייסט געפונען. גארדאן דארף אויף איהם ניט אין כעס זיין דערפאר, אבער פאר איהם, פאר אקאנעק'ן, איז ער נאך ערגער, ווי א בייזער גייסט... עס איז פאר איהר זעהר אנציהענד די אגיטאציע פאר אן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאג און פאר העכערע שכירות. גארדאן ווייסט דאך, ווי ענערגיש ער האט דיזע אגיטאציע געפיהרט. נאר דאס, וואס איז היינט געשעהן...

דאס איז געווען א צוזאג, וואס האט זיך כסדר איבערגע'חזר'ט. מיט יעדען שריט פארווערטס איז ביי איהם געוואקסען די שרעק און מורא פאר דאס אומבעוואוסטע, וואס האט איהם ערווארטעט. עס האט זיך איהם געדאכט, אז אימיצער געהט הינטער איהם כסדר, טריט

ביי טרים.

זיי זיינען ארויסגעקומען אויף א שמאלער סטעזשקע, וואס איז צווישען צוויי טארף־טהאלען געווען.

— וואוהין געהען מיר? — האט אקאנעק געפרעגט און האט זיך דערשראקען ארומגעקוקט.

אין דעם זעלבען מאמענט האט גארדאן מיט אלע קרעפטען איהם פון משופּע'דיגען ברעג אראבגעשטופּט.

אקאנעק האט א טהיריש געשריי ארויסגעלאזט און איז איבער'ן קאפּ דערטרונקען געווארען.

אראבשטופּענדיג אקאנעק'ן, האט זיך גארדאן אליין אויסגע־גליטשט און איז אויף הינטען אומגעפאלען.

און איידער ער האט צייט געהאט זיך פון דער גליטשיגער ערד אויפצוהויבען, האט אקאנעק זיך ארויסגעדראפּעט און, קעטשפּענדיג מיט'ן טוים, האט ער זיך פאר גארדאן'ס פיס אנגעכאפּט. גארדאן האט געפיהלט, ווי ער שלעפּט איהם מיט א שרעקליכער קראפט. ער האט געפיהלט, ווי דער דורכגעווייקטער טארף גליטשט זיך איהם פון אונטער די פיס ארויס. נאר אין'ם זעלבען מאמענט האט ער איין פוס ארויסגעריסען און מיט אן אונמענשליכען כח האט ער אקאנעק'ן איבער'ן קאפּ א קלאפּ געטהאן.

א שרעקליך געשריי.

גארדאן האט זיך אויפגעהויבען און מיט דער שנעלקייט פון א בליץ איז ער דעם טהאל ארומגעלאפען. אויף דער צווייטער זייט זיי־נען געלעגען הויכע קופּעס טארף, וועלכע ער האט מיט א פיבערהאפּ־טער שנעלקייט געגומען אין וואסער אריינווארפען.

ער האט בעקומען קרעפטען פון א ריעז. אין עטליכע מינוט האט ער אין גאנצען פערשאטען דעם טהאל אין יענעם פּלאץ, וואו ער האט אקאנעק'ן אריינגעווארפען.

ערשט דאמאלס איז ער צום בעוואוסטזיין געקומען, און ער האט א פערלאכטונג געפיהלט.

— ניין! צום טייפעל! ער איז נאך אזוי נידריג נים געפאלען. ער זאל בעגרעבער פון פויערים ווערען.

ער האט געווארט, אויב אקאנעק וועט זיך ווייטער נאך ארויס־דראפען.

— ניין!

ער האט שוין געוואלט אוועקגעהן. נאר פלוצלינג האט זיך איהם געדאכט, אז דאס אלץ האט בלויז עטליכע־סעקונדען געדויערט, און אקאנעק האט נאך געקאנט לעבען.

ער האט ווייטער געווארט. ער האט אבגעצעהלט ביז טויזענד, אום דעם פערלויף פון דער צייט צו בעשטימען. נאכהער האט ער ווייטער געוואלט געהן. נאר א מאדנע שרעק האט איהם כסדר ביים טהאל פערהאלטען.

אם ענדע האט ער זיך איבערצייגט, אז אקאנעק איז שוין לאנג געווען דערטרונקען און איז אוועקגעגאנגען.

ער האט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט.

דאס איז געווען נויטווענדיג! עס האט געמוזט געשעהן!

וואס פאר א ווערטה האט דאס לעבען פון איין פויער? די ראַ־ליע, וועלכע ער האט געהאט, האט ער שוין אבגעשפיעלט. ער איז בלויז געווען א בלינדע געצייג, און א נאכשלימעל קען אם לייכט־טען פערראטהען א גנב.

ער האט א שפיי געטהאן.

נאר דאס געשריי, דאס שרעקליכע געשריי, האט ער פאר קיין פאל נים געקענט פערגעסען. עס האט איהם כסדר אין די אויערען גע־קלונגען.

אבער וואס מעהר ער האט זיך דערנעהענטערט צום הויז, האט ער ביסלעכווייז אלץ מעהר און דעם געשריי פערגעסען. יעצט האט ער געטראכט, ווי צו פערניכטען די גאנצע פראווינץ... דאס איז געווען דער פלאן פון דער נאהענטסטער צוקונפט. הא, הא, דער לעכערליכער

שאפענהאוער. ער האט געשאלטען דאס לעבען און זיין אייגען לעבען האט ער ניט געוואלט אפפערען.

באקונין איז כאטש געווען קאנסעקווענט...

און ער האט ווייטער געטראכט וועגען דעם גלח, מיט וועמעס הילף ער האט גערעכענט צוציהען פאר זיינע פערניכטונגס־פלענער טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער מענשען, אום צוצוגרייטען פאר הארטמאן׳ען א פעלד צו בויען...

און ער האט א שמייכעל געטהאן.

3.

ווען ער איז געקומען צום הויף, האט ער בעמערקט, אז עס איז ליכטיג אין זיין צימער.

פאליא איז געשטארבען!

ער האט דאס געוואוסט גאנץ זיכער.

אין צימער איז געזעסען העליא מיט קרענקליכע, ברייט־פאר־צאנדערגעעפענטע אויגען. ווען גארדאן איז אריינגעקומען, האט זי אויף איהם א פערביילויפענדען בליק געווארפען און האט ווייטער געקוקט גלייך פאראויס.

פון גארדאן'ס קליידער האט אראבגערונען וואסער און שמוץ, נאר ער האט דארויף ניט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט. זייענדיג שרעקליך פערמאטערט, האט ער זיך א ווארף געטהאן אויף דער שטוהל און האט געקוקט אויף איהר, ניט זעהענדיג זי.

— פאליא איז געשטארבען — האט זי אם ענדע א זאג געטהאן.

— איך ווייס.

עס איז ווייטער פיעל צייט פערביינעגאנגען.

זי איז געוועזען דיין געליעבטע? — האט זי פלוצלינג געפרעגט.

— יא!

זי האט זיך צולאכט אויפ'ן הויכען קול.

— נאך וואס ביזטו דאמאלס געקומען צו מיר? וואס האסטו פון מיר געוואלט?

— איך האב ניט געוואלט בעשמוצט ווערען ביי דיר אין הארצען דורך דיינע בעציהונגען מיט א צווייטען.

— דו זאגסט ליגען.

— ניין! ווען איך בין געקומען צו דיר, האב איך ווירקליך ניט געטראכט וועגען דעם: אבער ווען איך האב דיך דערזעהן, האב איך דיך אויף־דאס־נייע ליעב געקראגען.

— נאך וואס ביזטו אויף אזא אופן ווירקליך געקומען?

— אום צו בעפרייען אסטאפ'ן... ער האט אנגעהויבען דאס לע־בען ליעב צו האבען...

— איהרביידע האט דאס אלעס געטהאן? — זי האט מיט דער האנד אויף דער שטאדט אנגעוויזען.

גארדאן האט ניט געענטפערט.

— וואו איז אסטאפ? — האט זי אין א ווײַלע ארום געפרעגט.

— ער האט זיך אויפגעהאנגען.

זי האט זיך גאר ניט געוואונדערט.

אזוי זײַנען זיי אבגעזעסען פיליכט א שטונדע, ניט רעדענדיג א ווארט.

— היינט האב איך דיך אויפגעהערט צו ליעבען — האט זי אם ענדע ארויסגעזאגט און האט זיך אויפגעהויבען.

זי האט איהם אויף די האנד געגעבען.

ער האט איהר האנד גענומען און א קוש געטהאן.

— איך דאנק דיר — האט ער שטיל געזאגט. — די ליעבע צו דיר האט מיר געגעבען פעסטקייט און פערצווייפלונג. אנדערש וואלט איך אפשר ניט געווען אימשטאנד צו טהאן דאס אלעס...

— בלייב געזונד!

— וואוהין געהסטו?

— א היים.

ער האט א ווײַלע נעטראכט וועגען דעם, אז עס איז נאכט אין דרויסען, אז עס רעגענט. אבער ער האט ניט געזאגט קיין ווארט; ער האט געוואוסט, אז עס איז אונמעגליך זי צו פערהאלטען.

ביי דער טהיר האט זי זיך אבגעשטעלט.

— איז זי ווירקליך דײַן געליבטע געווען?

— יא!

זי איז אוועקגעגאנגען.

גארדאן איז נאך לאנג געזעסען: נאכהער האט ער זיך מעכא־ניש אויפגעהויבען און האט די קליידער איבערגעביטען. אין צימער איז געווען א קאליוזשע שמוציגע וואסער.

ע ק ע ל ה א פ ט!

ער איז אורעקגעגאנגען אין צימער, וואו פאליא איז געלעגען. ער האט לאנג געקוקט אויף די טוידטע שטריכען פון איהר געזיכט, נאכהער האט ער איהר אייז־קאלטע האנד אנגענומען.

דער קאנאריק איז געשטארבען. יעצט האט ער רוה געהאט. פון דרויסען האט דער גראהער פארטאג ארייגעשיינט. גארדאן האט זיך א ווייל פארטראכט.

דער טוידטער'ס האנד האט געבריהט זיינע פויסטען, וועלכע האבען ווי פון פיבער געברענט.

ער האט פון דערווייטענס דערזעהן די טונקעלע שאטענס פון א שפייכלער. דאס איז געווען די קרעמאטאריע, דאס איז געווען אס־טאפ'ס ריעזיגער קבר.

מארגען וועט זיך זיין נשמה אין פייער בעפרייען. מארגען וועט ער זיך פערוואנדלען אין שטויב, פון וועלכען ער איז בעשאפען גע־ווארען.

און מארגען וועל איך זיך בעפרייען פון מיין גאנצער פערגאנ־גענהייט, און זיך געהמען פאר א נייעם טהאט.

ע נ ד ע.

שוין ארוים פון דרוק פאלגענדע ביכער:

דאס „רויטע צימער"

א סאציאלער ראמאן פון דעם גרויסען סקאנדינאווישען דיכטער

אויגוסט סטרינדבערג

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" בעהאנדעלט אלע פראגען פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען אויף א העכסט קינסטלערישען אופן, ווי נור אזא גרויסער קינסטלער ווי אויגוסט סטרינדבערג קען עס טהאן: דער דיכטער שילדערט פאר אונז מיט רייכע לעבעדיגע פארבען אלע רעגיערונגם און געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און מיט זיין שארפע קינסטלערישע קריטיק רייסט ער ארונטער די מאסקע פון די קארופטע פיהרער פון די געזעלשאפט און צייגט אונז אויף, ווי אלץ איז פערפוילט, אלט און קארופט.

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר", האט דער גרעסטער ליטעראטור קריטיקער ג ע א ר ג ב ר א נ ד ע ס געזאגט, איז דאס גרעסטע סאציאלע ווערק וואס איז ווען געשאפען געווארען. דיזער ראמאן האט דעם דיכטער גרויס געמאכט.

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" שילדערט פאר אונז יעדען ווינקעלע פון די געזעלשאפט, ווי: רעגיערונג, אינדוסטריע, פילאנטראפיע, טהעאטער, קונסט, ליעבע, לײדענשאפט און אלע אנדערע טענדענצען און פאראורטהיילען פון די געזעלשאפט.

„ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר" איז איבערזעצט אין אלע ציוויליזירטע שפראכען און האט געמאכט דעם גרעסטען ערפאלג. איצט איז אויך די אידישע ליטעראטור רייכער געווארען מיט אזא גרויס ווערק ווי „ד א ס ר ו י ט ע צ י מ ע ר".

פרייז — שעהן געבונדען, מיט פארטא 1 דאלאר.

אין זעלבען פערלאג איז נור וואס ערשיענען

„מיליאנען" פון מ. ארציבאשעוו

דער ראמאן „מ י ל י א נ ע ן" האט געמאכט נאך א גרעסערען רושם ווי „סאנין". דאס ווערק שילדערט אין לעבעדיגע בילדער דאס גאנצע לעבען פון קאפע שאנטאנען ביז'ן פאבריק, מיליאנערען, שריפטשטעלער, קינסטלער אין זייער צוזאמענטרעפען זיך מיט די פרויען פון דער „אונטער וועלט". דער ראמאן „מיליאנען" איז שעהן געבונדען. פרייז 60 סענט מיט פארטא.

פערלאג מ. יאנקעוויטש, נויארק.

פאלגענדע ביכער זייגען שוין ערשיענען:

ס. פשיבישעווסקי דעם טייפעל'ס קינדער,
ראמאן, — — — — — — — — — — — גבונדען .80
סאניו, ראמאן פון מ. ארציבאשעוו — — — גבונדען $1.00
מיליאנען, ראמאן פון ארציבאשעוו, — גבונדען .60
די פרויען, פון ארציבאשעוו, נאוועלען. גבונדען .60
די ווייב, פון מ. ארציבאשעוו — — — — — — — — .15
די פערגוואלטיגטע, פון מ. ארציבאשעוו — .10
ליעבע און לײדענשאפט, ראמאן
פון מ. ארציבאשעוו — — — — — — — — — — — .25
אייפערזוכט, פון מ. ארציבאשעוו — — — — — .25
דער רויטער געלעכטער, פון לעאנ. אנדרעיעוו .20
דאס רויטע צימער, סאציאלער ראמאן,
פון אויגוסט סטרינדבערג — — — — גבונדען 1.00
דער פאטער, טראגעדיע אין דריי אקטען
פון אויגוסט סטרינדבערג — — — — — — — — .25
קאמעראדען, פון אויגוסט סטרינדבערג — — — .20
די פערברעכער, פון אויגוסט סטרינדבערג — — .25
טויטען־טאנץ, פון אויגוסט סטרינדבערג — — .20
וואמפיער, פון אויגוסט סטרינדבערג — — — — .15
פאר'ן טויט, טראגעדיע אין איין אקט
פון אויגוסט סטרינדבערג — — — — — — — — .10
מוטער־ליעבע פון אויגוסט סטרינדבערג — — .08
שטארקערע, פון אויגוסט סטרינדבערג — — — .07
אויגוסט סטרינדבערג קאמפליטע דראמען, געבונדען
אין צוויי בענדער — — — — — — — — — — — — — 1.50

דער געשמידעטער פראמעטהעאוס גריכישע
פראגעדיע געשאפען מיט 475 יאהר פאר קריסטוס, פון אסכילאס .15
וועלטעלאה, ערצעהלונגען און בילדער,
פון מ. אדערשלעגער — — — — — — — — — — .30
טיפען און בילדער, ערצעהלונגען און פארלעזונגען
פון אב באראף — — — — — — — — — — — — — — .50
קארטען־שפיעל, א בילד פון ליעבע, חיוראטה
און פאמיליען־פערדארבענהייט, פון מאיער בלינקען — .25
געלד, דראמא אין פיער אקטען, פון מארים גיסנעט — .25
סאציאליזם אין בית המדרש,
פון ל. ראזענצוויינ — — — — — — — — — — — — .10
דאס מאדערנע רעכט, פון סעבאסטיאן פאר .10
אין די שטורם טעג, דראמא אין פיער אקטען,
פון מרים קארפילאוו — — — — — — — — — — — .15
ליטעראַרישער דעקלאמאטאר — — — — .25

פאלגענדע ביכער זיינען אין דרוק און וועלען באלד ערשיינען.

סט. פשיבישעווסקי — דע פראפונדיס — — — — געבונדען .60
מ. ארציבאשעוו — ביים לעצטען שטריך — — — געבונדען 1.25
אויגוסט סטרינדבערג — די וידוי פון א נאר — געבונדען 1.00
פ. דאסטויעווסקי — די ערנידריגטע און בעליידיגטע — 1.25